STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 11744

# FUN HSIDISHN SHTEYGER

Ben Zion Faigon

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

בן ציון פייגאָן

# פון חסידישן שטייגער

ארויסגעבער:
„קאָמיטעט אויף ארויסצוגעבן בן־ציון פייגאָנס שריפטן"

בוענאָס איירעס 1936

Copyright by Comité por editar las obras de B. Z. Faigon

Printed in Argentina

BEN ZION FAIGON

# FUN JSIDISCHEN SHTEIGUER

Cuentos de la vida de los jsidim.

Editor:
Comité por editar las obras de B. Z. Faigon

BUENOS AIRES
1936



# אינהאַלט


| | |
|---|---|
| ר' אברהמלע מלאך זצ"ל | 5 — 10 |
| ר' אליעזר בן אליעזר | 11 — 14 |
| דער שפּאָלער זיידע ז"ל | 15 — 17 |
| שמחת תורה ביים טריסקער מגיד און ביי ר' איציקל נעסכיזשער ז"ל | 18 — 23 |
| די הקפה פון „עוזר דלים" | 24 — 28 |
| ר' נפתלי כ"ץ פון פּויזנאַ | 29 — 37 |
| דער קאָזשעניצער מגיד ז"ל | 38 — 42 |
| דער בעל שם טוב און דער ארון הקודש | 43 — 47 |
| די צוויי שמואלס | 48 — 53 |
| די עשרה בטלנים ביי ר' פּנחס קאָריצער ז"ל | 54 — 62 |
| ר' יששכר בער ז"ל פון ראזשיץ | 63 — 67 |
| דער בעש"ט הקדוש און די אמונה אין גאָט | 68 — 73 |
| ר' אברהם אַבאַשל ז"ל | 74 — 78 |
| ר' שמחה בונם פּערשיסכער און זיין מקורב ר' זלמן ז"ל | 79 — 83 |
| ר' שלום בעלזער זצ"ל | 84 — 88 |
| ר' אורילע סטרעלסקער זצ"ל | 89 — 95 |
| דער בעש"ט ז"ל פאַר זיין התגלות | 96 — 101 |
| ר' מאָטעלע טשערנאָבעלער ז"ל | 102 — 105 |
| ר' אברהם אבאשל און ר' נפתלי ז"ל פון פּויזנאַ | 106 — 109 |
| דער אַפּטער רב ר' אברהם יהושע העשל ז"ל | 110 — 113 |
| ווי אַזוי אַ איד איז פאַרצייטן געפאָרן קיין ארץ־ישראל | 114 — 118 |
| ר' יחזקאל קאַלטשינער ז"ל | 119 — 124 |
| ר' זוסי אַניפּאָלער און ר' יאָפּל, יהושע וואַסער־טרעגערס זון ז"ל | 125 — 137 |

| | |
|---|---|
| ר׳ מרדכי נעסכיזשער זצ״ל | 138 — 142 |
| דער רבי ר׳ אלימלך פון ליזענסק און ר׳ מיכלע זלאָטשעווער ז״ל | 143 — 147 |
| דער ב״ח ר׳ סירקיש און דער ט״ז ר׳ דוד בר׳ שמואל הלוי ז״ל | 148 — 155 |
| ר׳ מאיר פרעמישלאַנער ז״ל | 156 — 163 |
| ר׳ מאיר חריף | 164 — 170 |
| די סלאָוואָטער קדישים | 171 — 175 |
| פאַני חזיר אין פוילן | 176 — 178 |
| דער מעזריטשער מגיד ז״ל און זיין צווייטע פרוי | 179 — 183 |
| עזרה הסופרים תורה און ר׳ צבי קדיש | 184 — 188 |
| די געבורט פון שפאלער זיידע ר׳ לייב ז״ל | 189 — 196 |
| א מעשה פון אן איש חסיד | 197 — 206 |
| פון די ארויסגעבער | 207 — 208 |

# ר׳ אברהמעלע מלאך ז״ל

— 1 —

כידוע, איז ר׳ אברהמלע מלאך — דעם מעזריטשער מגידס זון ז״ל, — געווען אויסגעטון פון אלע תענוגי העולם הזה, און ווען ער איז געבליבן אן אלמן, אלט זייענדיק ס״ה פינפאונצוואנציק יאר, איז לא עלתה על דעתו, ער זאל נאך אמאל חתונה האבן. האט אבער דער מגיד ז״ל געזען ברוח הקדשו, אז א גרויסע נשמה איז דא אין אוצר הנשמות, וועלכע ווארט אומגעדולדיק אראפצונידערן אויף דעם עולם השפל און מתקן זיין אלע פגימות, וועלכע זיינען נפגם געווארן פונם חטא פון אדם הראשון עד היום ההוא. — דאס האט ער געזען די הייליקע נשמה פון ר׳ ישראל רוזשניצער זצ״ל און אט די הייליקע כוונות ווי אזוי משיג צו זיין יענע הייליקע נשמות האט ער געקענט רק דורך זיין זון דעם מלאך — האט דער מגיד געהאט עלית נשמה און זיך אנגעפרעגט פון אויבן: ווער איז דער זיווג שני פון ר׳ אברהמלען? — האט מען איס פון דארטן מודיע געוועזן, אז דער צווייטער זיווג איז לויט די מעשים טובים, און אזוי ווי ר׳ אברהמעלע האט דערגרייכט אין די מעשים טובים צו דער העכסטער מדרגה און ר׳ פייוועש דער קרעמעניצער מגיד איז בבחינת יצחק אבינו, אן עולה תמימה, אויסגעטון אינגאנצן מהבלי העולם הזה און ער האט א צוועלף־יעריקע טאכטער, איז זי, די טאכטער פונם קרעמעניצער מגיד, ראוי צום מלאך.

האט ר׳ בער ז״ל געשיקט א שליח מיוחד קיין קרעמענעץ, בעטן ר׳ פייוועשן ז״ל, ער זאל געבן זיין טאכטער פאר א פרוי צו זיין זון, ר׳ אברהמעלען. קומט ער דער שליח קיין קרעמענעץ און פארפארט גלייך צום מגיד, טרעפט ער רק די מגידיכע, ווייל ר׳ פייוועש איז געזעסן אין קלויז און געלערנט. דערציילט איר דער שליח דעם צוועק פון זיין קומען אהער, לאכט זי, די מגידיכע: וואס הייסט זי וועט חתונה מאכן א צוועלף יאריק

קינד פאר עפּעס אַן אלמן. אַ אשה בלייבט אשה, ביי איר איז ר' אברהמעלע מלאך „עפּעס" אַן אַלמן. נאָר, האָט זי זיך באַלד באַדענקט, זי וועט שיקן רופן דעם מגיד פון דער קלויז און הערן זיין חות דעת.

ווען דער מגיד האָט דערהערט, אַז דער מעזריטשער מגיד וויל זיך מיט אים משדך זיין און ר' אברהמעלע מלאך וועט ווערן זיין איידעם, איז ער געוואָרן פול מיט שמחה און הודוה און אויסגערופן:

— ס'איז פאַר מיר אַ גרויסער כבוד זיך משדך זיין מיטן מעזרי־טשער מגיד. ער איז אַ גרויסער מיוחס, ער קומט דאָך אַרויס פון מל־כות בית דוד!

האָט דער שליח אים געזאָגט, אַז דער מעזריטשער מגיד האָט אים געהייסן, ער זאָל שוין מיטנעמען די מחותנים מיט דער כלה קיין מעז־ריטש און מען וועט באַלד מאַכן שטעלן חופּה.

האָט די מגידיכע געלאַכט: וואָס הייסט שוין פאָרן! מען דאַרף פריי־ער אויסצוקליידן די כלה און אויך זיך, עפּעס הכנות צו אַ חתונה, אַ קלייניקייט!

האָט דער שליח איר געגעבן צו פאַרשטיין, אַז די הכנות זיינען לאו דוקא, ווייל זי איז נאָך סיי ווי אַ קינד. זי וועט נאָך וואַקסן. און די מלבושים, וואָס מען וועט מאַכן היינט וועלן זיי שפּעטער מיט אַ יאָר סיי ווי נישט טויגן; ס'איז בעסער כלה כמו שהיא. איז דער משולח געלאָפן אין מאַרק אַריין, געדונגען אַ פור און מ'איז געפאָרן אויף דער חתונה. געפאָרן זיינען נאָר די כלה מיט איר מוטער. ר' פּייוועש דער מגיד איז געבליבן אין דער היים. ער האָט נישט געוואָלט מבטל זיין זיך פון זיין תורה און תפלה. ס'הייסט מסתמא נישט געלוינט זיך, אַז די דריי צדיקים זאָלן זיך צונויפקומען. ווער קאָן דאָס משיג זיין מיטן שכל? ס'איז דאָך דברים העומדים ברומו של עולם! אַ פאָטער זאָל נישט פאָרן צו חופּה פון זיין קינד! דער מעזריטשער מגיד מיטן מלאך האָבן אפילו נישט געפרעגט אויף אים. אַ סימן, אַז זיי האָבן דאָס נאָך פריער מרגיש געווען.

די חתונה איז געפּראַוועט געוואָרן מיט גרויס כבוד און גדולה. ס'זיי־נען בייגעווען אַלע תלמידים און מקורבים פונם מגיד. ס'איז שוין דאָר־טן געווען וואָס צו הערן און זען.

די מגידיכע איז אַהיימגעפאָרן אַ גליקלעכע מיט אַ האַרץ פול מיט

פרייד אויף דעם גרויסן גליק פון איר טאָכטער גיטעלע.

דאָכן יונגע ווייבל אָבער, גיטעלע, האָט אפנים נישט געקאָנט משיג זיין דאָס גרויסקייט פון איר מאַן, נישט געפילט זיינע הימלישע געדאַנ־קען און האָט שטארק געליטן פון מלאכס פרישות. אַן אשה בלייבט אַן אשה; מעג זי זיין אפילו די טאָכטער פונם תנא־קמא, שפילט ביי איר די ראָלע דער עיקר די „עניני אישות"... נאָר פאָרט א צדיקות, דעם קרע־מענעצער מגידס א טאָכטער, האָט זי אים, דעם הייליקן מאַן אירן פונ־דעסטוועגן נישט מצער געווען... זי האָט שטיל אין זיך געליטן און שא. דער רבי ר' בער אָבער האָט זי שטארק מקרב געווען.

פאַר זיין הסתלקות האָט דער ר' בער זי צוגערופן צום בעט און איר געזאָגט:

— גיטעלע, זאָלסט וויסן אַז איך וועל דיך קיינמאָל ניט פאַרלאָזן, ווען דו וועסט זיך נויטיקן אין אַן עצה, זאָלסטו קומען צו מיין קבר און מיך פרעגן, און איך וועל דיר ענטפערן בחלום. און כך־הוה.

דער רב ר' בער איז נסתלק געוואָרן, זיבן יאָר נאָך איר חתונה, אין שטעטל אַניפּאָלע, וואו ער האָט געוואוינט דאָס לעצטע יאָר. און דאָר־טן איז אויך געבליבן ר' אברהמעלע מלאך וואוינען נאָכן פאָטערס פטירה.

האָבן די תלמידים פונם רבין ר' בער אים געבעטן, ער זאָל זיך זעצן אויפן כסא הכבוד פון זיין פאָטער, האָט ער ז"ל באַין אופן נישט געוואָלט. ער איז געווען ארייננגעטון אין די עולמות העליונים אויף אזוי פיל, אַז ער האָט גאָרנישט פארשטאַנען די הצטרכות פון א בשר ודם, און אַז א צדיק, וואָס ער איז דער מנהיג הדור, מוז זיך אראָפּלאָזן צום עולם, זיך מצער זיין אין זיין צער און גוט פאַרשטיין די הצטרכות פון די הבלי העולם הזה.

גיטעלע האָט געמוזט אליין אָנהויבן צו טראַכטן פון פרנסה. זי האָט געעפנט אין אַניפּאָלע א קלייטל, און זי האָט דערפון געצויגן די מחיה. אזוי ווי זי האָט שוין געהאט געבוירן צוויי זין, האָט ר' אברהמעלע זיך שוין איינגאַנצן פורש געווען פון איר און ער האָט געהייסן דעם גבאי, ער זאָל ארויסנעמען דאָס בעטל זיינס און עס אוועקשטעלן אין זיין ביבליאָטעק.

זיין ביבליאָטעק האָט באַטראָפן א סך טויזנטער רובל. געווען דאָר־טן אלטע, יקר המציאותדיקע ספרים.

אין א צייט אַרום איז גיטעלע איינמאָל אריינגעגאַנגען צו אים אין ביבליאָטעק און אים מודיע געווען, אַז דער רבי ר' בער האָט איר געזאָגט

בחלום, אז ער זאָל איבערטראָגן זיין בעט צוריק צו איר אין צימער, ווען נישט, וועט ער חרטה האָבן.

האָט ער געענטפערט:

— אז דער טאַטע וויל מיר עפּעס זאָגן, קאָן ער קומען צו מיר אליין, נישט שיקן דורך דיר.

— 2 —

די זעלבע וואָך האָט אויסגעבראָכן א שרפה און אלע זיינע ספרים זיינען פארברענט געוואָרן.

נאָך דער שרפה איז דער מלאך אוועק קיין כוואָסטאָוו, פאר שטאָט-מגיד.

פאר ראש השנה האָט ער געשיקט א שליח מיוחד צו ברענגען אהין, קיין כוואָסטאָוו, זיין בני בית, ער זאָל קאָנען יום כפור מקיים זיין „וכפר בעדו ובעד ביתו".

האָט גיטעלע בשום אופן נישט געוואָלט פאָרן. זי האָט נישט גע־וואָלט מאכן א תל פון איר קלייטל און דער עיקר, האָט זי נישט געוואָלט שיידן זיך פונם רבין ר' בערס קבר.

דעם זעלבן יום כפור איז דער מלאך געבליבן אָן לשון, — אפנים כדי נישט מגלה צו זיין דעם קץ פאר זיין פטירה — און צוויי טאָג נאָך יום־כפור איז ער נסתלק געוואָרן.

ווען ר' מאָטעלע טשערנאָבילער איז געוואויר געוואָרן פון זיין הס־תלקות, האָט ער אין גרויס צער געשריגן:

— אומזיסט מיין עבודה, צוויי יאָר האָט נאָך געפעלט!

איך האָב כל ימי מתפלל געווען ער זאָל דערלעבן צו ווערן א בן-ארבעים, כדי ער זאָל משיג זיין אלע ארבעים שערי בינה. אָבער בעונותינו הרבים: נצחו אראלים את המצקים און דער ארון קודש איז געפאנגען געוואָרן, און דער קץ איז ווידער נדחה געוואָרן.

וואָלט ער געווען געהאַט זיין לשון וואָלט ער כאָטש מרמז געווען די צייט פונם קץ, און איצט, ווער וועט אונז מגלה קץ זיין? ווער?..

נאָכדעם ווי דער מלאך איז נפטר געוואָרן, איז די יונגע אלמנה, גיטעלע, געפאָרן קיין כוואָסטאָוו אפצונעמען די ירושה, וועלכע דער מלאך

האָט איבערגעלאָזט, ווי פאַרשידענע חפצים, וועלכע ער האָט נעהאַט בירושה נאָר פון בע"שט, א כך ספרים, און דער עיקר דעם „כוס של אליהו הנביא", וועלכן ער האָט גענוצט פּסח אלס „כוסו של אליהו" און וועלכן ס'איז א דבר ידוע, אז אליהו הנביא בכבודו ובעצמו האָט אים מוסר געווען.

קומענדיק קיין כוואַסטאָוו, האָבן די חסידים לכבוד איר געפּראַוועט שבת א טיש.

ביים שלש סעודות איז זי איינגעשלאָפן און האָט געזען בחלום, ווי ער, ר' אברהמעלע, קומט אריין צו איר, מיט א קרוין אויפן קאָפּ, און זיין פּנים שיינט ווי די זון, ממש זיו השכינה, און אונטער אים גייען נאָך דריי עלטערע אידן, אויך מיט קרוינען אויף די קעפּ און באַשטראַלט די פּנימער מיטן לויטערקייט פון דער שכינה. און ער ווענדעט זיך צו איר און זאָגט:

— הער נאָר: איך בעט דיך זאָלסט מיר מוחל זיין פאַר דעם גרויסן צער וואָס איך האָב דיר גורם געווען מיט מיין פּרישות... וואָס בין איך שולדיק געווען, אז מיין גוף איז געווען, נישט פונם „אוצר האנשות", רק פונם „אוצר המלאכים"? און ווען מיין הייליקער פאָטער האָט פאָרט געוואָלט, איך זאָל איבערלאָזן א דור, האָב איך פיל צער געליטן זיך מתלבש זיין מיט א מענטשלעכן לבוש. צוויי מאָל האָט איך ביי מיין לעבן זיך מתלבש געווען מיט א מענטשלעכן גוף און געליטן צער, ערגער ווי מען ליידט אין די שבעה מדורי גיהנם.

מער בין איך נישט בכוח געווען. זיי מיר מוחל.

האָט זי זיך אָנגערופן:

— איך בין דיר מוחל, במחילה גמורה.

האָט ער זיך ווידער אָנגערופן צו איר:

— הער, על פּי דינא, דאַרפסטו נאָך אמאָל חתונה האָבן, ביסט דאָך ערשט פיר און צוואַנציק יאָר אַלט, כמעט א קינד. נאָר דאָך, אויב דו וועסט מיר צוליב טון און בלייבן כל ימי חייך מיין אַלמנה, זאָג איך דיר צו פאַרן בית דין של מעלה, וועלכע שטייען אָט אָ דאָ, — (ער האָט אָנגעוויזן אויף די דריי אַלטע, וועלכע זיינען געקומען מיט אים), אז איך וועל זאָרגן פאַר דיר אויף דעם עולם און אויף יענעם עולם. און וועסט האָבן פיל נחת אין די קינדער, זיי וועלן באַשיינען די וועלט מיט זייער

צדקות, און די גאולה שלמה, וואָס וועט קומען לעתיד, וועט קומען דורך אַן אָפּשטאַם פון אונזערע קינדער.

דער בית דין של מעלה האָט דערויף געענטפערט אמן און ווען גיטעלע האָט זיך אויפגעכאַפּט. האָט זי געהערט, ווי די חסידים זינגען ביי די זמרות דעם פּסוק „ויזכו לראות בנים ובני בנים, עוסקים בתורה ובמצוות על ישראל שלום“. און זי, גיטעלע איז זיכער געווען, אַז איר זון „שלום“ וועט זיין ראש על ישראל און זי האָט באַשטימט מער נישט חתונה צו האָבן כל ימי הייה. זי איז צוריק געפאָרן קיין אַניפּאָלע, עוסק געווען אין מסחר, פון וועלכן זי האָט זיך געשפּייזט בכבוד גדול.

איר זון שלומען, האָט ר' נחום טשערנאָבילער גענומען צו זיך. ער האָט אים מחנך געווען און דערנאָך טאַקע גענומען פאַר חתן פאַר זיינס אַן אייניקל.

האָט ר' נחומל ז"ל, נאָכדעם ווי ער איז געוואָרן אַן אַלמן, געוואָלט נעמען גיטעלען, האָט ער וועגן דעם איבערגערעדט טאַקע מיט זיין אייניקל ר' שלומקע. האָט ר' שלום ז"ל אים געענטפערט, אַז ער וועט זיך מישב זיין וועגן דעם מיט זיין פאָטער דעם מלאך.

האָט ער געהאַט עליית נשמה, און זיך אָנגעפרעגט ביים מלאך, האָט ער אים געענטפערט:

— קיינער טאָר נישט האָבן די העזה באַטרעטן מיין וויינגאָרטן.

ר' שלום האָט דאָס איבערגעגעבן ר' נחומען און ער האָט זיך דערפון אָפּגעזאָגט.

און גיטעלע האָט דערלעבט נחת אין אירע קינדער און קינדס קינדער. זכותם יגן עלינו!

# ר׳ אליעזר בן אליעזר

אמאָל איז געווען א גרויסער צדיק, האָט ער געהייסן ר׳ אליעזר. זיין מויל איז געווען זייער אָפּגעהיט, ער האָט קיינמאָל קיין פוסט וואָרט נישט ארויסגעלאָזט פון זיינע הייליקע ליפּן.

כל ימיו האָט ער רק עוסק געווען אין תורה און אין תפלה און גע־רעדט נאָר, וואָס נויטיק איז, און דערפאַר, אז ער האָט עמיצן געבענטשט איז זיין ברכה מקוים געוואָרן.

אין יענער צייט האָבן די אידן פיל געליטן אין די גלות לענדער. זיי־נען זיי געקומען צו ר׳ אליעזרן, אים געבעטן ער זאָל מתפלל זיין צו השי״ת, ער זאָל שיקן משיחן, אויסלייזן די אידן פונם גלות און זיי צונויפנעמען קיין ארץ־ישראל.

האָט ר׳ אליעזר געענטפערט: עס איז נאָך נישט די צייט, ווייל ס׳איז פאַראַנען ביי אידן פיל רייכע, וועלכע זיינען צופרידן מיטן גלות, דאָס געלט איז זיי מטמטם דעם מח און זיי זיינען נישט מרגיש זייער קנעכט־שאַפט אין גלות און זיי ווילן זיך נישט ווילן אומקערן אהיים קיין ארץ־ישראל. זיי ווילן נישט ווערן קיין בני חורין.

אויך אין משה רבינוס צייטן האָט מען געמוזט וואַרטן פערציק יאָר, ביז דער אַלטער דור וועט אויסשטאַרבן, ווייל זיי האָבן אָנגעזאַמלט פיל גאָלד ביי די דערטרונקענע מצרים, האָבן זיי פאַרלוירן די הרגשה פון „הרות" און זיך געוואָלט אומקערן צום „עבדות" קיין מצרים. און אפי־לוביים נייעם דור האָבן די רייכע שבטים: ראובן, גד און א האַלבער שבט מנשה, וועלכע האָבן פאַרמאָגט פיל פי, נישט געוואָלט איבערגיין דעם ירדן מקבל זיין אויף זיך די קדושה פון ארץ־ישראל און זיי זיינען גע־בליבן פון דער זייט ירדן און דערפאַר — האָט ער פאַרגעזעצט זיין שמועס — שרייבט די מרגא: אז משיח בן דוד קאָן נישט קומען, ביז ס׳וועט זיך ענדיקן די לעצטע פּרוטה פון קעשענע.

זעענדיק, אז מען קאָן ביי אים נישט פועלן, האָבן זיי אָנגעשטעלט זיין

ווייב, די צדקת חנה־לאה, און זי איז צו אים שטארק צוגעשטאַנען. האָט ער ז"ל איר געזאָגט: — זאָלסט וויסן זיין, אז דו וועסט מיר געבוירן א זון, און ווען אונזער זון וועט זוכה זיין צו פארמאָגן א פּאָר נייע שטיוול, דעמאָלט וועט קומען משיח בן־דוד.

אין דעם זעלבן טאָג, ווען חנה־לאה האָט געבוירן א זון, איז ר' אליעזר נפטר געוואָרן. די גאַנצע שטאָט און ארומיקע שטעטלעך האָבן פיל געטרויערט נאָך אים און זיך געטרייסט מיטן ניי־געבוירענעם קינד, וועלכן מען האָט א נאָמען געגעבן אליעזר, נאָכן נפטר.

צו דער צופרידענהייט פון אַלעמען איז דאָס קינד געוואקסן קלוג, פרום און דערצו נאָך א גרויסער למדן, און אַלע זיינען געווען פול מיט האָפענונג, אז דער אליעזר בן אליעזר וועט אליין זיין דער משיח, וועל־כער וועט אויסלייזן דאָס אידישע פאָלק פון גלות און זיי אריינברענגען קיין ארץ-ישראל.

וואָס עלטער דאָס קינד איז געוואָרן, אַלץ מער למדן איז ער גע־וואָרן, אָבער קיין נייע שטיוול האָט ער נישט פארמאָגט.

האָט מען אין שטאָט געמאַכט געלט, געגאַנגען צום שוסטער און אים אָנגעדונגען א פּאָר שטיוול. ווען דער שוסטער האָט זיך גענומען ניען זיינע שטיוול, האָט ער דערפילט א גרויסן ווייטיק אין די הענט און געמוזט זיי אוועקלייגן.

האָט ער גענומען נייען אַנדערע ארבעט, האָט ער קיין שום ווייטיק נישט געפילט. זיינען די פרנסי העיר געקומען צום יונגן צדיק און גע־פרעגט: ס'טייטש, היתכן! הישמע! האָט ער געענטפערט: ס'איז נאָך נישט געקומען די צייט. מ'טאָר נישט דוחק את הקץ זיין.

דערווייל זיינען אָנגעקומען נייע גזרות אויף אידן; דער גלות איז אַלץ שטארקער געוואָרן און אַלעמענס אויגן זיינען געווענדעט געווען צום יונגן צדיק רבי אליעזר.

מאַכט מען געלט אין שטאָט אים צו קויפן גרייטע נייע שטיוול; קומט מען צו ר' אליעזרן אָראָפּנעמען א מאָס, קווענקלט ער זיך; ס'איז נאָך נישט די צייט, מען טאָר נישט דוחק את הקץ זיין.

טענהט מען מיט אים: ס'טייטש, היתכן! נישטאָ שוין קיין כוח אי־בערצוטראָגן. פון די פּופּציק וואָרסט טרייבט מען, פּאָגראָמען, און דער

עיקר: די קינדער ווארפן אוועק די הייליקע תורה צוליב דער השכלה־הנפה, וואס רוקט זיך אן.

מען רעדט, און מען רעדט, און ער, ז"ל, שווייגט.

איז מען זיך מישב און מען ווענדעט זיך צו זיין ווייב. ניט זי זיי אן אלטן שוך, נעמט מען אראפ פון איס א מאס און מען גייט קויפן א פאר גייע שטיוול. מען גייט ארויס אין מארק, מען מעסט און קיין איין פאר שטיוול איז נישט צו דער מאס. אלע צו קליין.

מילא, זעט מען דאך שוין, אז עס איז מן השמים, נאך נישט די צייט.

און די גזרות שטארקן זיך און די אפיקורסעס דרינגט אריין אלץ מער און מער אין אידישן תהום. ס'האט שוין אזוי פיל דערלאנגט, אז ס'האט איינמאל געפונען א „ביכל מיט נומערן" באהאלטן אין א גמרא אין דער קלויז, וואו ר' אליעזר דאוונט.

דעמאלט האט ר' אליעזר צונויפגערופן די גאנצע שטאט אויף אן אסיפה, און זיי דערקלערט, אז ס'איז שוין באו מים עד נפש, מען טאר שוין מער נישט ווארטן און בכן, מוז ער גיין אפריכטן גלות אויף א גאנצן יאר. און דארטן, וואו ס'וועט זיך ענדיקן דאס יאר, אין יענעם ארט, וועט ער זיך אפשטעלן. אהין וועט ער באציען זיין ווייב און קינדער און דארטן וועט ער זיך שוין באזעצן. נאכאמאל אומקערן זיך צוריק, ד. ה. ר"ל גיין צוריק, און דאס טאר מען נישט, מען טאר נישט געבן קיין פתחון פה דעם שטן ר"ל.

און געזעגענענדיק זיך הארציג מיט דער גאנצער שטאט איז ער אוועק צו־פוס, אפריכטן גלות.

א גאנץ יאר האט רבי אליעזר געוואנדערט מעיר לעיר, ומכפר לכפר, געשלאפן אין די מלבושים און אין די שטיוול, אלע מאנטיק און דאנערשטיק, געפראוועט סגיפים און תענתים. ווען כ'האט זיך געענדיקט דאס יאר פון זיין גלות אפריכטן, איז ער אנגעקומען אין שטעטל אנטאניעוו. אנקומענדיק אהין אין בית־מדרש אריין, איז פונקט געווען דער יערלעכער סיום איבער ש"ס.

די לומדים פון שטעטל האבן זיך מפלפל געווען, האט ר' אליעזר זיך דערנעענטערט און גענומען אן אנטייל אין פלפול.

דער לומדישער עולם זעענדיק ווי דער ארימער איד איז א גרויסער

למדן, האָט מען אים געגעבן אַ ברייטן שלום עליכם, און אים אוועקגע־זעצט אויבנאָן.

און אזוי ווי דאָס שטעטל האָט זיך גענויטיקט אין אַ רב, ווייל זייער רב איז נישט לאַנג נפטר געוואָרן, האָט מען אים פאַרגעלייגט ער זאָל אָנעמען דעם כסא הרבנות, אויף וואָס ער האָט איינגעוויליקט.

ווען מ'האָט געשריבן דעם קונטרס הרבנות און מ'האָט געפרעגט, וויפל ער פאַרלאַנגט שכירות, האָט ער ז"ל געענטפערט: ברענגען מיין פאַמיליע און אַ פּאָר נייע שטיוול.

דער עולם האָט געקוקט פאַרוואונדערט, אָבער ער האָט נאָך אַמאָל מפורש געווען: אַז ס'איז גענוג פאַר אים די הכנסה פון שטעדטל, נאָר ער וויל אַ פּאָר נייע שטיוול און אים ברענגען זיין ווייב און קינדער.

מען האָט באַלד געדונגען אַן עגלה און געשיקט נאָך זיין משפחה און מ'האָט געבראַכט אַ שוסטער, וועלכער האָט געוואָלט אראָפּנעמען ביי אים אַ מאָס. האָט מען געפּרואווט ביי אים אראָפּציען די אַלטע שטיוול, זענען זיי געווען צוגעוואַקסן צו די פיס (ווייל ער האָט זיי אַ גאַנץ יאָר פון די פיס נישט אויסגעטון), האָט מען גענומען אַ מעסער, צעשניטן די שטיוול און זיי פון די פיס אראָפּגעשיילט, און אראָפּגענומען אַ מאָס.

ווען מ'האָט די נייע שטיוול אראָפּגעבראַכט, זענען זיינע פיס געווען פול מיט וואונדן און ער האָט זיי נישט געקאָנט אָנטאָן.

אַ גאַנץ יאָר זענען די פיס נישט אויסגעקורירט געוואָרן פון די וואונ־דן און ער איז נישט ביכולת געווען אָנצומעסטן די שטיוול.

אין אַ יאָר ארום, ווען די פיס האָבן זיך אָנגעהויבן אויסצוהייל־לן, האָט ער אויפגעהערט צו זאָגן התחנון ביים דאַווענען.

פּלוצים אָבער איז ער קראַנק געוואָרן און זיין לשון פאַרלוירען — כדי ער זאָל נישט מגלה קץ זיין, אפשר, און אין קורצן איז ער נפטר געוואָרן.

ער האָט נישט געקאָנט דוחק את הקץ זיין.

# דער שפאָלער זיידע ז״ל

ווען דער שפּאָלער זיידע ז״ל איז געגאַנגען אָפּריכטן גלות, האָט ער ערשט דערקאָנט די וועלט, ווייל ביז דאַן איז ער געווען ווייט פון דער ווירקלעכקייט פונם לעבן. ער איז נישט ארויסגעגאנגען פון זיינע ד׳ אמות של הלכה.

ווען ער האָט אָבער איבערגעלאָזט זיינע פיר איילן פון הלכה און האָט זיך געלאָזט אָפּצוריכטן גלות און איז געווען נע ונד איבער די אידישע שטעט און שטעטלעך, האָט ער זיך אָנגעהויבן גוט צוקוקן און זיך אריינטראכטן אינם לעבן פונם אידישן פאָלק און ער איז נשתומם געוואָרן.

ער האָט זיך ערשט דערוואוסט, אז די רייכע פארנעמען אומעטום דעם אויבנאָן און די אָרעמע ווערן אראָפּגעשטופּט צו א מצב שפל.

דער עיקר האָט ער ז״ל געהאָט צער צוצוזען, ווי מ׳שאָצט דעם כבוד נישט נאָך די מעלות, רק נאָכן שטאַנד פון דער פּרנסה.

א בעל מסחר איז א כבוד.

א מלמד איז א חוזק.

א בעל - מלאָכה איז אַן אומכבוד.

א בעל עגלה איז נאָך מער אומכבוד.

האָט ער אָנגעהויבן מסדר צו זיין זיינע טענות און געזאָגט:

— ס׳טייטש, ס׳טייטש, אלע אידן ווערן דאָך אָנגערופן „קינדער פון גאָט ברוך הוא״, ווי ס׳שרייבט זיך אין דער הייליקער תורה: „בנים אתם לי״ד אלוהיכם״. איז דען א יושר, אז קינדער פון איין טאַטן זאָלן זיך דערהויבן איינער איבערן אנדערן?

אלע קינדער העלפן זיך דאָך איינער דעם צווייטן לויט זייערע כשרונות. איינער נייט א מלבוש, א צווייטער נייט שיך, א דריטער בויט הייזער, א פערטער האָט כשרונות צו שפּאַנען פערד און וואָגן, פירט ער יענעם וואוהין ער דאַרף, אַן אנדערער האָט כשרונות צו פּאַרשטיין גאָטס

תורה, ווערט ער א מלמד, בבחינת משה רבינו, און לערנט מיט אידישע קינדער נאַטס תורה.

איז פאראנען צווישן די קינדער אזעלכע, וואָס האָבן נישט קיין כשרונות נישט צו נייען מלבושים, נישט קיין שיך, נישט צו בויען קיין הייזער, נישט אומצוגיין מיט פערד און וואָגן און גאָט האָט זיי באשאַפן מיט פארשטאָפטע מחות און ס'איז זיי שווער קובש צו זיין די רייד פון דער הייליקער תורה, — נו, וואָס קענען נעבעך אזעלכע ברואים טון? פון וואס און פון וואנען קאָנען זיי געפינען זייער באדערפעניש פון פרנסה?

האָבן די ברידער אויסגעפונען פאר זיי א גרינגע ארבייט: אזא ארבייט, וואָס מען ברויכט נישט דערצו קיין בשרונות און מען דאַרף דערצו נישט קאָנען אפילו קיין צורת אות: איינצוקויפן די באדערפעניש פאר די איבעריקע ברידער: ווערן א בעל מסחר.

לסוף האָבן אָט-די, יענע אָן כשרונות, וועלכע טויגן זיך נישט אוים צו גאַרנישט און קאָנען נישט אפילו קיין פרשה חומש — פאַרכאַפּט דעם אויבנאָן מיטן בכוד, און יענע ברידער זייערע, די בעלי הכשרונות, וואָס זיינען שותפים למעשה בראשית און העלפן בונה עולמות זיין, האָבן זיי פארשטופט הינטן צו דער טיר, אונטערן אויוון.

האָט ער ביי זיך באשלאָסן, אז ווען ס'וועט זיך ענדיקן די צייט פון גלות אַפריכטן און מען וועט אים מן השמים מרמז זיין, אז ער מעג שוין נתגלה ווערן, וועט ער אָנעמען ערגעץ אין א שטאָט די כסא הרבנות און וועט זען איינשטעלן דעם כבוד ווי ס'דאַרף צו זיין און ווי ס'קומט על פי יושר און נישט דערלאָזן איינעם זיך דערהויבן איבערן צווייטן.

ווען ער האָט געענדיקט די צייט פון גלות אַפריכטן, איז ער געוואָרן רב אין דער שטאָט זלאָטעפּאָלי. האָט ער איינגעפירט אזוי: אין מזרח האָט ער געהייסן אוועקזעצן קודם כל די גמרא מלמדים, נאָך זיי די איבעריקע מלמדים, ביז די מלמדי דרדקי.

ווייל — האָט ער מסביר געווען דעם גבאי — זיי טוען מלאכת הקודש, קומט זיי אויבנאָן, נאָך זיי די תלמידי חכמים, וואָס זענען עוסק אין דער תורה.

נאָך זיי, די בעלי מלאכות, בעלי עגלות און צום לעצט, אויף די נאָר לעצטע בענק — די בעלי המסחר.

און אזוי האָט ער זיך נוהג געווען אויך ביי די עליות, בשעת קריאת-התורה.

איז אין אַ קורצער צייט געוואָרן אַ מחלוקת אויף אים, נישט נאָר מצד די רייכע קרעמערס, נאָר אפילו די מלמדים און די בעלי מלאכות זיינען נישט צופרידן געווען. די רייכע האָבן זיי דערפאַר מקפח פרנסה געווען, האָבן זיי געדאַרפט נייען מלבושים, שיך, וכדומה זיינען זיי געפאָרן אין אַ צווייטן דערבייאיקן שטעטל.

בעלי עגלות האָבן זיי געדונגען גויאישע, מלמדים האָבן זיי געבראַכט פון ערגעץ אַנדערש.

האָט דער שפּאָלער זיידע געליטן דערפון גרויס צער און האָט געזאָגט:

— איצט פאַרשטיי איך דעם טעם פון איצטיקן לאַנגן גלות, ווייל די רייכע מיט זייער גדלות וואָס זיינען בעל כרחא, זיינען אַלעמאָל דוחק את רגלי השכינה, אַלץ ווייטער און ווייטער.

איצט פאַרשטיי איך דעם פשט פון דער הייליקער גמרא: אַז משיח קאָן נישט קומען ביז ס'וועט זיך ענדיקן די פּרוטה פון קעשענע, ווייל די פּרוטה איז מעכב די גאולה.

און ער ז"ל האָט זיך אָפּגעזעגנט מיט דער שטאָט און זיך איבערגעקליבן קיין שפּאָלע, וואו ער איז געווען רב כל ימי חיו, זכותו יגן עלינו.

# שמחת-תורהביים טריסקער מגיד און ביי ר׳ איציקל נעסכיזשער ז״ל

שמחה איז, כידוע, א גרויסער ענין, ווייל שמחה ברענגט צו עבודת הבורא, ווי דוד המלך עליו השלום האט געזאגט אין זיין הייליקן תהלים: „עבדו את ד׳ בשמחה, באו לפניו ברננה", דינט גאט מיט פרייד, קומט פאר אים מיט געזאנג. להיפך: עצבות ברענגט צו עבודה אלילים, צו געצנ-דינסט. די עבודה זרה ווערט אנגערופן „עצב", טרויעריק, ווי ס׳באַ-שרייבט זיך: „עצביעם כסף וזהב". און דערפאַר דארף א איד זיין תמיד פריילעך. ער דארף תמיד ווייזן א פנים שוחקות, ווי דער תנא זאגט: „הוה מקבל את כל אדם בסבר פנים יפות".

צו אזא מדרגה האבן דערגרייכט זייער ווייניק צדיקים, צווישן וועלכע ס׳געפינט זיך דער הייליקער תנא, איינער פון די עשרת הרוגי מלכות: רבי עקיבה בן יוסף.

אפילו, אז ער האט געזען, ווי א פוקס שפּאַצירט אויפן הר הבית, האט ער געפונען א „פּאַרוואָס" צו פרייען זיך.

דארף יעדער איד באמת זיין גאנצן לעבן זיך געפינען אין דער בחינה פון שמחה. האט אבער השי״ת איינגעזען, אז די בחינה איז א זאך „שאין רוב הצבור יכולין לעמוד בו", א זאך, וואס די מערהייט פון פאלק וועט ניט קאָנען אויספירן, ביישטיין, מה עשה הקדוש ברוך הוא? וואָס-זשע האט גאט געטאן? האט ער, כביכול, מגביל געווען א זמן דערויף, א באזונדער צייט פון שמחה — „זמן שמחתנו".

און אין דער הייליקער תורה האט ער אנגעשריבן, אז סכות און שמיני עצרת, „ושמחת בחקיך", און דו זאלסט זיך פרייען מיט דיין יום טוב.

האט מען מתקן געווען אתרוג, לולב צו פרייען זיך.

האט מען פארבראכט אין „שמחת בית השואבה", גענומען וואסער פונם טייך שלח און געגאסן אויפן מזבח, דערביי זיך אזויפיל משמח גע-

וועז, אז דער וואס האט די פרייד ניט געזען, ווייסט גארניט וואס אזוינס ס'הייסט פרייד.

נאר די גרעסטע פרייד, מיט וועלכער א איד דארף זיך משמח זיין, איז די פרייד פון דער תורה — שמחת תורה.

און דערפאר האט רבי איציקל נעסביזשער אום שמחת תורה דער־גרייכט די גרעסטע מדרגה פון שמחה.

ניט קיין שמחה הצונית, אויסנווייניקסטע, נאר אן אמתע שמחה בלב ונפש. אין דער בחינה פון „חדותא דמלכה קדישא", און ווען ער איז געגאנגען מיט דער הקפה, — מען האט אים, ז"ל, אויפגערופן צו דער זי־בעטער הקפה, צו „קדוש ונורא", — און ער האט געטאנצט מיט דער תורה, האט יעדער, וועלכער האט זוכה געווען און פארמאגט דעם חוש הראיה, בחוש געזען ממש, ווי די גאנצע פמליה של מעלה: שרפים, וחיות ואופני הקודש טאנצען מיט. ס'איז געווארן א שמחה אין אלע עולמות.

און ווען ער, ז"ל, האט אנגעהויבן מזכיר צו זיין די הייליקע צדיקים, וועלכע האבן זיך געפרייט מיט דער פרייד פון דער תורה: די אבות הקדושים, משה מיט אהרנען, אלע זיבן פאסטוכער, האט ער זיך פאר־מחט, כדרכו בקודש, אויף א שטיקל צייט.

האט מען שוין פארשטאנען און געוואוסט, אז ער זעט זיך מיט יעדן פון זיי, און מ'איז זיך משמח צוזאמען. האט דער עולם ערשט גענומען זינגען און טאנצן מיט גרויס התלהבות און חסידים ואנשי מעשה האבן מיחד יחודים געווען, זיך באהעפט מיט דער שכינה.

האבן חסידים פון ארום־און־ארום זיך געצויגן אויף שמחת תורה קיין נעסכיזש, בייצוזיין די שמחה פון שמחת תורה און צוקוקן דאס פאר־מחן זיך פונם צדיק ר' איציקל, זיין התדבקות מיט די הייליקע שבעה רועים, (אברהם, יצחק, יעקב, יוסף, משה, אהרן און דוד). און הגם דער נעסכיזשער איז געווען אין פלוגתא מיטן טריסקער מגיד ר' אברהמעלע ז"ל, האבן טריסקער חסידים, גרויסע מחות, משתוקק געווען צו זיין שמחת תורה ביי די הקפות אין נעסכיזש ביי ר' איציקלען. זיי זיינען געווען בטוח, אז דאס מחלוקת צווישן נעסכיזשער און טריסקער איז ווי דאס מחלוקת פון הלל און שמאי, רק לשם שמים.

האבן זיי אבער ניט געוואלט אוועקפארן פונב טריסקער מגידס שמחת תורה, ווייל חוץ דעם, וואס ס'איז געווען ביי אים ז"ל, וואס צו זען און צו

הערן אינם שמחת תורה: זיין טאנצן, זיין גיין מיט דער הקפה צעד אחר צעד, איז נאָך דערצו פאַרגעקומען די „טאָרגעס" אויף די „אַרענדעס", וועלכע זיינע חסידים האָבן געהאַלטן, געדונגענע ביי די פריצים.

דאָס דינגען די אַרענדע איז פאָרגעקומען אויף אַט דעם אופן:

לייביש חיים איז אַרויף אויפן טיש (שמחת תורה אין אָוונט) און אויסגערופן:

מיר וועלן פאַרדינגען די אַרענדע, די קרעטשמע, צי די מיל, פון דעם און דעם דאָרף, וועלכער געהער צו דעם און דעם פריץ, גראָף, דוכס.

האָט איינער אַ געשריי געגעבן:

— הונדערט רובל אַ יאָר גיב איך.

האָט נאָכן ערשטן אויסרוף דער מגיד, ז"ל, זיך אויפגעשטעלט פון זיין אָרט און אויסגערופן:

— אידן, איר גייט דינגען אַרענדעס, זאָלט איר זיין זהיר וזהיר. ניט מסיג גבול זיין איינער דעם צווייטן, „ארור משיג גבול רעהו, וענו כל העם ואמרו אמן"!

האָט דער גאַנצער עולם אויסגערופן אמן!

האָט דער איד, וואָס האַלט די אַרענדע משנים קדמוניות, זיך דער-נענטערט צום מגיד און דער מגיד ז"ל האָט אים אין דער שטיל אויסגע-פרעגט, וויפיל ער האָט מרויח געווען יענעם יאָר, וויפיל ער האָט געצאָלט פאַריקען יאָר און דערנאָך האָט ער אים געזאָגט: כך וכך זאָלסטו צאָלן דאָס יאָר.

האָט ער עס איבערגעגעבן לייביש חיימען און ער האָט אויסגערופן בקול רם:

פלוני בן פלוני גיט פאַר דער אַרענדע כך וכך איין מאָל, צוויי מאָל און דריי מאָל.

האָט דער מגיד אויסגערופן מזל טוב. און דער גאַנצער עולם האָט נאָכגעשריען און די אַרענדע איז שוין געבליבן פאַר אים זיכער, פאַר דעם מקח, וואָס ער האָט אויסגעדונגען ביים רבין.

און אַט אַזוי אויף דעם אופן האָט יעדער געדונגען זיין אַרענדע ביים טריסקער מגיד, שמחת תורה אין אָוונט.

לייביש חיים האָט געוואָלט אַמאָל פריילעך מאַכן דעם עולם מיט אַן הלצה, האָט ער נאָכן פאַרענדיקן פאַרדינגען די אַרענדעס אַ כאַפּ געטאָן

א חסיד, וועלכער האָט געהאַט א שבר ד"ל, אים ארויפגעשלעפּט אויפן טיש און אויסגערופן:

אזוי ווי דער איד איז א „בעל כיס", וועט ער זיין ערוב פאַר אַט די אַלע ארענדעס.

— האָסט אַ טעות, לייביש חיים, ער האָט שוין אַנגעוואוירן זיין כיס.

און דער חסיד איז אַראָפּגעגאַנגען פונם טיש, אויסגעהיילט פונם שבר.

צוגעזען אַזאַ זאַך, פלעגן אידן, וועלכע זיינען געווען געשטראָפט מיט דער קרענק, זיך בעטן ביי לייביש חיימען, ער זאָל זיי אויך ארויפנעמען אויפן טיש און מאַכן מיט זיי די זעלבע הלצה.

פאַרענדיקט די טאַרגעס, האָט דער מגיד ז"ל געטרונקען לחיים מיט יעדן פון די ארענדאַרעס און האָט יעדן איינעם דערמאָנט:

— זאָלסט געדענקען, וואָס מען האָט געלייענט אין דער תורה: „עשר תעשר" (שמיני עצרת לייענט מען די פּרשה „עשר תעשר" ד. ה. זאָלסט געבן אַ צענטל פון דיינע ערד־פּרוכט און פון דיין פּי צו די כהנים און לוים), עשר בשביל שתתעשר. צענטל, כדי דו זאָלסט רייך ווערן. און דער מגיד האָט אים אויסגערעכנט אַ צענטל:

כך וכך זאָלסטו געבן אין קופּת רבי מאיר בעל הנס, כך וכך אויף ישיבות, אזוי פיל און אַזוי פיל אויף מחזיקי לומדי תורה און אזוי האָט ער אייסגערעכנט אַ גאַנץ צעטל פון צדקות.

האָבן חסידים ואנשי מעשה געגאַרט בייצוזיין אַט די טאַרגעס און האָבן אויך געגאַרט צו זען די שמחה ביים נעסכיזשער. האָבן זיי צווישן זיך געישובט וואָס צו טאָן.

בעטן רשות אויף דעם ביים טריסקער מגיד, האָבן זיי ניט געהאַט די העזה. אָן רשות, איז דאָך נישט שייך אַוועקצופאָרן אויף אַ יום טוב פון טריסקער צום נעסכיזשער.

דאָס זעלבע איז פאָרגעקומען צווישן די חסידים בעלי מחות אין נעסכיזש. זיי האָבן זייער און זייער געגאַרט בייצוזיין אַמאָל אין טריסק, שמחת תורה, צוזען די „טאַרגעס", און דער עיקר, צוזען ווי דער טריסקער גייט מיט די הקפות, צעד אחר צעד.

האָבן זיי אָבער ניט געהאַט די העזה צו בעטן רשות ביים נעסכי־

זשער און אָן רשות, פאַרשטייט זיך, אַז זיי וועלן ניט אוועקפאַרן אויף אַ יום־טוב פון נעסכיזש קיין טריסק.

מאַכט זיך אַמאָל, אין אַ שבת שובה, זאָגט דער טריסקער מגיד תורה:

— גאָט האָט געוואָלט באַשאַפן די וועלט רק מיטן מדת הדין, האָט ער אָבער געזען, אַז די וועלט וועט ניט קאָנען האָבן קיין קיום מיטן מדת הדין אַליין, האָט הקדוש ברוך הוא צוזאַמענגענומען דעם מדת הדין, באַהעפט צום מדת הרחמים און באַשאַפן די וועלט מיט ביידע: מיט „דין" און מיט „רחמים".

איך הייס אברהם, אין דער בחינה פון חסד און רחמים...

דער פעטער ר' איציקל נעסכיזשער (דער נעסכיזשער איז געווען אַ פעטער פון ר' אברהמעלעס ווייב, דער רביצין) איז בבחנת גבורה און דין.

האָט ער, דער פעטער, געמיינט, אַז די וועלט וועט זיך פירן רק אין זיין דרך, אין דין, און ער האָט געמיינט כובש צו זיין די גאַנצע וועלט און זיי מאַכן לערנען זיין דרך.

האָט מיך גאָט ברוך הוא אַראָפּגעשיקט אויף דעם עולם, איך זאָל ממתיק זיין דעם „דין" און זיך באַהעפטן מיט מיין פעטער רבי איציקלען.

וואָלט אַ יושר געווען, אַז די גרויסע בעלי מחות פון מיינע מקורבים זאָלן זיין אויף אַ יו"ט אין נעסכיזש און זען די התנהגות פון דין. זאָלן זיי אביסל ממתיק זיין.

אין דער זעלבער צייט האָט ר' איציקל ז"ל געזאָגט תורה:

— ווען גאָט ברוך הוא האָט באַשאַפן די וועלט, האָט ער געמיינט צו באַשאַפן זי מיט מדת הרחמים, האָט ער אָבער געזען אַז אַ חושך שבטו שונא בנו, אַז דער, וואָס פאַרמיידט זיין רוט, האָט פיינט זיין קינד. האָט ער זי געוואָלט באַשאַפן רק מיט מדת דין, האָט ער געזען אַז די וועלט קאָן ניט האָבן קיין קיום מיטן מדת הדין אַליין, האָט הקב"ה מצרף געווען דעם מדת הדין צום מדת הרחמים און באַשאַפן די וועלט מיט ביידע.

איך בין יצחק, בבחנת גבורה און דין. ר' אברהמעלע דער טריסקער איז בבחנת חסד און רחמים, האָט ער, ר' אברהמעלע, געמיינט אַז די וועלט וועט זיך פירן רק אין זיין דרך, אין רחמים, און ער האָט געמיינט איינצונעמען דעם דרך החסידות רק אין זיין דרך.

האָט מען מיך אַראָפּגעשיקט אויף דעם עולם, איך זאָל מגביר זיין אביסל זיין ווייכן דרך, און זיך באַהעפטן מיטן טריסקער מגיד.

וואָלט אַ יושר געווען אַז די מוחין רברבין פון מיינע מקורבים זאָלן

זיין אויף א יו"ט אין טריסק, זען מיט זייערע אויגן די התנהגות פון רחמים און זיי מגביר זיין.

אויף יענעם שמיני עצרת און שמחת תורה זיינען ניין מקורבים פון טריסקער מגיד געווען אין נעסכיזש און ניין מקורבים פון נעסכיזשער צדיק — אין טריסק.

יענעם שמחת תורה האבןביידע צדיקים, דער טריסקער און דער נעסכיזשער, געזיפצט ביים טיש און געזאגט:

ווען נאך איינער זאל געווען קומען, א גאנצער מנין, וואלטן מיר געווען מקרב געווען די גאולה.

פון דעמאלט אן האבן שוין די חסידים פון ביידע צדיקים ניט מזכיר געווען פון בייצוזיין איינער ביים צווייטנס צדיק.

זיי האבן פארשטאנען אז מען קאן ניט דוחק את הקץ זיין.

און זיי זיינען צופרידן געווען יעדערער מיט זיין רבינס שמחת תורה.

# די הקפה פון „עוזר דלים"

דער זלאָטשעווער מגיד ר' יחיאל מיכל ז"ל האָט שמחת תורה ביי די הקפות ניט געהייסן מאכן מער ווי זיבן הקפות און ער האָט זיי איינגע־טיילט אויף דעם אופן:

די ערשטע פינף הקפות האָט ער געגעבן זיינע פינף זין, די חמשה חמשי תורה:

ר' וועלוועלע זבאריזשער, ר' איציקל ראדזיווילער, ר' משהלע זווילער, ר' מרדכילע קרעמענעצער און ר' יאָסעלע יאמפעלער. זיך אַליין האָט ער גענומען די לעצטע הקפה „קדוש ונורא" און צו עוזר דלים האָט ער גע־הייסן אויפרופן אַן אָרימאַן: אַ וואַסערטרעגער, אַ האָלצהעקער אָדער סתם אַ מחזיר על הפתחים.

און יענער אָרימאַן, וואָס האָט געהאַט די זכיה אויפגערופן צו ווערן צו „עוזר דלים", איז שוין געווען בטוח, אַז אין דעם יאָר וועט ער שוין אויפגעריכט ווערן מיט גרוים עשירות.

די איבעריקע ספרי תורה, וואָס זיינען געווען אין ר' מיכלס קלויז, האָט ער צעטיילט צווישן זיינע מקורבים, זיי זאָלן גיין מיט הקפות, נישט אויסרופנדיק זייערע נעמען.

פלעגן אויף שמחת תורה קומען קיין זלאָטשעוו צום מגיד אין קלויז אָרימעלייט פון אַלע ארבע פנות העולם, און אַלע האָבן זיך געשטופּט אויבן אָן, צו זיין אַנזיכטיק, לעבן מגיד, כדי אפשר זוכה זיין צו ווערן אויפגערופן צו דער הקפה פון עוזר דלים און דורך דעם אויפגעריכט ווערן מיט עשירות.

פלעגט דער מגיד ז"ל שרייען צו זיי מיט אַ זייער פריינטלעכן און ליבלעכן שמייכל:

— אידן, איר דאַרפט זיך ניט שטופּן! אַלע זיינט איר אויסגעקריצט ביי מיר אין זכרון! איך זע תמיד פאַר מיינע אויגן אַלע אידן מקצה העולם ועד קצהו! בפרט די אָרימע אידן, וואָס זיי זיינען בבחינת „הביבן ישראל, שנקראו בנים למקום". נאָך וואָס זשע שטופּט איר זיך אַזוי? איר ווילט פאַרלירן דעם „חביבין" צוליב עשירות!?

האבן פאר אט די ווערטער אידן עשירים געהאט פארדראס, און חיים דער נגיד, וואס איז געווען א שטיק תקיף, האט זיך איינמאל אנגערופן:

— רבי, מיר, דערפאר וואס מיר פארמאגן עשירות — זיינען מיר דען ניט גאטס קינדער? אז א קינד ווערט רייך, ווערט עס דען איבער דעם אוים קינד ביים טאטן?

און אויב צוליב עשירות ווערט מען אוים קינד ביים רבונו של עולם, פארוואס־זשע הייסט איר אויפרופן ארימע אידן צו דער הקפה פון עוזר דלים, און איר העלפט זיי רייך צו ווערן און איר רייסט זיי אוועק פונם חביבין?

ר׳ מיכל ז״ל האט א שמייכל געטאן און געענטפערט:

— ניין, האסט א טעות; אפילו א בשר ודם איז אויך בטבע מער צוגעצויגן צום ארימען קינד איידער צום רייכן און דעם ארימען קינד ווייזט דער פאטער ארוים מער ליבע, און דאך זוכט יעדער פאטער צו העלפן רייך ווערן דעם ארימען קינד.

די גבירים זיינען פונדעסטוועגן געווען תמיד מיט גרוים פארדראס אויף ר׳ מיכלען, דעם זלאטשעווער מגיד און זיי האבן געהאט אויף אים זייער גרוים תרעומות.

זיי האבן אבער געמוזט אלעם כובש זיין אין זיך און שווייגן. זיי האבן גרוים דרך ארץ געהאט פאר אים און מורא געהאט פאר זיין הקפדה.

איבערהויפט איז פול געווען מיט תרעומות אויף אים אברהם שלמה מנשהס, אדער ווי מען פלעגט אים רופן אונטער די אויגן, אברהם שלמה גוי.

ער, אברהם שלמה, איז געווען א גרויסער עושר אין זלאטשעוו.

אמאל איז ער געווען דער איינציקער רייכער איד אין זלאטשעוו.

און כאטש אויסער געלט האט ער גאר ניט פארמאגט, ניט קיין תורה און ניט קיין דרך ארץ, האט ער דאך געהאט די איינציקע דעה אין זלאטשעוו. ווייל כמעט דאס גאנצע שטעטל און אומגעגנט האט געמוזט אנקומען צו אים נאך גמילת חסדים.

האט דער זלאטשעווער מגיד אנגעהויבן צו טיילן די הקפה פון „עוזר דלים" יעדעס יאר צי אנדערע ארימעלייט און בפירוש צו איידעלע אידן, תלמידי חכמים. איז דאס שטעטל זלאטשעוו נתרבה געווארן יעדן יאר מיט מער אן עושר. און די דעה און תקיפות האט זיך ארויסגעגליטשט בישלעכווייז פון די הענט פון אברהם שלמהן.

ניט נאר האט מען זיך אויפגעהערט צו רעכענען מיט זיין ווארט,

נאָר מען האָט זיך געשעמט מיט אים און אָנגעהויבן צו חוזקן פון זיינע עמי הארצישע ווערטער.

האָט ער געטראָגן א שנאה צו אלע נייע גבירים, וועלכע ער פלעגט באַטיטלען מיטן נאָמען „די אויפגעקומענע" און ער האָט געהאט א שטאַר־קן פאַרדראָס אויפן מגיד, ר' מיכלען ז"ל, וועלכער איז דער גורם אין זייער רייכקייט, צוליב וועלכע ער האָט פאַרלוירן זיין השפעה און די דעה אין שטעטל.

זיצט ער אמאָל און קלערט: ווי אזוי ווערט מען רייכער פון די אלע שטעטלדיקע, אויפגעקומענע גבירים, אויף אזוי פיל, אז איך זאָל קאָנען צוריק באַקומען די גאַנצע מאכט אין שטעטל און צוריק ווערן דער איינ־ציקער דעה זאָגער ווי אין די פריערדיקע צייטן?

און נאָך פיל טראַכטן און קלערן איז ער געקומען צו אַט דעם באַשלוס:

ער וועט שמחת תורה אין אָוונט זיך אוועקשטעלן נאָענט לעבן ארון הקודש און ווען מ'וועט אויפרופן עמיצן צו „עוזר דלים", וועט ער אונ־טערלויפן, אויסכאַפן דעם ספר תורה און וועט גיין מיט דער הקפה, וועט ער רייכער ווערן כופל ווי זיין רייכקייט. אין דער פרי צו די הקפות וועט ער ווידער טאָן דאָס זעלבע: צו עוזר דלים אויסכאַפן דעם ספר תורה און ארומרינגלען די בימה, וועט ער נאָך רייכער ווערן אזוי, אז זיין רייכטום וועט ווערן ווי ראָטשילדס רייכטום, און דעמאָלט וועט ער באַקומען די מאכט און דעה, ניט נאָר ביי זיך אין שטעטל, נאָר אויך אין דער גאַנצער סביבה ארום וועט ער ווערן א מושל בכיפה.

פאַרטראַכט און געטאָן.

ס'איז געקומען שמחת תורה. פאַר דער הקפה פון „עוזר דלים" איז ער שוין געשטאַנען גרייט לעבן ארון קודש און אלע זיינע אברים איז „דא לדא נקשן".

און ווי נאָר ער האָט געהערט אויסרופן: כבוד התותי ר' פלוני בן פלוני תן כבוד לתורה צו עוזר דלים, איז ער שנעל צוגעלאָפן, א כאַפּ גע־געבן דעם ספר תורה און ארומגעדרייט זיך ארום דער בימה.

דער מגיד ז"ל האָט דערויף גאָרניט געזאָגט. ער האָט בלויז געגעבן א בליק אויף אים, שטאַרק אָפּגעזיפצט און געמורמלט: נעבעך, א רחמנות...

אברהם שלמה אָבער האָט גאָרניט געהערט.

ער איז אהיימגעלאָפן מיט גרויס חדוה און אָנגעזאָגט א בשורה צו זיין ווייב, אז דאָס יאָר וועט ער שוין זיין טאָפּלט רייך, ווייל ער האָט

אויסגעכאַפּט די הקפה פון „עוזר דלים". ער האָט איר באַטאַנט די ווער־טער, גלייך ווי ער וואָלט ערגעץ אויסגעכאַפּט אַ גוט מסחר. און ער האָט זיך באַריכמט פאַר איר, אַז אויך איר מאָרגן פרי ביים דאַוונען וועט ער טאָן דאָס זעלבע.

אין כך הוה: שמחת תורה אינדערפרי, ווען מ'האָט אויפגערופן איי־נעם אַז אָרימען אידן צו עוזר דלים, איז ער אויף גיך צוגעלאָפן, אויסגע־כאַפּט דעם ספר תורה און אַרומגעלאָפן אַרום דער בימה.

דער מגיד האָט ווידער געגעבן אַ זיפץ און זיך אָנגערופן:

— נעבעך, אַ רחמנות!

און ער, אברהם שלמה, איז געלאָפן אהיים מיט אַ פרייד, ווי נעכטן, און דערציילט זיין ווייב, אַז ער וועט נאָך רייכער ווערן, ווייל ער האָט צום צווייטן מאָל אויסגעכאַפּט די הקפה פון „עוזר דלים".

באַלד נאָך שמחת תורה האָט אברהם שלמהן אָנגעהויבן צו גיין מיט דער פּוטער אראָפּ, ווי מען זאָגט, וואו ער האָט זיך געקערט, האָט ער אָנ־געוואוירן געלט. אזוי איז ער אין אַ קורצער צייט געוואָרן אַ עני ואביון.

איז ער אַריינגעלאָפן צום מגיד מיט אַ גרוים געוויין און האָט אָנגע־הויבן טענהן:

— סטייטש, רבי, תמיד, ווער ס'גייט מיט דער הקפה פון „עוזר דלים", ווערט ער רייך, און איך בין דאָס יאָר געגאַנגען מיט דער הקפה צוויי מאָל, און בין גאָר אָרים געוואָרן.

האָט דער זלאָטשעווער ז"ל, געענטפערט:

— איך וועל דיר מפורש זיין דעם פּאַרוואָס. איך זאָג נאָך תמיד דעם פסוק „עוזר דלים" מיט גרויס כונה און איך האָב אינזינען דעם בעל הקפה, הערט הש"ית צו מיין תפלה, טוט מיין רצון און מאַכט אים רייך.

היינטיקס יאָר, ווען דו האָסט אויסגעכאַפּט דעם ספר תורה און איך האָב נאָכגעזאָגט „עוזר דלים", ד. ה. דער גאָט, וואָס העלפט די אָרימע, האָט מען דיך געזען ניט קיין אָרימען, נייערט אַ רייכן, האָט מען גענומט צונעמען ביי דיר דיין עשירות און דיך מאַכן פאַר אַן אָרימאַן, כדי מיין תפילה פון „עוזר דלים" זאָל ניט זיין לשוה.

איצט, ביז איבער אַ יאָר שמחת תורה, אַז דו וועסט זוכה זיין ביי הקב"הו, וועל איך דיך מכבד זיין מיט דער הקפה „עוזר דלים" און וועסט צוריק קומען אויף דיין פריערדיקער מדרגה.

האט זיך אברהם שלמה צעבליפעט און געטענהט וויינענדיק פארן מגיד:

— וואו זשע וועל איך נעמען דאס יאר ברויט פאר מיר, פאר מיין ווייב און פאר מיינע קינדער?

— שוטה, וואס וויינסטו — האט זיך דער מגיד אויף אים געבייזערט — דו האסט דאך שוין אן עצה: וועסט אויסבאקן.

א גאנץ קיילעכדיק יאר איז אברהם שלמה מנשהס, דער געוועזענער גביר, ארומגעגאנגען אין גאס און איבער די הייזער און געבאקט ברויט פון די מארק זיצערס און פון די טישן. קיינער האט זיך ניט אנגעבייזערט דערפאר אויף אים. מען האט אים געלאזט באקן דאס ברויט און אים באדויערט.

דעם צווייטן יאר שמחת תורה האט אים דער זלאטשעווער מגיד מכבד געווען מיט עוזר דלים, און ער איז צוריק רייך געווארן ווי פריער. אבער קיין פארדראס אויף די אויפגעקומענע גבירים האט ער שוין מער ניט געהאט. און די השגה צו האבן די דעה אין שטעטל, האט זיך שוין פון אים אפגעטאן.

און שמחת תורה איז ער געשטאנען במרחק רב פונם ארון קודש, ער האט זיך געשראקן פאר דער הקפה פון עוזר דלים.

# ר׳ נפתלי כ״ץ פון פויזנא

— 1 —

דאָס איז אַ באַוואוסטער כּלל, וואָס יעדער איד, וועלכער איז משמש תּלמידי חכמים און איז אַ מאמין באמונת צדיקים, ווייסט עס און פילט עס: אַז דורך תּורה, און עבודה בקדושה ובטהרה אָן אַ שום פּניה, קאָן אַ מענש אַרויפגיין אויפן לייטער, וואָס שטייט אויף דער ערד און זיין שפּיץ דערלאַנגט ביזן הימל און ער קאָן נתעלה ווערען אין דער בחינה פון „הקדוש ברוך הוא גוזר והצדיק מבטל, און הצדיק גוזר והקדוש ברוך הוא מקיים״.

ויהי, און ס׳איז געווען, ווען דער רבי ר׳ נפתלי כ״ץ פון פויזנא איז נאָך געווען גאָר אַ קינד, איז הגם ער איז געווען פול מיט תורה און יראה ווי אַ זקן ממש, ווייל דאָס איז דאָך ידוע לכּל, אַז די גאַנצע תּורה, וואָס דער מלאך האָט מיט אים געלערנט במעי אמו, האָט ער נישט פאַרגעסן, האָט ער דאָך ליב געהאַט צו שפּילן זיך אינדרויסן מיט די קינדער, און מעשה קונדס, ליב געהאַט צו וואַרפן אַ שטיינדל, צו קלעטערן איבער אַ פּלויט וכדומה קינדערשע זאַכן.

מאַכט זיך אַמאָל, אַז ווען ער, דאָס קינד נפתלי, שטייט אין גאַס און שפּילט זיך מיט נאָך קינדער אין שטיינדעלעך, פאָרט דורך דער דוכס פון שטעטל.

רופט זיך אָן דאָס קינד צו זיינע חברים:

— אנו, לאָמיר זען, ווער פון אייך, וואָס האָט ניט קיין מורא פאַר קיין בשר ודם, נאָר פאַר גאָט אַליין, זאָל נעמען אַ שטיינדל און וואַרפן דעם דוכס.

האָבן זיך זיינע חברים שטאַרק דערשראָקן פאַר זיינע רייד און אָנגעהויבן אָפּצורוקן זיך אין אַ זייט.

האָט ר׳ נפתלי זיך אויסגעלאַכט פון זיי, גענומען אַ שטיינדל, אַ וואָרף

נעטאָן, צילעווענדיק גלייך אויפן דוכס און אים געטראָפן פונקט אין שטערן. ס'האָט אָנגעהויבן רינען בלוט פון דער וואונד.

זיינע באַלד צוגעלאָפן צוויי שומרים, וואָס האָבן באַגלייט דעם דוכס, איבגעכאַפּט, און געבראַכט פאַרן דוכס.

— נעמט אים, דעם קליינעם אידן, און הענגט אים אויף.

נעמט מען אים, מ'גיט אים איבער צו איינעם אַ שומר, ער זאָל אים פירן אין דער קרוין־שטאָט און אים דאָרטן הענגען, כדי אַלע זאָלן זען און זיך אָראָפּנעמען אַ מוסר מורא צו האָבן פאַרן דוכס.

ווען ר' נפתלי האָט געהערט די ווערטער פון דוכס, האָט ער זיך אָנגערופן:

— כי המשפט לאלקים הוא — דער משפט געהער צו גאָט ברוך הוא, און ער זאָגט: וחי בהם, אַז איך דאַרף לעבן און לערנען תורה, און מורא האָבן דאַרף מען נאָר פאַר גאָט, ניט פאַר קיין בשר ודם.

— הער אויף צי פּלאַפּלען, דו קליינער, — האָט זיך געבייזערט דער דוכס, — וועסט שוין זען, פאַר וועמען מ'דאַרף מורא האָבן — פאַר דיין גאָט, צי פאַר מיר...

— וועלן מיר זען! — האָט ר' נפתלי געענטפערט רואיק.

האָט דער שומר אים אָנגענומען ביי דער האַנט, אים געפירט אַ גאַנצן טאָג. שפּעט אין דער נאַכט איז ער אָנגעקומען מיט אים אין אַ דאָרף. ס'איז געווען ווינטער, פאַרפרוירן און מיד, איז דער שומר אַריינגעגאַנגען מיט אים אין קרעטשמע זיך אָנוואַרימען און אָפּרוען איבער נאַכט.

זיצנדיק אין קרעטשמע, הערט דאָס קינד, ווי אַ מלמד זיצט און לערנט מיט צוויי בחורים, דעם קרעטשמערס קינדער, אַ שווערע סוגיא. זיך מפלפל זייענדיק, זיינען זיי אַריינגעפאַלן אין אַ טעות און געוואָלט איינטייטשן בדוחק דעם ענין.

ר' נפתלי זיצט פון וויטן, מיט אַ קיים אָרומגעבונדן אַ האַנט און דער שומר האַלט אים צו ביי דער קיים.

הערנדיק די סוגיא, מישט זיך ר' נפתלי אַריין און פּלאָנטערט זיי אויס פון אַלע גרייזן, אַז זיי זיינען נתפעל געוואָרן פון זיין גרויס לומדות.

פרעגט מען אים שוין: מאַין, פון וואַנען? ולאַן, און וואוהין?

דערציילט ער זיי שוין די גאַנצע געשיכטע, אַז מען פירט אים צו דער

תליה אין דער קרוין-שטאָט און ער איז בטוח, אַז גאָט ברוך הוא וועט אים מציל זיין.

— ווי אַזוי ביסטו זיכער אין דעם? — פרעגט אים דער אַרענדאַר.

— ווייל איר אַליין וועט מקיים זיין די מצוה פון פדיון שבויים — האָט ר' נפתלי געענטפערט.

— פאַר וואָס זשע האָסטו מסכן געווען דיין נפש אומזיסט? — האָט אים ווידער דער אַרענדאַר געפרעגט.

— כדי — האָט ער געענטפערט — איך מזכה צו זיין מיט דער גרויסער מצוה.

מילא, פאַרשטייען זיי שוין, דער אַרענדאַר, דער מלמד און די קינדער, אַז דאָס אינגל איז ניט סתם אַ אינגל פון גאַס, אַז דאָס אינגל פאַרמאָגט אַ גרויסע נשמה, איז אַ נולד בקדושה ממעי אמו.

הויבט ער אָן, דער אַרענדאַר, פאַרהאַנדלען מיטן שומר: ערשטנס, וואָס דאַרפסטו זיך שלעפּן מיט אָט דעם אינגל נאָך דריי־פיר טעג ביז דער קרוין־שטאָט צו פוס; בעסער זיץ דאָ אָפּ די עטלעכע טעג, און דעם לעצטן טאָג וועל איך דיר שפּאַנען מיין קאָטש מיט פיר פערד, וועט איר פאַר עטלעכע שעה איינפאָרן דעם וועג. און דערצו גיב איך דיר הונדערט גילדן.

איז דאָס דעם שומר געפעלן און ער האָט דערצו מסכים געווען.

די עטלעכע טעג איז דער אַרענדאַר מיט זיין מלמד אַלע מאָל מער אַריין אין התפעלות פונם קינד נפתלי, און זיי האָבן אָנגעהויבן טראַכטן אים מציל צו זיין פונם טויט.

פאַררופט ער דעם שומר אין אַ באַזונדער חדר אויף אַ סוד, און זאָגט אים לאמר, אַזוי צו זאָגן:

— זאָג מיר נאָר, וואָס וואָלט דיר געקומען פאַר אַ שטראָף, ווען אַ שטייגער ס'טרעפט, אַז דאָס אינגל שטאַרבט אין מיטן וועג?

— גאָרניט וואָלט מיר געקומען — האָט געענטפערט דער שומר — איך וואָלט נאָר באַדאַרפט ברענגען אַ גביית עדות, פונם סטאַראָסטע אונטערגעחתמעט, אַז יענער און יענער, איז דאָרט און דאָרט, דעם און דעם טאָג, געשטאָרבן, און מער ניט.

אויב אַזוי — האָט דער אַרענדאַר אים געענטפערט מיט שמחה — וועל איך דיר ברענגען כתוב וחתום פונם סטאַראָסטע פון דעם דאָרף, אַז

דאָס קינד נפתלי כ״ץ איז געשטאָרבן, און דיר גיב איך אוועק מיין גאַנץ פאַרמעגן.

און רעדנדיק, עפנט ער אויף די שאַפע, וואו ס׳איז געלעגן אַ הון רב, פיל טויזנטער, וואָס דער אָרענדאַר האָט אָפּגעשפּאָרט אין אַלע יאָרן.

דער שומר האָט דערזען דאָס געלט, איז ער פאַר תאוה פאַרשכורט וואָרן, איז צוגעלאָפן און דאָס פאַרנומען אין גאַנצן.

דער אָרענדאַר האָט אים באַלד געבראַכט אַ גביית עדות פונם דאָרף סטאַראָסטע, אַז דאָס קינד נפתלי כ״ץ איז געשטאָרבן און דאָרטן צו קבר ישראל געקומען.

האָט דער שומר צוגענומען דאָס פּאַפּיר פון סטאַראָסטע מיט דער סומע געלט און איז זיך אַוועקגעגאַנגען אַליין צופרידן.

און נפתלי איז געבליבן ביים אָרענדאַר און איז געזעסן יומם ולילה על התורה ועל העבודה.

ווען ער איז עלטער געוואָרן און ס׳איז געקומען די צייט, ער זאָל אַ חתן ווערן, איז געווען ביים אָרענדאַר אַ בוגרת אין זיין עלטער. האָט דער אָרענדאַר אים אָנגעמיט, אַז אויב ער פאַרשטייט, אַז ס׳איז זיין זיווג מין השמים, זאָל ער אַ חתן ווערן פאַר איר.

האָט ער אים געענטפערט, אַז אַזוי ווי דעם סוד פון זיווג גיט מען ניט איבער צו לעבעדיקע, וועט ער מאַכן אַ שאלת חלום צו זיינע עלטערן, וועלכע זיינען שוין אויפן עולם האמת און זיי וועלן אודאי אים זאָגן; דערצו דאַרף ער האָבן הכנות, מיחד יחידים זיין, מצרף צרופים זיין, טובל טבילות זיין וכדומה. בכן בעט ער ביי אים צייט אַ חודש לכל הפחות.

כמעט דעם גאַנצן חודש האָט ער, ר׳ נפתלי, פאַרבראַכט אין התבודדות, מערער טעג געזעסן אין תעניות, געוואַכט די גאַנצע נאַכט.

די לעצטע נעכט פונם חודש הערט איינמאָל דער אָרענדאַר אַ געוויין אין נפתלים התבודדות־צימער און טענות מיט בקשות.

דערנענטערט ער זיך צום התבודדות חדר, הערט ער ווי נפתלי טענהט מיט געוויין:

— סטייטש ער האָט מיך מציל געווען פון טויט; ער איז מיך מחזיק על שלחנו. ווי איז מעגלעך אים אָפּצוזאָגן?

אינהערפרי איז דער בעל הבית צוגעגאַנגען צו אים און געזאָגט:

— נפתלי, הארציקער, איך האָב דיך געהערט ביינאַכט טענהן און

וויינען. איך ווייס ניט פאר וועמען, אבער, איך פארשטיי, אז ס'האט א שייכות צו מיר. דערצייל מיר דעם אמת.

האט ער אים דערציילט, אז דאס האט ער געטענהט פאר זיינע על־טערן און געבעטען, זיי זאלן זען איבערבייטן דעם זיווג. אבער זיי האבן אים געזאגט, אז ס'איז ניט מעגלעך משנה זיווג זיין. און דעם ארענדארס בתולה איז ניט אויסגערופן געווארן ארבעים יום פאר דער יצירה, אז זי דארף זיין זיינע. בכן מוז ער זיך גיין זוכן זיין זיווג און דעם ארענדארס בתולה לאזען פאר איר זיווג.

ווי דער ארענדאר האט אויסגעהערט זיינע רייד, האט ער זיך אנ־גערופן:

— חו"ש, צוליב מיר משנה זיווג זיין. ניין! פאר לחיים ולשלום זוכן דיין זיווג און בענטש מיין טאכטער, אז גיך זאל קומען צו איר, איר זיווג.

האט ר' נפתלי געבעטן דעם ארענדאר, ער זאל אנשרייבן אויף א שטיקל פאפיר דעם גאנצן חשבון: וויפל ער האט אויסגעגעבן אויף אים, וויפל ער האט געגעבן דעם שומר, דעם כמאראסטע, וויפל קאסט ער אים אלע יארן, וואס ער איז ביי אים א. א. וו.

כאטש דער ארענדאר האט ניט געוואלט מאכן מיט אים קיין חשבונות, ער האט געטענהט, אז ער האט דאס רק געטאן לשם מצוה, אבער, ר' נפתלי האט אים שטארק מפציר געווען און ער האט אויסגעשריבן דעם גאנצן חשבון. האט ר' נפתלי זיך אונטערגעחתמעט: נפתלי כ"ץ און עס איבער־געגעבן דעם ארענדארס בתולה און געזאגט:

— באהאלט עס גוט. ס'וועט דיר אמאל צונוץ קומען.

ער האט זיך אפגעזעגנט, אלעמען געבענטשט און אפגעדאנקט און ער איז געגאנגען אפריכטן גלות און זוכן זיין זיווג.

— 2 —

ר' נפתלי כ"ץ האט אפגעריכט גלות א גאנץ יאר. נאכדעם איז ער פארפארן אין א שטעטל.

זיצנדיק אין א קלויז איבער א ספר, קומט צו א איד א שדכן און זאגט אים:

— יונגערמאַן, אויב דו ביסט נאָך אַ רווק, וועל איך דיר רעדן אַ שדוך.

— יאָ, איך בין אַ רווק — האָט נפתלי געענטפערט.

ער האָט באַלד געהאַט לעבן זיך אַ מחותן מיט אַ פאַרהערער און יענעם אָוונט נאָך איז ער אַ חתן געוואָרן און אין אַ קורצער צייט חתונה געהאַט. זיין נאָמען אַלס למדן האָט געקלונגען איבער דער גאַנצער מדינה, ביז ער איז אָנגענומען געוואָרן פאַר רב אין דער שטאָט פּויזנא און אינם גאַנצן גליל.

דער אַרענדאַר, וואָס האָט אים מציל געווען פון טויט, האָט אויך אײַנגיבן אַ שדוך געטאָן מיט זיין טאָכטער, אַ שדוך הגון, און חתונה געמאַכט.

האָט דאָס יונגע פּאָר פּאָלק פאַרלאָזט דאָס דאָרף און זיך באַזעצט אין אַ שטאָט, נאָענט לעבן פּויזנא. דאָרטן האָבן זיי געהאַלטן אַ ווײַנשענק און זיך געלעבט גליקלעך, צופרידן און מיט כבוד.

ויהי, און ס'איז געווען איינמאָל, ווען די פרוי פונם ווײַנשענקער האָט זיך צוריקגעקערט פון דער טבילה, איז אָנגעפאָרן אַ גרויסער גראף אין אַ קאַטש. געזען אַ יונג ווייבל גיין אין אָוונט, איז ער אַראָפּ פון קאַטש, זי אַ כאַפּ געטאָן, אַריינגעזעצט זי אין קאַטש, אַ טרייב געטאָן די פערד, און מיט איר אַנטלאָפן צו זיך אַהיים.

ער האָט אָנגעהויבן זי תובע זיין. אָבער, זעענדיק, אַז מיט גוטן קאָן ער ניט פועלן ,האָט ער זי פאַרשלאָסן אין אַ באַזונדער חדר און געזאָגט, אַז דאָרטן וועט זי זיין אייביק פאַרשלאָסן, ביז זי וועט זיך ניט אונטערגעבן מיט איר גוטן רצון.

אָבער, הנה לא ינום ולא יישן שומר ישראל, ס'דרימלט ניט און שלאָפט ניט דער היטער פון ישראל. שיקט איר גאָט ברוך הוא אַריין אַ געדאַנק, און זי בעט אים, ער זאָל איר ברענגען אַ גוט גלעזל ווײַן צו שטאַרקן איר האַרץ. און דאַן, אַז זי וועט דערקוויקן איר האַרץ מיט אַביסל ווײַן, וועט זי זען וואָס צו טאָן.

איז דער גראף געוואָרן מלא שמחה, באַלד געשפּאַנט דעם קאַטש און איז אַליין געפאָרן אין שטאָט אַריין קויפן ווײַן, טאַקע ביי איר מאַן. ווען זי האָט געהערט, אַז ער פאָרט צו איר אין שטאָט און וויסנדיק,

אז דאָס וועט געדויערן אַ פּאָר שעה צייט, האָט זי פאַרטראַכט, אַז איצט איז די ריכטיקע צייט צו האַטעווען זיך.

נאָר ווי אַזוי? די טיר איז פאַרשלאָסן און ס'איז אויפן צווייטן שטאָק. האָט זי אויפגעעפנט די שאַפע און געפונען דאָרט דעם גראַפס אַ היטל מיטן אויבערשטן מאַנטל מיט זיינעם אַ שטעקן. האָט זי זיך אָנגעטאָן דעם מאַנטל מיטן היטל, גענומען דעם שטעקן אין דער האַנט, אָפּגעזאָגט אַ קורצע תפילה און אויפעפענענדיק דאָס פענצטער, איז זי אַראָפּגעשפּרונ־ גען אויף דער ערד.

הש״ית איז איר געקומען צו הילף און זי איז געבליבן שטיין אויף דער ערד גאַנץ, ניט ניזק געוואָרן אין קיין אבר. איז זי זיך אַוועקגעגאַנגען גלייך צו זיך אַהיים, אויסמיידנדיק דעם וועג, נאָר דורך פעלדער און וועל־ דער.

קומענדיק אַהיים שפּעט אין דער נאַכט, האָט זי אויסדערציילט פאַרן מאַן אַלצדינג, וואָס מיט איר האָט פּאַסירט און געברענגט פאַר אַ סימן דעם מאַנטל, דאָס היטל און דעם שטעקן. אָבער, אַזוי ווי דער מאַן אירער איז געווען אַ ירא וחרד איז עפּ״י דינא, האָט ער ניט געוואָלט וואוינען מיט איר.

מאַכט זיך אַמאָל, אַז דער גראַף קומט קויפן וויין אין דער שטאָט, צו דעם וויינשענקער און אַזוי ווי כידוע לא ידעו בושת, זיי ווייסן ניט פון קיין שאַנד, דערציילט ער אים די גאַנצע געשיכטע, ווי ער האָט באַגעגנט אַ שיינע פרוי, זי אַרויפגעכאַפּט אויף זיין קאָטש, זי געבראַכט צו זיך אין פּאַלאַץ, זי געוואָלט מפתה זיין און זי, די אידישקע, האָט אים ניט געוואָלט צוהערן, האָט ער זי פאַרשלאָסן אין אַ באַזונדער צימער. האָט זי אים געבעטן גוטן וויין, וועט זי טאָן זיין באַגער, איז ער אַוועק נאָך וויין, טאַקע צו אים, דעם וויינשענקער, דערמאָלט און דעמאָלט, און ווען ער איז געקומען צוריק, איז זי נעלם געוואָרן. ער פאַרשטייט ניט ווי אַזוי, ווייל אויב זי איז אַראָפּגעשפּרונגען דורכן פענצטער, וואָלט זי באַ־ דאַרפט געטויט ווערן. די טיר איז דאָך געווען פאַרשלאָסן. נאָר ניט דאָס איז אינגאַנצן: זי האָט צוגענומען ביי אים אין צימער אַ מאַנטל מיט אַ היטל און אין ביידע איז געווען אייַנגענייט אַ הון רב, אַ גרויס פאַרמעגן.

— אַזאַ אידישקע — האָט ער אויסגעשריען מיט אַ קללה — האָט מיך אַזוי אָפּגענאַרט! און וועמען? אַזאַ גרויסן גראַף ווי איך בין!

ווען דער גראַף איז אוועקגעפאָרן, איז דער ווײַנשענקער גיך אַרײַנגעגאַנגען צו זיך אין שטוב, וואו זײַן ווײַב איז געווען; און ער האָט איר דערציילט אַלעס, וואָס דער גראַף האָט פאַר אים אויסגערעדט.

האָט מען גענומען דעם מאַנטל מיטן היטל, צעשניטן די נעט און געפונען דאָרטן טאַקע אַ שלל רב.

כאָטש ס'איז שוין אַראָפּגענומען געוואָרן פון איר יעדער חשד, דורך דעם גביית עדות פונם בעל דבר, דעם גראַף, מיט דעם באַווײַז פונם געלט אינם מאַנטל און אין דעם היטל, דאָך האָט ער געזאָגט צו איר: לאָמיר צופאָרן קיין פּויזנאַ, צום גרויסן רב און צדיק ר' נפתלי כ"ץ און מאַכן אַ שאלת חכם.

זײַנען זיי געקומען פאַר ר' נפתלין. אָבער זי האָט אים ניט דערקענט און ס'איז לא עלתה על דעתה, אַז דאָס איז דער זעלבער נפתלי וועלכער איז אַמאָל געווען בײַ זיי.

ווי נאָר זיי האָבן פאַר אים אויסדערציילט אַלעס, האָט ער זיך אָנגערופן צו איר:

— הער מיך אויס, די אשה פּלונית בת איש פּלוני פון יענעם און יענעם דאָרף: געדענקסט, אַז צוריק מיט עטלעכע יאָר האָט בײַ אײַך געדאַט אכסניה אײנער אַ בחור נפתלי כ"ץ, האָט ער אַרויסגעגעבן אַ כתב בתוב וחתום אויף כך וכך אלפים, וואָס דײַן טאַטע האָט אויסגעגעבן אויף אים שוין מיט פּדיון שבוים? נו, גיך פאָר אַהיים און ברענג מיר מײַן געחתמעט קוויטעלע.

איז דער ווײַנשענקער גיך געלאָפן אַהיים און געבראַכט דאָס געחתמעטע קוויטעלע פון ר' נפתלי כ"ץ, איז דאָס געווען פּונקט לויט דעם באַטרעף פון דער סומע, וואָס מ'האָט געפונען אינם מאַנטל און אין היטל. האָט זיך אָנגערופן ר' נפתלי:

— נו, האָב איך שוין אָפּגעצאָלט מײַן גאַנצן חוב, שוין גאָרניט שולדיק?

האָט ער אָפּגענומען בײַ איר דאָס קוויטעלע, זיך געמאַכט דערקענען און געזאָגט:

— אָט דער גראַף איז דער זעלבער שומר, וואָס האָט אים דעמאָלט געפירט צו דער תליה און ווען איר טאַטע האָט אוועקגעגעבן זײַן גאַנץ פאַרמעגן אים מציל צו זײַן פון טויט; ער איז נתעלה געוואָרן מעלה, מעלה,

ביז ער האָט דערגרייכט דער מדרגה פון גראף. און גאָט, וואָס ער איז מסבב הסבות, האָט געמוזט פירן דורך דעם דרך אָפּצוצאָלן דעם חוב. פאָרט־זשע אהיים און לעבט אייך מיט הצלחה אָן שום חשד.

האָבן זיי זיך צוריקגעקערט אהיים פריילעך און געדאַנקט און געלויבט השי"ת פאַר זיינע גרויסע הסדים, וואָס ער האָט געטאָן מיט זיי און זיי האָבן באַוואונדערט דאָס גרויסקייט פונם היילינקן צדיק ר' נפתלי כ"ץ פון פויזנא.

# דער קאזשינעצער מגיד ז״ל

כידוע האט דער קאזשינעצער מגיד ז״ל געהאט ביד משנה צו זיין די נאטור, ווען נאר ס׳האט דערפון געקאנט נצמח ווערן א טובה צו א מענטשן און בפרט צו א אידן. דער לובלינער חוזה ז״ל, וועלכער האט געזען פון איין עק וועלט ביז דעם צווייטן און האט אריינגעקוקט אין אלע פארבארגענע וועלטן, האט איינמאל מגלה געווען פאר זיינע מקורבים, אז ער האט געהערט א כרוז אין דער פמליה של מעלה.

אלע מלאכי מעלה, אלע גלגלים און אופנים פון דער וועלט קאנען איבערגעאנדערשט ווערן און אפילו אפגעשטעלט ווערן דורכן דבור און דורכן רצון פונם צדיק, דעם קאזשינעצער מגיד, און מיט זיינע תפלות קאן ער ברענגען א ישועה צו יעדן איינעם, וועמען ער האט נאר במחשבה.

מאכט זיך אמאל בימיו, ד. ה. בימי הקאזשינעצער, אז דעם חוזה פון לובלינס א תלמיד און א מקורב, ר׳ לייב, קומט צום חוזה און דערלאנגט אים א קוויטל מיט א בקשה:

היות, זיין טאכטער איז שוין א בוגרת, בכן, זאל דער חוזה מתפלל זיין צו השי״ת, ער זאל איר צושיקן במהרה איר ריכטיקן זיווג.

דער לובלינער האט איבערגעלייענט דאס קוויטל, זיך פארטראכט מעין עליית נשמה, שטארק אפגעזיפצט און געענטפערט:

— נאך ניט די צייט, פאר אהיים, לייב, לחיים ולשלום, און זאג דיין פלונית אויך, אז איר זאלט נאך נישט בעטן צו גאט אויף א שידוך פאר אייער טאכטער, זיים ניט דוחק די צייט.

מילא, גלויבט ער די הייליקע רייד פונם צדיק און ווארט. גייט אוועק א שטיק צייט. הויבט אים זיין פלוניתטע אן צו דערקוטשען:

— וואס וועט זיין? אונזער טאכטער ווערט נאך ניט קיין כלה, פאר נאכאמאל צום חוזה.

פארט ער נאכאמאל צום חוזה קיין לובלין, דערלאנגט דעם צדיק א בקשה וועגן א שידוך פאר זיין בוגרת.

ווערט דער חוזה אין דער הפקדה און צעשרייט זיך אויף אים:

— איך האָב דאָך דיר איינמאָל געזאָגט: נאָך ניט די צייט!

ווען די צייט וועט קומען וועט איר זיווג זיך אַליין דערמאָנען און קומען צו איר.

פאָרט ער אַהיים און דערציילט דעם ווייב די רייד פונם חוזה. א אידענע, איז זי ניט צופרידן און זאָגט: יענעם איז גוט צו וואַרטן (דער הייליקער חוזה איז ביי איר א יענער!).

גייט אַוועק נאָך א שטיקל צייט, הויבט זי אים נאָכאַמאָל אָן צו דערקוטשען, פאָרט ער נאָכאַמאָל און דער חוזה ענטפערט אים אַלץ דאָס זעלבע:

— נאָך ניט די צייט. ווען די צייט וועט קומען וועט דער זיווג שיקן נאָך דיר און דיר מודיע זיין. און דערפאַר וואָס דיין פלוניתטע האָט ניט די גאַנצע אמונה אין מיינע רייד, וועט זי, דיין טאָכטער, דערפאַר נענש ווערן און וועט דאַרפן אָנקומען נאָך רחמים, אז א צדיק זאָל אויף איר מתפלל זיין.

ר' לייב, האָט אויסגעהערט די רייד פונם חוזה, עפּעס ניט אינגאַנצן פאַרשטאַנען און שוין ביים געזעגענען זיך זאָגט אים דער חוזה:

— ס'וועט שוין לאַנג ניט געדויערן.

אין א קורצער צייט אַרום איז די הייליקע רביצין, דעם לובלינערס ווייב, נפטר געוואָרן. האָט דער לובלינער געשיקט נאָך ר' לייבן און אים געזאָגט:

— נו, לייב, שוין געקומען די צייט, גיב מיר דיין טאָכטער פאַר א ווייב: איך בין איר זיווג.

און דער חוזה האָט חתונה געהאַט מיט ר' לייבס טאָכטער.

איז אַוועקגעגאַנגען עטלעכע יאָר און זי איז ניט נפקד געוואָרן מיט קיין קינד. געווען אַן עקרה ר"ל. האָט זי אָנגעהויבן זאָגן דעם חוזה: דו ביסט מתפלל פאַר א וועלט מענטשן און זיי ווערן געהאָלפן, פאַרוואָס זאָלסטו ניט מתפלל זיין אויך פאַר מיר?

האָט ער ז"ל איר געענטפערט:

— איך בין מתפלל רק פאַר אַזעלכע, וועלכע איך זע, אז זיי קאָנען געהאָלפן ווערן, און ניט דאַרפן דורך דעם משנה זיין דעם סדר העולם, די טבע פון דער וועלט, וועלכע השי"ת האָט טובע געווען. ביי דיר אָבער

איז נגזר געווען אז דו זאלסט זיין אן עקרה און דיין גלגל אין דער וועלט דרייט זיך שוין אזוי, אז דו זאלסט ניט נפקד ווערן מיט קיין קינד. אז דו ווילסט, פאר זיך דורך קיין קאזשינעץ, ער האט בכח משנה הטבע צו זיין. אלעס, וואס ס'גייט ארויס פון זיין הייליק מויל, איז עושה פעולה. אולי וועט ער דיר א טובה טאן.

איז זי אוועקגעפארן קיין קאזשינעץ.

אז זי איז אנגעקומען צום קאזשינעצער, איז ער איר ארויסגעגאנגען אנטקעגן און געזאגט:

— הער נאר, דו אשה, ביי מיר ביסטו ניט קיין רביצין. דא ביי מיר ביסטו לייבס טאכטער, זאלסטו זיך גוט צוהערן צו מיין דאווגען און מיר נאכזאגן ווארט ביי ווארט, וועסטו איה"ש נפקד ווערן. און איה"ש וועל איך פארן אויף ברית מילה און זיין סנדק.

ס'פארשטייט זיך, אז זי האט אויסגעפאלגט די הייליקע רייד פונם מגיד, געהאט אמונה אין יעדן דבור זיינעם. זי איז געשטאנען אין דער ווייבערשער שוהל און זיך צוגעהערט צום דאווגען פונם קאזשינעצער מגיד, דעם דאווגען, וואס איז ארויסגעגאנגען מפיו הקדוש, מיט גע־שרייען, וואס האבן בוקע רקיע געווען.

אפגעוועזן א שטיקל צייט אין קאזשינעץ און זיך צוגעהערט צו זיינע תפלות, האט ער זי געשיקט רופן און געזאגט:

— נו, פאר שוין אהיים לחיים ולשלום, און למעה"ש פארגעס ניט, מיך צו בעטן אויף סנדק.

איז זי אהיימגעפארן פול מיט פרייד און בטחון און פונקט צום יאר נאכן קומען פון קאזשינעץ, האט זי געבוירן א בן זכר, איז די שמחה גע־ווען זייער גרויס אין לובלין און מ'האט באלד געשיקט א שליח מיוחד קיין קאזשינעץ מודיע צו זיין און געבעטן דעם הייליקן מגיד צו קומען זיין סנדק.

הגם דער מגיד איז דעמאלט געווען זייער שוואך, אז ער האט כמעט פון בעט ניט געקאנט ארפגיין, דאך ווי נאר ער האט געהערט די בשורה, האט ער זיך מיט כח געגעבן א הויב אויף פון בעט און געזאגט: איך פאר אויפן ברית, און וועל מקבל פנים זיין דעם גרויסן צדיק, דעם לובלינער חוזה.

ווען ער איז קיין לובלין אנגעקומען איז די גאנצע שטאט מענטשן אים אנטקעגן געגאנגען מיט גרויס כבוד, עס זיינען פול געווארן אלע

גאסן, ניט מעגלעך געווען דורכצופארן.

דערווייל איז דורכגעגאנגען איינע א גרויסע שררהטע, וועלכע האט געהאט א זון, וואס זיינע פיס זיינען אים געווען געליימט ר"ל. די שררהטע איז שוין אויסגעווען ביי א סך דאקטוירים מיט אים, און קיין שום דאקטאר האט אים ניט געקאנט אויסהיילן. האבן אירע דינער זי געעצהט, אז זי זאל אריינגיין צום לובלינער, ער זאל מתפלל זיין פאר איר זון.

איז זי אבער געווען א גרויסע צוררטע, פיינט געהאט א אידן, האט זי ניט געוואלט הערן אפילו: וואס הייסט, זי וועט גיין צו א אידן בעטן א רפואה פאר איר זון!

אז די שררהטע האט געזען די גאסן פול מיט אידן, איז זי געווארן אין דער רציחה און זיך צושריען:

— וואס פארנעמט איר די גאסן, איר אזוינע און אזוינע, און לאזט קיינעם ניט דורכגיין!

— וואס שרייסטו אזוי אויף אידן? דו גיי בעסער אהיים און שיק מיר דיין זון. זאג אים: דער ראבין פון קאזשינעץ, ישראל, רופט אים.

כאטש זי איז געווען א גרויסע צוררטע, האט זי זיך דערשראקן פאר זיינע רייד, איז אוועקגעלאפן אהיים און געזאגט צו איר געליימטן זון:

— הער נאר די חוצפה פון א אידן! ער, דער און דער, האט מיר געהייסן דיר זאגן, אז דער ראבין פון קאזשעניץ, ישראל, רופט דיך.

ווי נאר ער האט געהערט די רייד, איז ער אראפ פונם בעט און ניט געגאנגען, נאר געלאפן גלייך צום לובלינערס הויז, וואו דער מגיד האט געהאט סטאנציע.

די מוטער, זעענדיק ווי ער לויפט, איז זי אים נאכגעלאפן.

געקומען צום מגיד, ווענדעט ער זיך צום געליימטן זון און זאגט אים:

— זאג דיין מאמען, אז זי זאל צושווערן צו זיין גוט צו די אידן, וועסטו זיין געזונט און שטארק אויף דיינע פיס, ובאם לא, וועסטו פון דאנען צוריק ניט קאנען אהיימגיין.

האט די מוטער, די שררהטע, געשוואוירן, אז פון היינט אן וועט זי זיין א פריינדין צו די אידן און איר זון איז אוועקגעגאנגען אהיים געזונט און שטארק.

נאכן ברית, האט ער, דער קאזשינעצער מגיד, זיך אפגעזעגנט און באלד אהיימגעפארן.

ווען ער איז געשטאַנען אין דרויסן לעבן קאַטש, האָט ער זיך גע־ווענדעט צום לובלינער און געזאָגט:

— חוזה, ס'זאָל אייך ניט זיין קיין פליאה וואָס מיין דאַווענען איז עושה רושם אין הימל. ווייל אַזוי ווי איך קאָן גאָרניט און פאַרמאָג גאָר־ניט, ניט קיין תורה און ניט קיין מעשים טובים, פון וואָס־זשע קאָן איך אַמאָל האָבן עפּעס אַ חיות? טאַקע נאָר פונם דאַווענען. טוט מיר השי"ת צוליב און ער גיט דאָרטן אַכטונג, אַז מיין דאַווענען זאָל פועל זיין און איך זאָל האָבן דערפון חיות.

# דער בעל שם טוב און דער ארון הקודש

כידוע, האָבן דעם בעש"ט'ס מקורבים כמעט אַלע משתוקק געווען עולה צו זיין קיין ארץ ישראל. ווייל ווען נאָר א נשמה האָט זיך באהעפט צום בעש"ט, האָט זי געמוזט אָפּטרייסלען פון זיך דעם גאַנצן גלות און אריינשעפּן אין זיך דעם ריח פונם אויר פון ארץ ישראל, פון חרות. האָבן אַלע מקורבים אין דער נאָענטקייט פונם הייליקן בעש"ט געפילט רק דעם אויר פון ארץ ישראל, זיינען זיי צופרידן געווען צו זיין אין דער נאָענטקייט פונם בעש"ט און ניט מרגיש זיין דעם ריח פון גלות אויר.

האָט אַמאָל איינער א מקורב פּלוצים דערפילט א גלות ריח, האָט ער זיך שטאַרק דערשראָקן און ער איז אריינגעלאָפן צום בעש"ט און אויסגעשריען:

— רבי, גיט מיר רשות עולה צו זיין קיין ארץ ישראל! איך פיל דאָ א ריח גלות.

האָט דער בעש"ט אים געענטפערט:

— דו ביסט מרגיש דעם ריח פונם גלות, ווייל דער גלות דאַרף דיך נויטיק האָבן, דו האָסט דאָ זייער פיל מתקן צו זיין, האָט מען דאָס דיר מרמז געווען מן השמים דורך אַביסל אויר פון גלות און, מהאי טעמא, היים איך דיר ניט עולה זיין קיין ארץ ישראל.

האָט זיך דער מקורב איבערגעגעבן בכל לבו ונפשו צו די תקונים, כפי דער בעש"ט האָט אים געהייסן און געלערנט.

איז אוועקגעגאַנגען א חודש צייט, דער מקורב האָט מצמצם געווען זיינע מחשבות אין די תקונים, וועלכע דער בעש"ט האָט אים געלערנט. סוף חודש דערפילט ער א בענקעניש קיין ארץ ישראל, אזא גרויס בענקעניש, אז ער קאָן ניט אוועקקערן זיינע מחשבות צו קיין שום אנדער זאַך. וואָס ער טוט און וואָס ער טראַכט זעט ער פאַר זיינע אויגן רק די צוויי ווערטער: „ארץ ישראל".

קומט ער צום בעש"ט און זאָגט אים:

— רבי, איך האָב אַ גאַנצן חודש עוסק געווען אין אַלע תקונים לויט די כונות וואָס איר האָט מיר געלערנט. און איצט איז מיר שווער מכון צו זיין עפּעס אַ זאַך. ווייל איך זע פאַר מיינע אויגן רק די ווערטער „ארץ ישראל“. און מיין בענקעניש אַהין איז זייער גרויס, גיט מיר רשות עולה צו זיין אַהין.

איז דער בעש"ט געוואָרן זייער פריילעך און רופט זיך אָן צו אים:

— אשריך, אַז וואויל איז צו דיר, וואָס דו האָסט זוכה געווען צו זען פאַר דיר תמיד די ווערטער „ארץ ישראל“. ווייל דאָס איז די זעלבע מדרגה פון „שויתי ד׳ לנגדי תמיד“.

ווייל דער תכלית פון די אַלע תקונים, אַלע כונות פון דער גאַנצער תורה און תפלה, איז כדי נאָר צו דערגרייכן צום שלמות, פולקאָמענהייט. אַז אַ מענטש דערגרייכט צום שלמות, ווערט ער דער „אדם השלם“, וואָס די גאַנצע וועלט איז כדאי צוליב אים באַשאַפן צו ווערן.

און די שלמות איז רק ארץ ישראל.

אַז איינער איז אַזוי פיל געלייטערט, אַז ער זעט נאָר אין זיינע רעיונות רק ארץ ישראל, איז אַ סימן, אַז ער האָט שוין משיג געווען צו שלמות. ווילסטו פאָרן קיין ארץ ישראל, זיי־זשע זיך מטריח און לערן גוט אויף די מסכת מדות, זאָלסט ווערן בקי אינם פּלאַן פונם בנין הבית, דעם געבוי פונם בית המקדש מיט זיינע הייליקע כלים. זאָלסט וויסן, וואו ס׳געפינט זיך יעדע זאַך, יעדע כלי פון די כלי הבית. ווייל אַז משיח וועט קומען און דער בית המקדש וועט אויפגעבויט ווערן, זאָלסטו אריינגיין אין אים, ווי אַ היימישער מענטש, זאָלסט ניט דאַרפן זוכן מיט די אויגן, וואו עפּעס ליגט אָדער שטייט; מיינער אַ תלמיד דאַרף ניט בלאָנדזשען; מיינער אַ תלמיד דאַרף גיין זיכער אין יעדן מראה מקום; נעם די מסכת מדות, לערן זי אויס גוט און זיי ביי מיר אויף אַ שבת, וועלן מיר שוין זען ווי אַזוי ס׳וועט זיין דער רצון פון הקדוש ברוך הוא.

האָט דער מקורב גענומען די מסכת מדות, עוסק געווען אין איר מיט גרויס כונה, ביז ער איז געווען זיכער אין איר בעל פּה. איז ער געקומען פאָרן בעל שם טוב און געזאָגט:

— רבי, איך בין שוין גוט קלאָר אין דער גאַנצער מסכת, דער גאַנ־צער פּלאַן פונם בית המקדש, מיט אַלע כלים, אַלע מראה מקומות זיינען

שגור על פי. איר קאָנט מיך מבחין זיין: אויף דעם אָרט די מנורה, דאָ דער שלחן, אָט דאָ דער ארון הקודש, וכו"ל, וכו"ל.

דער בעש"ט האָט אים עטלעכע מאָל איבערגעפרעגט און ער האָט געענטפערט כראוי.

— יאָ, דו קאָנסט גוט — האָט אים דער בעש"ט געזאָגט זיין שבח בפניו — האַלט ביי מיר שבת און אי"הש אהר שבת, אויב נאָר דיין רצון וועט זיין עולה צו זיין קיין ארץ ישראל און הק"בה וועט מסכים זיין דערצו, וועל איך דיר אודאי געבן רשות.

פרייטיק, נאָך חצות היום, רופט אים דער בעש"ט מיטצוגיין מיט אים אין מרחץ אריין.

גייט דער בעש"ט מיט אים אַראָפּ אין מקוה זיך טובלען.

ווי נאָר זיי זיינען צוגעקומען צו דער מקוה, הייסט אים דער בעש"ט אריינגיין פריער אין מקוה און זיך טובל זיין.

פאָלגט ער, ווי געוויינלעך, דער מקורב, און ווי נאָר ער האָט זיך אונטערגעטונקט אונטערן וואַסער, האָט דער בעש"ט ז"ל גענומען זיין רויטע פאַטשיילע, זי אויסגעשפרייט איבער דער אויבערפלאַך פונם וואַסער און ער האָט זיך אוועקגעזעצט אויף אַ טרעפּל און זיך שטאַרק פאַרדבקט.

גייט אוועק פינף, צען מינוט און דער מקורב גייט ניט אַרויס פון אונטערן וואַסער.

דערשרעקן זיך די ביייוועזנדע, מאַכן אַ גוואַלד און ווילן זיך אַראָפּלאָזן אים זוכן אונטערן וואַסער, אַרויסצוראַטעווען אים.

הויבט אויף זיי דער בעש"ט אויף זיינע אויגן, מיט אַ בליק, זיי זאָלן זיך אוועקגיין, ניט זייער עסק. מילא, פאַרשטייען זיי שוין, עד היכן הדברים מגיעין, שטייען זיי מיט פחד און מורא און וואַרטן צו זען דעם סוף, וואָס דאָ וועט זיין. און לאַנג ציען זיך די מינוטן, אָנגעשטרענגט און מיט אַ נערוועזישן ציטער. שטייט מען אַזוי אָפּ אַן ערך פון צוויי שעה צייט און מען פאַרגעסט זיך גאָר אינגאַנצן, אַז מען געפינט זיך אין אַ מרחץ.

נאָך צוויי שעה נעמט דער בעש"ט הקדוש אַראָפּ די פאַטשיילע פון דער אויבערפלאַך פונם וואַסער און צו אַלעמענס גרויסע פרייד גייט אַרויס דער מקורב פון אונטערן וואַסער.

ער רעדט מיט קיינעם קיין וואָרט ניט, ער זעצט זיך אוועק אויפן

טרעפּל און דער בעש"ט גייט אַראָפּ אין וואַסער. ער איז זיך טובל, און גייט באַלד אַרויס. ער גיט אַ וואונק צום מקורב, גייט אַרויף מיט אים, זיי טוען זיך אָן און גייען אַהיים.

אַ גאַנצן שבת ווילן די חבריה וויסן עפּעס נייעס פון דער מקוה; היתכן, ליגן צוויי שעה אונטערן וואַסער!

אָבער ער ענטפערט זיי נאָר ברמיזא: נאָך שבת וועט ער זיי דער־ציילן.

הגם די קדושה פון שבת איז געווען זייער טייער ביי די חסידים און מקורבים פונם הייליקן בעש"ט, האָבן זיי אַלע דעמאָלט געגלוסט, אַז דער טאָג זאָל זיך שוין גיך ענדיקן און ס'זאָל שוין זיין צאת הכוכבים.

זיי האָבן געוואוסט, אַז זיי זינדיקן דערמיט, זיי זינדיקן מיט די מחשבות, וואָס זיי נאַרן און גלוסטן מיט אַ גרויסער תשוקה, אַז די קדושה זאָל ממהר זיין לצאת און דער חול זאָל איר ממלא מקום זיין. אָבער, זיי האָבן זיך גאָר ניט געקאָנט העלפן. זיי האָבן געהאָפט, געוואואויר צו ווערן פון זייער אַן אויסערגעוויינלעכן מסתורין, וואָס האָט פּאַסירט צווישן בעש"ט און דעם מקורב, וואָס דאַרף איצט עולה זיין קיין ארץ ישראל.

ווען מ'האָט אָפּגעמאַכט הבדלה און אָפּגעזונגען המבדיל, רופט זיך אָן דער בעש"ט צום מקורב אויף אַ קול:

— נו, זאָג, ווילסטו טאַקע עולה זיין קיין ארץ ישראל?

— ניין, — ענטפערט דער מקורב — איך וויל בלייבן בקרבתו, נאָענט צו אייך.

— דערצייל־זשע: פאַרוואָס? — האָט אים דער בעש"ט באַפוילן.

דער מקורב האָט שטאַרק אָפּגעזיפצט און ער האָט אָנגעהויבן:

— ווען איך האָב מיך אין מקוה אונטערגעטונקט און האָב מכוון געווען דעם שם, וועלכן איר האָט מיר מוסר געווען, האָב איך מיך פּלוצים געפונען אין ירושלים. זייַנען געקומען צוויי זקנים און מיך אַרויפגעפירט אויפן הר הבית. האָב איך מיט גרויס שמחה געזען דעם בית המקדש, ער שטייט על תלו בנוי. ער איז אויפגעבויט פונקט ווי איך האָב געלערנט. האָבן מיר די זקנים אַריינגעפירט אינעווייניק, אין בית המקדש, האָב איך געזען אַלע כלים, דעם שלחן, די מנורה, יעדער זאַך אויף איר אָרט, ווי די מראה מקומות אין דער מסכת מדות. נאָר איין זאַך, דער עיקר, האָט גע־פעלט: דער ארון הקודש איז ניט געווען. זיין אָרט איז געווען ליידיק.

האָב איך באַקומען גרויס צער און האָב אָנגעהויבן שופך דמעות זיין כמים און געפּרעגט:

— וואו איז דער ארון הקודש?

האָב איך דערהערט אַ קול ארויסגיין פונם חלל וואו דער ארון הקודש דאַרף שטיין:

— וויין ניט, בן אדם, דער ארון הקודש איז אין מעזביזש און דו ביסט תמיד בקרבתו.

נו, — האָט דער מקורב אויסגעפירט — אַז דער ארון הקודש איז אין מעזביזש, וואָס־זשע האָב איך צו טאָן אין ארץ ישראל? איך וויל זיין אינאיינעם מיטן ארון הקודש.

אַלע חסידים זיינען נתפּעל געוואָרן פון דעם, וואָס דער מקורב האָט דערציילט און פון דעמאָלט אָן, ווען זיי זיינען געגאַנגען צום בעש"ט, פלעגן זיי זיך אויסדריקן:

— מיר זיינען עולה אין בית המקדש צום ארון הקודש.

און דער מקורב צוזאַמען מיט אַלע וואָס זיינען געווען בקרבת הבעש"ט ז"ל, האָט כל ימיו חייו, קיינמאָל ניט מרגיש געווען דעם ריח פון גלות.

# די צווי שמואלס

ווען דער שפאלער זיידע זצ"ל איז צוגענומען געוואָרן פאר רב קיין שפאלע, האָט דאָרט געהערשט א גרוים עם ארצות. ס'איז דאָרטן אפילו קיין חדר ניט געווען און די קינדער זיינען ארומגעגאנגען בטל, ניט צו וויסן אפילו קיין צורת אות.

איז זיין ערשטע עובדא געווען, פאַרזאָרגן דעם חנוך, גרינדן א תלמוד תורה, וואו די אידישע קינדער זאָלן לערנען.

האָט ער ז"ל געדונגען א מלמד דרדקי און בכבודו ובעצמו געגאנגען מבית לבית, פארשריבן וואכנלאנג יעדן אידן און האָט אָנגעזאָגט, אז מען זאָל שיקן די קינדער אין חדר.

איז אין א קורצער צייט פארפולט געוואָרן די ת"ת און מען האָט זיך שוין גענויטיקט ניט אין איינעם, נאָר אין צוויי באהעלפערס.

האָט מען אים פאָרגעשלאָגן באהעלפערס, אָבער ער ז"ל האָט גע־ענטפערט, אז ער מוז זיי פריער א קוק געבן אין פנים אריין.

פיל באהעלפערס זיינען דורכגעגאנגען פאר אים און ער ז"ל האָט נאָר א קוק געגעבן אין זייערע פנימער און געזאָגט: ניין.

ביז ס'זיינען איינמאָל קיין שפאלע אָנגעקומען צוויי בחורים פון יאסי, וועלכע זיינען אנטלאָפן פון רומעניע, צוליב דער מלחמה וואָס האָט דאָרטן אויסגעבראָכן מיט טערקיי.

ביידע בחורים האָבן געהייסן שמואל.

זיי זיינען געקומען, זיך באוויזן פארן זיידן, ער האָט א בליק געטאָן אויף זיי און זיך אביסל פארדבקט און געענטפערט: יאָ.

האָט מען זיי צוגענומען פאר באהעלפערס.

זיינען זיי טאקע געווען געטרייע באהעלפערס. געטאָן זייער עבודת הקודש באמונה שלמה און דאָס גאנצע שטעטל שפאלע איז געווען צופרידן פון זיי.

און ווייל זיי האָבן ביידע געהייסן שמואל, האָט מען איינעם גערופן שמואל א' און דעם צווייטן שמואל ב'.

האָבן זיי אָפּגעקנעלט אין שפּאַלע עטלעכע יאָר, ביז די מלחמה צווישן רומעניע און טערקיי האָט זיך געענדיקט.

פאַר דער צייט האָבן זיי אָפּגעשפּאָרט שיינע עטלעכע רובל, האָבן זיי זיך אָפּגעזעגנט פון דער שטעלע און מיטנעמענדיק דעם זיידנס ברכה, האָבן זיי זיך צוריקגעקערט קיין יאַסי. דאָרטן, אין יאַסי, האָבן זיי ביידע חתונה געהאַט פאַר צוויי שוועסטער. ווערנדיק שוואָגערס, האָט זיך זייער פריינשאַפט נאָך מער פאַרגרעסערט. האָבן זיי אין יאַסי געמאַכט אַ חדר בשותפות און געוואָרן מלמדים.

האָבן זיי געהאַט פּרנסה בשפע רב און זיך געלעבט גליקלעך.

מען האָט געזען באַשיינפּערלעך אַז די ברכה פּינם שפּאַלער זיידע באַגלייט זיי.

איינמאָל גייט שמואל א׳ אַרויס לצורך, אונטערן באַד, דערזעט ער, ווי ס׳קומט אָן אַ סאָלדאַט, וועלכער טראָגט עפּעס אונטערן מאַנטל און קוקט אויס דערשראָקן.

פאַרשטייט ער, שמואל א׳, אַז דער סאָלדאַט וויל דאָ עפּעס טאָן אַ באַהאַלטענע זאַך, פאַרוקט ער זיך ערגעץ אין אַ ווינקעלע, פון וואַנען ער האָט דעם סאָלדאַט געזען און יענער אים ניט.

זעט ער ווי דער סאָלדאַט נעמט אַרויס פון אונטערן מאַנטל אַ קעסטעלע, גראָבט אויס אַ גרוב און באַהאַלט עס דאָרטן, פאַרשיט צוריק דעם גרוב און גייט זיך אַוועק.

גייט זיך שמואל א׳ אַרויס פונם באַהעלטעניש און גראָבט אויס דאָס קעסטעלע, גייט אַהיים, פאַרמאַכט זיך דערמיט בחדרי־חדרים, עפנט עס אויף און... געפינט דאָרטן אַ מטמון מיט געלט.

יענעם טאָג האָט האָט זיך צעטראָגן אין שטאָט אַ גייעס, אַז ביי איינעם אַ קאָמאַנדיר האָט מען צוגערויבט אַ מטמון געלט. מען האָט חושד געווען אייניקע סאָלדאַטן. מען האָט געזוכט, געפאָרשט, מען האָט ביי קיינעם גאָרניט געפונען און — פאַרפאַלן.

ווען עס האָט זיך אָפּגערוישט, ס׳איז אַוועק אַ שטיקל צייט און די זאַך איז פאַרגעסן געוואָרן, האָט ערשט שמואל א׳ אָנגעהויבן צו קלערן, וואָס צו טאָן מיטן געפונענעם געלט: זאָל ער פּלוצים ווערן אויס מלמד און מאַכן אַ גרויסן מסחר, וועט די זאַך ווערן צו חשוד. און מען קאָן נאָך חו״ש עפּעס געוואויר ווערן.

האָט ער זיך מישב געווען, אנטפלעקן דעם סוד פאַר זיין חבר און שוואָגער, שמואל ב׳ און מיט אים זיך עצהן וואָס צו טאָן.

איינמאָל אין א נאַכט, נאָכן פריילאָזן די קינדער פונם חדר, האָט ער ארויסגערופן זיין שוואָגער מחוץ לעיר אויף א שפּאַציר און האָט אים מגלה סוד געווען פון גרויסן מטמון, אים דערביי איבערגעגעבן א מתנה פון צען טויזנטער און געבעטן זיין עצה.

נאָך א גרויסן ישוב הדעת צווישן זיי איז געבליבן: מוציא קול זיין, אז אזוי ווי ער, שמואל א׳, איז קראַנק אויפן הארצן און טאָר מער קיין מלמד ניט זיין, מוז ער אַוועקוואַרפן דאָס מלמדות און זיך מאַכן א שטיקל מסחר.

באַלד איז ער ארויסגעפאָרן קיין קעשענעוו און פאַרפירט דאָרטן א מסחר פון האָלץ און אין א קורצער צייט אַרום איז שמואל ב׳ געוואָרן ביי אים א בלומרשטער קאָמיסיאָנער צו וועלכן ער פלעגט צושיקן געהילץ צו פאַרקויפן אין יאַסי.

אזוי, אז במשך הזמן האָט אויך שמואל ב׳ אָפּגעלאָזט דעם חדר און איז אויך געוואָרן א סוחר.

שמואל א׳. אין קעשענעוו, האָט געשפּילט די הצלחה און ער איז פון טאָג צו טאָג רייכער געוואָרן, און שמואל ב׳ פאַרקערט, איז פון טאָג צו טאָג אָרימער געוואָרן. אויסער דעם, וואָס דער מסחר איז אים ניט געגאַנ־גען, איז ער נאָך געווען א גרויסער פאַרשווענדער. ער האָט געלעבט צו א רייך לעבן, ער האָט געשפּילט אין קאָרטן, ביז ער האָט פאַרלוירן דאָס גאַנצע געלט, איז ער אַוועקגעפאָרן צו זיין שוואָגער קיין קעשענעוו, אים אויסדערציילט זיין שטאַנד, אז ער האָט שוין ניט אויף קיין מזומן סעודה אחת. האָט ער קיין וואָרט ניט איבערגערעדט און אים געגעבן נאָך אַמאָל צען טויזנטער.

האָט ער זיך אומגעקערט קיין יאַסי צו זיין מסחר, און ווידער געפירט א פאַרשווענדערישן לעבן און געשפּילט אין קאָרטן, ביז אין א קורצער צייט אַרום, האָט ער ווידער געפּטרט אינגאַנצן דאָס געלט.

איז ער ווידער געפאָרן קיין קעשענעוו צו זיין שוואָגער און יענער האָט אים נאָך אַמאָל געהאָלפן מיט א גרויסער סומע געלט.

אזוי האָט זיך עס עטלעכע מאָל איבערגעחזרט, ביז איין מאָל האָט אים שמואל א׳ געזאָגט:

— עד מתי וועל איך דיר געבן גרויסע סומעס געלט און דו וועסט דאס פארשווענדן אויף אזא אופן? אדער פיר א באשיידענעם לעבן און היט אפ דיין מסחר, וועסטו האבן פרנסה, אדער ווער צוריק א מלמד.

האט דאס אים שטארק פארדראסן און דער פונק פון קנאה האט זיך אין אים אנגעצונדן. איז ער אוועק און דערלאנגט א מסירה אויף זיין חבר און שוואגער, אז דאס קעסטעלע מיט דער גרויסער סומע געלט, וועלכעס איז צוגענבעט געווארן פונם קאמענדאנט דעמאלט און דעמאלט, אזא און אזא סומע, האט עס דער און דער צוגעגנבעט.

ווען שמואל א' איז געוואויר געווארן, אז מען גייט אים ארעסטירן, איז ער באלד אוועק קיין שפאלע צום זיידן און אלעם אים אויסדערציילט.

איז דער שפאלער זיידע ז"ל ארייגעפאלן אין גרוים עצבות און גע-הייסן שמואלן ער זאל צואווארטן ביי אים עטלעכע טעג, ביז ער וועט זיך מתלבש זיין מיט א לבוש של שמחה, ער זאל קאנען האבן השראת השכינה, וועלבע איז פון אים אפגעטרעטן צוליב זיין עצבות.

דריי טעג און דריי נעכט האט דער זיידע ארומגעשפאנט ביי זיך אינם התבודדות חדר און מען האט געהערט רק אים טענהן:

— נו, רבונו של עולם, וואס איז שולדיק א בשר ודם, אז דו אליין האסט אנגעשריבן אין דיין הייליקער תורה: „כי יצר לב האדם רע מנעוריו“, דער געדאנקען גאנג פון מענטשן איז שלעכט פון זיין יוגנט אן.

אויפן פערטן טאג איז דער זיידע ארויסגעגאנגען פון זיין התבודדות חדר און אים געזאגט:

— נו שמואל, פאר אהיים. מען וועט דיך תיכף ארעסטירן. אבער, דער אדוואקאט, וועלכן איך אליין האב שוין צוגעגרייט פאר דיר, וועט קומען, ער וועט געבן פאר דיר ערבות און מען וועט דיך פריי לאזן ביזן משפט. דער משפט וועט פארקומען אום פורים. דעמאלט איז אן עת רצון און בעיזר ד' וועסטו ארוים זכאי בדין.

און אולי וועל איך פועל זיין ביי השי"ת, אז דיין חבר און שוואגער, וואס איז געווען א בוגד אין זיין חבר נעורים און איז געווארן א מסור, זאל ווערן א חוזר בתשובה, כי לא יחפות במות המת, כי אם בשובו מדרכו וחיה. גאט וויל ניט, אז דער זינדיקער זאל שטארבן, נייערט, ער זאל זיך צוריקקערן פון זיין שלעכטן וועג און בלייבן לעבן.

ווען שמואל א' איז אהיימגעקומען, האט מען אים באלד ארעסטירט.

נאכן אפזיצן א טאג אין תפיסה, איז צוגעפארן א מאן מיטן אויסזיכט פון א דייטש און זיך פארגעשטעלט אלס זיין אדוואקאט מיטן נאמען מי־כאל מליץ און ער האט געגעבן פאר אים א מטמון געלט אלס ערבות און מ'האט אים באפרייט ביזן משפט. דער משפט איז פארגעקומען פורים.

נאך פיל חקירה ודרישה און דין ודברים פונם קטגור, האט גענומען דאס ווארט דער סנגור.

אלע בייוועזנדע זיינען באריישט געווארן פון זיינע טענות. אלע זיינען באצויבערט געווארן פון זיינע רייד. ער האט באוויזן אזעלכע לא־גישע באווייזן פון שמואלס אומשולד, אז דער קטגור האט אויך צום סוף געמוזט מודה זיין, אז ער, שמואל א', איז ריין פונם בלבול, וואס מען האט אויף אים ארויפגעוואַרפן.

דאס ערשטע מאל האט זיך פארלאפן אזא זאך אין א קעשענעווער משפט, אז א קטגור זאל מודה זיין דעם סנגור.

איז שמואל א' ארויס זכאי בדין. פינקטלעך ווי דער זיידע האט פארויסגעזאגט.

באלד נאכן באפרייאונגס משפט איז שמואל א' אוועק קיין שפאלע.

ווי נאר ער איז אריינגעגאנגען צום זיידן, האט ער ז"ל, זיך אנגע־רופן:

— שלום עליכם, שמואל, מז"ט! נו, ווי געפעלט דיר עפעס דאס טענהן פונם דייטשל? א גוטער אדוואקאט? אה! פון בריאת העולם אן איז ער דאך א מליץ טוב על ישראל. מיכאל המליץ: דער אידישער סנגור!

דער גאנצער בייוועזנדער עולם איז שטארק באריישט געווארן, הערנ־דיק, אז זיין אדוואקאט איז געווען מיכאל המלאך.

דער שפאלער זיידע ז"ל, באמערקנדיק זייער וואונדערונג האט זיך אנגערופן:

— וואס־זשע איז אייך אזוי א חדוש? ס'איז דאך א בפרושע משנה: „כל המקיים נפש אחת מישראל, כאלו קיים עולם מלא", איז דאך כדאי צוליב א גאנצער וועלט מטריח זיין, דעם וועלט־בארימטן אידישן אדוואָ־קאט מכאלן. אים מוריד זיין אויף א שעה אויפן עולם השפל.

ווען דער זיידע איז צי זיך אין שטיבל אריינגעגאנגען, קומט אריינ־צולויפן שמואל ב', בלייך ווי קרייד, און האלט אין איין שרייען:

— „ולמלשינים אל תהי תקוה!" „ולמלשינים אל תהי תקוה!"

דער זיידע האָט אויפגעעפנט די טיר פון זיין שטיבל, א בליק געטאָן אויף אים, צוגערופן זיין גבאי און אים געזאָגט:

— היים אין מיין נאָמען דאָ האַלטן שמואל ב' ביי מיר אין שטוב כל ימי חייו. אים אָפּהיטן מיט עסן, טרינקען און א געלעגער.

אין זיין גאנצן לעבן איז שמואל ב' געזעסן ביים שפּאָלער זיידן און מער ניט געקאָנט רעדן ווי די ווערטער:

„ולמלשינים אל תהי תקוה!

ווען שמואל ב' איז געשטאָרבן, האָט דער שפּאָלער זיידע געזאָגט ביי זיין קבר דעם ערשטן קדיש, און אריינגעשריגן אינם אָפענעם קבר:

„וסר עונך וחטאתך תכופר", און ס'זאָל זיך אָפּטאָן דיין זינד און דיין זינד וועט פארציים ווערן.

# די עשרה בטלנים ביי ר׳ פּנחס קאריצער

## 1

אז גאָט ברוך הוא קומט אין שוהל אריין און טרעפט דאָרטען ניט קיינעם, רופט ער אויס:

„פאַרוואָס בין איך געקומען און קיין מענש איז נישטאָ, איך האָב גע־רופען און קיינער ענטפערט ניט!“

און אז ער טרעפט אין שול א מנין אידן, וואָס זיינען עוסק אין תורה און אין תפלה, פרייט זיך די שכינה...

און דארום דאַרף יעדע קהילה קדישא זען, אז אין שטעטל זאָלן זיך געפינען תמיד עשרה בטלנים, צען אידן, וועלכע זיינען בטל פון אַלע אר־בעטן און זיינען רק עוסק אין תורה און אין תפלה, און זיי טוען זיך ניט אָפּ פונם אריינגאַנג פון בית המדרש.

האָט ר׳ פנחס קאריצער ז״ל אויסגעהאַלטן ביי זיך אין בית מדרש עשרה בטלנים, וועלכע זיינען געזעסן יומם ולילה על התורה ועל העבודה און ער האָט זיי געצאָלט צו איין רובל א וואָך אויף פּרנסה און דאָס האָט זיי מספיק געווען די והותר אויף פּרנסה פאַר זייערע ווייבער און קינדער.

דער גרעסטער למדן און ירא שמים צווישן די דאָזיקע צען בטלנים איז געווען ר׳ יעקב. אויף דעם ר׳ יעקבן פלעגט ר׳ פּנחס קאריצער זאָגן: אז די גאַנצע וועלט איז כדאי באַשאַפן צו ווערן צוליב אים. ער איז בבחנת יעקב אבינו, וואָס זיין צורה איז אויסגעקריצט אינם כסא הכבוד.

פלעגט ר׳ פּנחס אים, ר׳ יעקבן, איבערגעבן יעדן דאָנערשטיק די צען רובל, ער זאָל צעטיילן צווישן די ניין בטלנים. יעדן זיין רובל און זיך נע־מען זיין רובל.

איינמאָל, אין א דאָנערשטיק, נעמט ר׳ יעקב צעטיילן יעדן זיין רובל, טיילט ער אויס אַלע ניין בטלנים זייער חלק און אים בלייבט גאָרניט. ס׳איז

מער ניט געווען ווי ניין רובל. וואונדערט עס אים זייער, טראכט ער זיך: מסתמא האָט ר׳ פנחס א טעות געהאַט.

איז דאָך ניט שייך, אז ער זאָל זאָגן ר׳ פנחסן, אז ער האָט געהאַט א טעות. פארשווייגט ער און איז מקבל באהבה, נעמט ער זיין שבתדיק היטל, פארמשכנט עס און גיט זיין ווייב אויף שבת.

דעם צווייטן דאַנערשטיק גיט אים ר׳ פנחס ווידער איבער דאָס געלט, ער זאָל צעטיילן צווישן די בטלנים. טיילט ער אויס צו די ניין — יעדן זיין רובל, בלייבט אים ווידער גאָרניט. פארשטייט ער שוין, אז ר׳ פנחס וועט ניט האָבן קיין טעות צוויי מאָל רצופים. וויל ער אריינגיין איי־בעררײדן פון דעם מיט ר׳ פנחסן אליין, דרייט ער, ר׳ פנחס זיך אוים מיט פארשידענע תירוצים און ער לאָזט אים גאָר ניט רעדן פון דעם.

מילא, פארשטייט שוין ר׳ יעקב, אז ער מוז האָבן אן הרהור תשובה, איז ער זיך פורש לצרדין און טוט תשובה בלב שלם. גייט אהיים, וואו זיין ווייב וואַרט שוין אופן רובל איינצוקויפן צרכי שבת, און זאָגט איר:

— נו, גאָט הייסט, אז אויף שבת זאָל איך פארמשכנען מיין שבת־דיק בגד. נעם מיין אַטלעסדיקע קאַפּאָטע און גיי נעם פאר איר מעל אויף שבת.

ר׳ יעקבס ווייב איז געווען א אשה כשרה, זי האָט תמיד געטאָן דעם רצון פון גאָט און פון איר מאַן, ענטפערט זי ניט קיין וואָרט, און טוט ווי איר מאַן הייסט איר.

קומט ר׳ יעקב שבת אין שיל אריין און דערנאָך צום טיש מיטן וואָכעדיקן היטל און מיט דער וואָכעדיקער קאַפּאָטע. קוקט זיך דער עולם איבער: וואָס באדייט עס? טראכט מען זיך, אז מסתמא האָט ער באַדאַרפט האָבן געלט לצורך צדקה, אפשר פדיון שבוים, אולי אויף הכנסת כלה, שווייגט מען און מען איז אים, ר׳ יעקבן, זייער מקנא, וואָס גאָט ברוך הוא באַשערט אים גרויסע מצוות פון צדקה, און זיי פארגינען אים מיטן גאַנצן הארצן: פאַרט ר׳ יעקב, ניטאָ אין דעם דור נאָך אזעלכע ר׳ יעקבס.

ר׳ יעקב ווידער טראכט זיך: אפשר וועט פאַרט ר׳ פנחס זיך אומקוקן אויף אים, אויף זיין וואָכעדיקן היטל! וועט ער שוין מאכן א רעדע מיט אים, און ער וועט וויסן אפשר אין וואָס זיין חטא באַשטייט. אָבער ר׳ פנחס קוקט זיך ניט אום אויף אים א גאַנצן שבת.

דעם דריטן שבת טיילט אוים ר׳ יעקב יעדן זיין רובל. און אים

בלייבט ווייטער גארניט, פארמשכנט ער עפעס פון שטוב. אזוי איז אוועק עטלעכע וואכן, ביז ר' יעקב איז געבליבן בעירום ובחוסר כל ר"ל. דערצו האט ער נאך געהאט א בוגרת. איז מען אין שטאט געוואויר געווארן פון זיין ארימקייט. א שכנה האט באמערקט ווי פרייטיק איז ניט געגאנגען קיין רויך פונם קוימען פון זיין הויז, איז זי ארייגעגאנגען כלומרשט מיט אן אויסרייד לייען א קאטשערע און האט שוין געזען ווי דער אויוון איז ניט געהייצט, די מולטער איז ניטא אין שטוב, האט זי דאס איבער־געגעבן אין שטעטל.

האט א מעל סוחר גענומען און אים צוגעשיקט א זאק מעל צום פאר־קויפן לאחרים.

האט ר' יעקב ניט געוואוסט וואס צו טאן, צי זאל ער ווערן א מעל־סוחר, צי ניט? האט ר' פנחס ז"ל אים צוגערופן און געזאגט:

— יעקב, „אם אין קמח אין תורה" — גיי פארקויף מעל, וועסטו האבן תורה.

האט שוין ר' יעקב געוואוסט אויף זיכער, אז דאס איז דער רצון פון הקדוש ברוך הוא, האט ער גענומען דעם זאק מעל ביים מעל־סוחר, אים פארקויפט לאחרים און פארדינט צוויי רובל. איז ער געקומען און דער־ציילט ר' פנחסן, האט ער אים געזאגט:

— גו, פאר איין רובל נעם ארויס דיין שבתדיק היטל און פארן צווייטן רובל זיי מפרנס דיין ווייב און קינדער. און נעם איצט די וואך צוויי זעקלעך מעל, וועסטו קאנען אויסלייזן דיין שבתדיקע קאפאטע.

— סטייטש רבי, — האט זיך געקווענקלט ר' יעקב — איך בין דאך צוליב דעם מבטל פון תורה.

— דערפאר אבער, — האט אים ר' פנחס מסביר געווען — טוסטו צדקה א גאנצן טאג, ווייל „עושה צדקה בכל עת, זה הזן את בניו הקטנים", דער, וואס שפייזט זיינע קליינע קינדער, איז גלייך ווי ער טוט צדקה צו יעדער צייט.

האט ר' יעקב גענומען צוויי זעקלעך מעל און פארדינט אין זיי לאחרים פיר רובל.

האט ר' פנחס אים געהייסן נעמען מער, אין אזוי האט ער פארקויפט יעדע וואך מער און מער. איז אים זיין שטיבל געווארן צו ענג פארן מסחר, האט ער געדונגען א קלייט און די הצלחה האט אים זייער צוגע־

שפּילט, איז ער אַלץ רייכער און רייכער געוואָרן און וואָס רייכער ער איז געוואָרן, איז ער אַלץ מער דערוווייטערט געוואָרן פון ר׳ פּנחסעס בית־המדרש.

ביז ער האָט אינגאַנצן אויפגעהערט צו קומען צו ר׳ פּנחסן און האָט זיך שטאַרק פאַרטאָן אין עולם המסחר.

איינמאָל האָט דער דינער פונם דוכס איינגעהאַנדלט מעל אין דער קלייט וואו ער קויפט תמיד. אין דאָס געבעקס ניט געווען געראָטן. האָט דער דוכס זיך געכעסט און פאַרזאָגט, מער ניט צו קויפן ביי דעם מעל סוחר.

איז דער דינער צופעליק דורכגעגאַנגען דורך ר׳ יעקבס קלייט, איז ער אַריינגעגאַנגען און דאָרטן געקויפט מעל, צוזאָגנדיק, אז אויב ס׳וועט זיין פון איר גוט געבעקס, וועט ער שוין תמיד ביי אים קויפן.

האָט דער דוכס געפילט אין געבעקס אַלערליי טעמים, האָט ער געפרעגט ביים דינער, וואו ער האָנדלט דאָס איין אַזא גוטע מעל.

— ביים אידן יעקב.

איז דער דוכס אַמאָל אַליין צוגעפאָרן צו באַקענען זיך מיט דעם אידן.

איז אים ר׳ יעקב זייער געפעלן געוואָרן און געפונען חן אין זיינע אויגן. חן מיט זיין חכמה און חן מיט זיין ערלעכקייט. האָט ער אַמאָל איינגעלאַדן ר׳ יעקבן צו זיך, אַמאָל געקומען צו אים און אַזוי איז אַוועק אַ שטיקל צייט.

איינמאָל לייגט אים פאָר דער דוכס, אַז ער זאָל ווערן דער פירער פון אַלע זיינע געשעפטן (הויז פאַרוואַלטער).

האָט ר׳ יעקב אָפּגעלאָזט זיין קלייט און איז געוואָרן ביים דוכס דער פירער פון אַלע זיינע געשעפטן. האָט אים דער דוכס — חוץ די גרויסע שכירות — אויך געגעבן אַ חלק פונם ריוח, פון פאַרקויף און קויף. איז ר׳ יעקב געוואָרן אַ גרויסער עושר.

איינמאָל האָט דער דוכס פאַרטראַכט, אַז אַזוי ווי ער איז אַן עקר, ער האָט קיין קינדער ניט, וועט ער זיך לאָזן מאַכן זיין בילד פון גאָלד און דימענטן, כדי ס׳זאָל בלייבן פון אים אַ זכרון, לדור דורות.

און אַזוי ווי ס׳האָט אים אויסגעפעלט עטלעכע דימענטן און איידלשטיי־נער, וועלכע מען באַקומט ניט אין קיין לאַנד אויסער אין אינדיע, און ער מוז מיטגעבן אַהין צו דאָס גאַנצע בילד, וועלכעס באַטרעפט גאָר אַ גרויס

פארמעגן, חוץ וואָס ער דאַרף נאָך מיטגעבן במזומנים אַ גאָר גרויס פאַר־מעגן אויף איינצוקויפן די דימענטן און איידלשטיינער, וואָס דערצו מוז מען, פאַרשטייט זיך האָבן אַן איש נאמן. האָט ער קיין בעסערן און באַגלויבטערן נאמן פון ר' יעקבן ניט געפונען, לכן, האָט ער געבעטן ר' יעקבן, אַז ער זאָל פאָרן קיין אינדיע מיטן בילד, און אים וועט ער אָנפאַרטרויען די נויטיקע סומע געלט אויף איינצוקויפן דאָרטן די דימענטן און איידלשטיינער.

האָט ר' יעקב געבעטן דעם דוכס אַ זמן פון דריי טעג זיך מתייעץ צו זיין.

איז ר' יעקב באַלד אוועק צו ר' פנחס קאָריצער, זיך מיט אים מתייעץ צו זיין און נעמען רשות. פאָרט אַזאַ גרויסער דרך! אַזש קיין אינדיע!

קומט ער צו צו דער טיר, שטייט ר' פנחסעס גבאי און לאָזט ניט אַריין. ער האָט אַ פאַרזאָג פון ר' פנחסן קיינעם צו זיך נישט צולאָזן פאַר קיין פאַל.

בעט ער זיך ר' יעקב ביים גבאי, ער זאָל אַריינגיין און זאָגן, אַז ער, יעקב, דער אַמאָליקער בטלן, דאַרף רעדן מיט אים אַ דבר נחוץ און דערביי האָט ער געגעבן דעם גבאי אַ מנה יפה פון עטלעכע רובל.

גייט דער גבאי אַריין און גיט איבער ר' פנחסן די רייד פון ר' יעקבן. אָבער ר' פנחס וויל באַין אופן ניט צולאָזן צו זיך.

גייט ער, ר' יעקב, אהיים בפחי נפש, און וואַרט שוין אויפן צווייטן טאָג. קומט ער אויף מאָרגן צו ר' פנחסן, און טרעפט דאָס זעלבע: דער גבאי שטייט ביי דער טיר מיט אַ פאַרבאָט פון ר' פנחסן קיינעם ניט צו־לאָזן צו זיך.

די זעלבע געשיכטע איז געווען אויף איבערמאָרגן, שוין דער דריטער טאָג פונם זמן המוגבל, אין וועלכן ער האָט געדאַרפט ענטפערן דעם דוכס און טאַקע שוין זיין גרייט צו דער רייזע.

האָט זיך ר' יעקב מישב געווען: אָפּגעשריבן אַ קוויטל, דאָרטן מזכיר געווען, אַז ער פאָרט אין אַזאַ ווייטן דרך, געבעטן דעם הייליקן צדיק, ער זאָל פאַר אים מתפלל זיין און צולייגנדיק צום קוויטל צוויי הונדערט רובל, האָט ער עס איבערגעגעבן דער רביצן, איר אויסדערציילט דעם גאַנצן ענין און זי געבעטן, איבערצוגעבן דאָס קוויטל מיטן געלט דעם רבין און אים בעטן זיין ברכה נאָכצושיקן אין וועג.

און ער איז אוועקגעפאָרן אין וועג על מנת צו קומען קיין אינדיע.

די רביצן האָט איבערגעגעבן ר׳ פנחסן דאָס קוויטל מיטן געלט. אים אויסדערציילט אַלעס וואָס ר׳ יעקב האָט איר אָנגעזאָגט. זי האָט געדענקט, אַז מכתמא וועט ר׳ פנחס איר אָראָפּגעבן עטלעכע רובל אויף חיונה און שטוב אַריין און זי וועט זיך מאַכן אַ מלבוש אויף יום טוב.

צום סוף האָט ר׳ פנחס צוגענומען דאָס קוויטל מיט די צוויי הונדערט רובל, אויסגעהערט אַלעס וואָס זי האָט אים דערציילט און גאָר ניט געענטפערט; איר אַפילו קיין פּרוטה ניט געגעבן.

2.

ר׳ יעקב האָט פאַרפּאַקט דאָס בילד פונם פריץ, מיטגענומען אַ הון רב אויף איינצוקויפן די דימענטן און די איידלשטיינער, זיך אָפּגעזעגנט מיט ווייב און קינדער, מיטן דוכס, אָפּגעזאָגט תפלת הדרך, און איז אוועק אין וועג.

ווען ער איז שוין געהאַט אָפּגעפאָרן אויפן שיף עטלעכע טעג, האָט זיך די שיף אָפּגעשטעלט אויף אַן אינזל. זיינען אַלע פּאַסאַזשירן און ר׳ יעקב בתוכם אַראָפּגעגאַנגען באַקוקן דאָס אינזל.

האָבן זיי געפרעגט ביים שיפס־קאַפּיטאַן, ווען זיי דאַרפן זיך צוריקקערן צו דער שיף.

האָט דער שיפס־קאַפּיטאַן יעדן געזאָגט, אַז ווען זיי וועלן הערן דעם דריטן סיגנאַל, מוזן זיי תיכף אָן זאַמונג קומען צוריק צום שיף. אים אָבער, ר׳ יעקבן, האָט ער געזאָגט, אַז ערשט ביים פערטן סיגנאַל.

ער האָט דאָס געטאָן בכונה, כדי ר׳ יעקב זאָל בלייבן אויפן אינזל און ער וועט צוראַבעווען דאָס גרויסע פאַרמעגן, וואָס ער פירט מיט זיך.

ר׳ יעקב איז אַרומגעגאַנגען איבערן אינזל און איז נתפעל געוואָרן פון דער שיינקייט, וואָס דאָרטן הערשט, פון נאַטס ווערק.

ער האָט זיך אָפּגעטיילט פון די איבעריקע פּאַסאַזשירן, זיך פאַרטראַכט פון גדולת הבורא.

ער האָט געהערט דעם ערשטן סיגנאַל, דעם צווייטן און דריטן סיגנאַל און ער האָט געוואַרט אויפן פערטן סיגנאַל. ער וואַרט און וואַרט, די זון רוקט זיך אַליין נענטער קיין מערב זייט, און ניט מען הערט אַ סיגנאַל.

ער איז געוואָרן אומרואיק און זיך געלאָזט גיין צום שיף. דערווייל ווערט נאכט, און די שטילקייט אַרום און וואַרפט אויף אים א שרעק.
קומט ער צו צום אָרט וואו די שיף איז געשטאנען: ניטאָ קיין שיף, נישטאָ קיינער.

האָט ער געהאַט גרוים צער און זיך שטארק צעוויינט אויפן קול. קומט אים במחשבה, אז דאָס איז אַ שטראָף פון גאָט, דערפאַר וואָס ער האָט פאַרלאָזט די תורה אל חי און זיך אריינגעלאָזט אין די הבלי עולם הזה.

און היות דאָס איז אַ שטראָף פון גאָט ברוך הוא, דאַרף מען זיך שטארקן, אָננעמען באהבה און ניט מתרעם זיין קעגן השי"ת, כדי ס'זאָל שוין זיין אַ כפרה עוון.

פאַרטיפט ער זיך מיט אַלע זיינע מחשבות אין גדלות הבורא, און חזרט איבער מסכתות, בעל פה, אזוי, אז ער האָט זיך כמעט ווי פאַרגעסן וואו ער געפינט זיך.

אזוי איז אַוועקגעגאנגען די נאכט.

ווען די זון איז אַרוים פון איר באַהעלטעניש האָט ער זיך דערמאָנט, אז מען דאַרף דאַווענען תפלת שחרית. וויל ער אָביסל וואַסער, וואַשן די הענט. וואו־זשע וועט ער נעמען אַביסל וואַסער? אָנצובויגן זיך צום ים פאַלט אים איין במחשבה, איז אַ סכנה. בויגט ער זיך איין אויף דער ערד מקנח בצרור זיין (אָפּווישן די הענט אין אַ שטיינדל). דערזעט ער אַ פרישן קוואַל וואַסער, ווערט ער בשמחה, וואַשט זיך די הענט און בויגט זיך אָן צום קוואַל אַ טרונק טאָן, מאַכט ער שהכל מיט גרוים כונה, דוכט זיך אים ווי מען ענטפערט אָפּ ערגעץ אמן.

דאַוונט ער אָפּ שחרית, ווערט ער הונגעריק און שלעפעריק. מילא, עסן וועט ער שוין ערגעץ זוכן אויף מאָרגן. ער איז מיד, אָבער ווי אזוי לייגט מען זיך שלאָפן אויף דער הוילער ערד. קוקט ער זיך אום, אולי וועט ער ערגעץ דערזען אַ בוים אַרויפצוקלעטערן און דאָרטן שלאָפן, זיין זיכער פון חיות רעות.

דערזעט ער נאָענט אַ געדיכטן בוים, קריכט ער אַרויף און טאַפּט אָן ניסלעך. דערפרייט ער זיך און מאַכט אַ ברכה מיט גרוים כונה „בורא פרי העץ". דוכט זיך אים ווידער, אז מען ענטפערט אים אמן. עסט ער אָפּ צו זאַט פון די ניסלעך און ווערט געשמאַק איינגעשלאָפן.

3.

זעקס חדשים צייט האָט זיך ר' יעקב געפונען אויפן אינזל, פון די ניסלעך האָט ער זיך געשפייזט און פונם קוואַל וואַסער האָט ער גע־טרונקען.

און אין דער צייט האָט ער איבערגעחזרט בעל פה גאַנץ ש"ס.

ענדע זעקס חדשים, ווען ער האָט זיך שוין כמעט מיאש געווען צוריק־צוקערן זיך אַמאָל צו אַ ישוב, דערזעט ער פון ווייטנס אַ שיף דורכפאָרן.

האָט ער אָנגעהויבן שרייען מיט זיין גאַנצן כח.

האָט מען דערהערט אויפן שיף, און זיך דערנענטערט צו אים אויפן אינזל און אים אַרויפגענומען און צוגעפירט צו ישוב און אַראָפּגעלאָזט.

איז ער געגאַנגען און געגאַנגען ביז ער האָט דערגרייכט צו אַ שטאָט, ווייט, זייער ווייט פון קאָריץ.

איז ער באַלד אַוועקגעגאַנגען אין בית המדרש אריין, זיך באַהעפט מיט אַ חברה אָרימעלייט, מחזירי על הפתחים און זיך געלאָזט מיט זיי אין וועג אריין, אויפן וועג צו זיך אהיים.

וואָס נענטער ער איז געקומען אַהיים, איז ער אַלץ אומרואיקער געוואָרן און זיין האַרץ האָט אים געקלאַפּט פאַר שרעק: — וואָס וועט זאָגן דער דוכס? סטייטש, אַזאַ אוצר מיט גאָלד האָט ער אָנפאַרטרויט אויף זיינע הענט און ער האָט אים אינגאַנצן געפטרט, איבערגעלאָזט ער־געץ אויפן שיף און געגאַנגען אָנקוקן דעם אינזל.

ווען ער איז שוין געווען צוויי מייל נאָענט פון קאָריץ, פרעגט ער זיך אָן און ווערט געוואויר, אַז דער דוכס איז שוין געשטאָרבן און זיין גאַנץ פאַרמעגן איז פאַרברענט געוואָרן, ניט געבליבן פון אים קיין שריד ופליט.

ווען ער איז אָנגעקומען אהיים, איז ער גלייך געלאָפן צו ר' פנחסן.

ר' פנחס האָט אים אָפּגעגעבן שלום, און ער האָט געהייסן צוגרייטן אַ גרויסע סעודה פון זיינעט־וועגן, צו וועלכער עס זיינען געווען איינגע־לאַדן די איבעריקע ניין בטלנים און גלאַט אַזוי מקורבים.

אין מיטן דער סעודה פרעגט אים ר' פנחס:

זאָג נאָר, האָסטו געמאַכט די ברכות אויף די ניסלעך און אויף דעם וואַסער מיט גרוים כונה?

— יאָ, — האָט געענטפערט ר' יעקב.

— ווייסט איר — האָט ר' פנחס זיך געווענדעט צום עולם — אַ גרוי־

סע נשמה איז מגולגל געוואָרן אויף יענעם אינזל, און געוואַרט אויף א תקון. דעם תקון האָט קיינער ניט געקאָנט געבן חוץ יעקב.

נו, ווי אַזוי־זשע נעמט מען עס דעם בטלן און מ'שיקט אים אַזוי ווייט. האָב איך געמוזט מתפלל זיין צו השי"ת, ער זאָל מיר העלפן דורכ־פירן די אַלע דאָזיקע סיבות.

האָט השי"ת מסבב הסבות געווען. איז יעקב געוואָרן אויס בטלן, האָט אים דער דוכס געשיקט קיין אינדיע, האָט אים דער שיפס־קאַפּיטאַן אָפּגענאַרט און איבערגעלאָזט אויפן אינזל און בעיזר ד', ער האָט גע־בראַכט א תקון צו דער גרויסער נשמה, וואָס האָט פאַרבלאָנדזשעט אַזוי ווייט. אין איצט נאָ דיר, יעקב, אָפּ די צוויי הינדערט רובל, וואָס האָסט איבערגעגעבן צו מיין פּלוניתטע, ווערסטו התונה מאַכן דיין בוגרת און זעץ זיך אַוועק לערנען מיט די בטלנים. וועל איך דיר געבן דיין רובל א וואָך, ווי פריער.

האָט ר' יעקב גענומען די צוויי הונדערט רובל, התונה געמאַכט זיין בוגרת און איז געבליבן אין בית מדרש לערנען ווי פריער און ער האָט באַקומען א רובל א וואָך.

# ר׳ ישׂשכר בער ז״ל פון ראַזשיץ

דערגרייכן צו דער מדרגה פון א צדיק, קאָן מען רק דורך אמונה אין גאָט ברוך הוא, ווי אין פסוק שרייבט זיך: „וצדיק באמונתו יחיה״.

דער גרעסטער מאמין בהשגחת הבורא בתמימות איז געווען ר׳ ישׂשכר דוב ז״ל, דער צדיק פון ראדזשיץ (א שטעטל אין פוילן). אלע צדיקי הדור אין זיין צייט, פלעגן פאָרן צו אים ז״ל זיך צו לערנען דעם דרך פון אמתער אמונה.

ר׳ ישכר דוב ז״ל, איידער ער איז נתגלה געוואָרן, האָט ער אליין זיך באַשיצט אונטער די פליגל פון די גרויסע צדיקים: דעם לובלינער, דעם קאזשינעצער מגיד און דעם איד הקדוש פון פערשיסכע, זכותם יגן עלינו.

פלעגט ער זיך נוהג זיין תמיד פאָרן פון לובלין קיין פערשיסכע, פון פערשיסכע קיין קאזשינעץ און אין יעדן אָרט אָפּזיצן א לאַנגע צייט. דערנאָך איז ער צוגעפאָרן אהיים צו זיינע בני בית אויף גאָר א קורץ שטיקל צייט, ווייל באַלד האָט ער געפילט א גרוים בענקעניש צו די צדיקי הדור, האָט ער זיך צוריקגעקערט קיין לובלין, און פון דאָרטן קיין פערסיש-בע, קיין קאזשינעץ, און אזוי האָט ער זיך נוהג געווען א לאַנגע צייט.

איינמאָל, פאָרנדיק אהיים נאָך סוכות, האָט ער, דורכפאָרנדיק א שטעטל, באַגעגנט איינעם, א לובלינער חסיד, מיט וועלכן ער האָט זיך געקאָנט, ווייל ער פלעגט אים באַגעגענען אין לובלין, האָבן זיי זיך ביידע זייער דערפרייט, און יענער גיט אים א זאָג:

— ווי גייט עס דיר עפּעס אין פרנסה?

ענטפערט ער, ר׳ ישכר דוב:

— בע, מע.

מילא, פאַרשטייט שוין יענער, אז די פרנסה ביי אים איז ניט ווי ס׳דאַרף צו זיין. מסתמא א גרויסער קבצן.

גיט אים יענער א זאָג:

— הער בערל, אויב דו ווילסט, בלייב ביי מיר א מלמד, וועסטו לערנען מיט מיינע קינדער, וועסטו דיר פאַרדינען פרנסה.

פארשטייט שוין ר' ישכר דוב, אז דאס איז השגחה הבורא, אזוי איז דער רצון פון השי"ת, ווייל, ווען ניט, וואלט ער אים דאך ניט געזאגט פלוצים, ער זאל ווערן ביי אים א מלמד.

בלייבט ער ביי אים לערנען מיט זיינע קינדער, און ער פרעגט אים אפילו ניט, וויפל ער וועט אים געבן שכר למוד, ווייל ער איז זיכער גע־ווען, אז וויפל השי"ת האט אים אנגעצייכנט צו פארדינען דעם זמן, וועט ער אריינגעבן אין דער מחשבה פונם בעל־הבית, ער זאל אים באצאלן.

א גאנצן זמן איז ער געזעסן און געלערנט מיט יענעמס קינדער גע־טריי און פון קיין געלט איז ניט דערמאנט. רק יענער פלעגט אמאל אליין אוועקשיקן זיין ווייב עטלעכע רובל און אמאל האט ער איבערגעגעבן עטלעכע רובל איינגעוויקלט אין א בייטעלע און אים געזאגט:

— נא, שיק אהיים דיין ווייב און קינדער אויף חיונה.

האט ר' ישכר דוב גענומען דאס בייטעלע, איז ארויסגעגאנגען אין מארק, נאכגעזוכט א געלעגנהייט און איבערגעשיקט דאס בייטעלע צו זיין ווייב.

ער האט אפילו ניט איבערגעציילט וויפל געלט דארטן איז פאראן.

— נא דיר, בערל, עטלעכע רובל, פאר אהיים אויף פסח, און תיכף נאך פסח קום צוריק לערנען מיט מיינע קינדער.

פארט ער אהיים אויף פסח און כאטש אין זיין הארצן ברענט א גרויסע תשוקה צו פארן זען זיך מיט די דריי צדיקי הדור, איז ער כובש זיין תשוקה, ממש מיט מסירת נפש, און פארט צוריק צו יענעם חסיד, תיכף נאך פסח, און זעצט זיך לערנען מיט זיינע קינדער.

ער גלויבט באמונה שלימה, אז אזוי איז דער רצון פונם באשעפער, ווייל, ווען ניט, וואלט דער חסיד אליין, וואס באשיצט זיך אויך אונטער די פליגל פון יענע גרויסע צדיקים — וואלט ער אים אליין מזכיר געווען, ער זאל צופארן פריער קיין לובלין, קיין פערמישלא און קיין קאזשיניץ.

פארט ער נאך פסח צוריק און לערנט אפ דעם זמן אויך באמונה, מיט יענעמס קינדער.

יענער חסיד איז זיך נוהג מיטן געלט ווי יענעם זמן, אמאל שיקט ער אליין זיין ווייב אביסל געלט און אמאל גיט ער אים איבער א בייטעלע מיט געלט און זאגט אים:

— נא, בערל, שיק איבער דיין ווייב און קינדער אויף חיונה.

נעמט ער צו דאָס בייטעלע, צײלט ניט איבער אפילו, גייט ארויס אין מארק אריין, באַקומט אַ געלעגנהייט און שיקט עס איבער.

איינמאָל האָט אים יענער געפרעגט:

— בערל, פאַרוואָס פרעגסטו מיך ניט, וויפל געלט האָב איך דיר שוין געגעבן און וויפל עס קומט דיר נאָך?

האָט ער אים געענטפערט:

— דו מיינסט, אַז איך בין ביי דיר אַ מלמד און דו באַצאָלסט מיר וויפל דו ווילסט? ניין, ידידי, האָסט אַ גרויסן טעות. זאָלסט וויסן, אַז אַלעס איז מן השמים, גאָט האָט געהייסן אַז איך זאָל זיצן און לערנען מיט דיינע קינדער און גאָט הייסט מיר באַצאָלן כך וכך און וויפל ער הייסט אַזויפיל באַצאָלסטו מיר. גאָט פרואווט מיך אויס און איז מיך מעניש, איך זאָל אַ צייט ניט וואַרימען זיך אינם פייער פון די הייליקע צדיקים.

סוף זמן, אויף ראש השנה, האָט ער אים געגעבן עטלעכע רובל און אים געזאָגט:

— נו, פאָר לחיים ולשלום.

פון קומען צוריק האָט ער אים ניט מזכיר געווען. איז ער אַהיימגע־פאָרן און איז שוין צוריק ניט געפאָרן, ער האָט פאַרשטאַנען, אַז וויבאַלד יענער זאָגט אים ניט אָן צו קומען צוריק, איז דאָס אַזוי דער רצון פונם באַשעפער.

איז ער ווידער, ווי פריער, עולה געווען צו די צדיקי הדור: קיין לובּ־לין, קיין פּערשיסכע און צום הייליקן קאָזשיניצער.

איינמאָל זאָגט אים דער לובלינער:

— הער, בערל, ביז וואַנען וועסטו וואַנדערן צווישן לפּק (לובלין, פערסישכע, קאָזשינעץ)? שוין צייט, אַז דו זאָלסט אַהיימפאָרן, זיך זעצן לערנען און קומען צו אַ תכלית.

איז ער אַהיימגעפאָרן, זיך אוועקגעזעצט אין בית מדרש און עוסק געווען אין תורה ועבודה.

האָט עמיצער ביי אים אין שטעטל באַדאַרפט האָבן אַ בקשה צו השי״ת, איז מען געקומען צו אים, צו בערל בטלן, ווי מען האָט אים דאַרטן גערופן, אים באַצאָלט אַ מטבע, ער זאָל מתפלל זיין. און דאָס איז געווען זיין פּרנסה.

איינמאָל איז צו אים אין בית מדרש אַריינגעקומען אַ קאָזשינעצער

חסיד. האָט ער זיך זייער דערפרייט מיט אים, און אים אויסגעפרעגט וואָס ער טוט דאָ.

האָט אים יענער געענטפערט, אַז אַזוי ווי ער האָט אַ בוגרת און ער דאַרף מיט איר אַ שידוך טאָן, האָט אים דער קאַזשינעצער מגיד געגעבן אַ בריוו און אים געהייסן פאָרן איבער די שטעטלעך און אייניקע פון זיינע באַקאַנטע וועלן אומגיין איבער שטעטל און מאַכן פאַר „הכנסת כלה".

בכן בעט ער אים, בערלען טאַקע, ער זאָל אַרומגיין אין שטעטל, אים מאַכן אַביסל געלט.

האָט אים ר' בערל געענטפערט:

— אַזוי ווי מען רופט מיך דאָ „בערל בטלן" און איך בין דאָ בשפל המצב, וועט מען מיר געבן אַ פּרוטה, ניט מער. לכן, איז מיין עצה, אַז דו זאָלסט זיך ווענדן צו איינעם פון די רייכע אָדער אַזוי אַן איש נכבד, וועט ער מער געלט מאַכן.

האָט יענער געענטפערט:

— אויב אַזוי, ווייזט אויס אַז דו ביסט ניט איינגעשריבן אין צעטל פון גאָט ברוך הוא. ווייל דער הייליקער מגיד האָט מיר געזאָגט, אַז אין הימל איז שוין פאַרצייכנט ווער ס'דאַרף גיין מיר מאַכן פאַר הכנסת כלה און וויפל מען דאַרף מאַכן. לכן, דאַרף מען גיין זוכן יענעם, וואָס איז פאַרצייכנט אין גאָטס צעטל.

דאָס זאָגנדיק האָט ער זיך געלאָזט אַוועקגיין פון אים.

האָט ר' בערל אים פאַרהאַלטן און געזאָגט:

— אויב אַזוי, וועל איך טאַקע גיין און זען, אפשר בין איך טאַקע יאָ פאַרשריבן אין גאָטס צעטל.

איז ער אַרויסגעגאַנגען, צוגעגאַנגען צו איינעם מאָנען פאַר הכנסת כלה, האָט יענער אַרויסגענומען הונדערט גילדן און אים געגעבן, האָט ער שוין פאַרשטאַנען, אַז די רייד פונם קאַזשינעצער מגיד זיינען אמת. אין אַ צייט פון אַ פּאָר שעה האָט ער אים געבראַכט עטלעכע הונדערט רובל.

און ער איז ווידער געזעסן אין בית מדרש און עוסק געווען אין תורה און אין תפילה.

ער איז געווען אין גרויס אָרימקייט. אַזוי. אַז ער האָט שוין פאַר־זעצט אַלעס פון דער שטוב.

אז ס'איז שוין ניט געװען װאָס צו פאַרמשכנען, האָט ער מיט זיין װייב און קינדער געפאַסט דריי טעג נאָכאַנאַנד און פאַר קײנעם ניט דערציילט. װען זײ זײנען שוין געװען אַזױ הונגעריק עד כלות הנפש, לויפט אַריין צו אים אַ איד מיט אַ גרױס געװיין און זאָגט אים:

— הער, בערל, ביי מיר איז מסוכן קראַנק אַ קינד, די דאָקטוירים האָבן זיך שוין מיאש געװען, איז מיר אײנגעפאַלן אַ מחשבה, דיר געבן אַכצן גראָשן, בעט גאָט, אפשר װעט ער צוהערן דיין תפילה.

האָט ער קיין חשש ניט געהאַט צו נעמען די „ח"י גדולים", האָט דאָס װייב געגעבן אויף אים אַ פאַרחלשטן קוק, האָט ער באַקומען אַ גרויסן רחמנות אויף איר און אויף די קינדער און גענומען ד'י אַכצן גראָשן, גע־קױפט ברױט און געמאַכט אַ מוציא, טועם געװען און זיך אָנגערופן:

— מיין װייב, אפשר איז ח"וש געשטאָרבן דאָס קינד, הייסט דאָך דאָס ברויט גזלה. לכן, קום װעלן מיר גיין אַ קוק טאָן, װאָס דאָס קינד טוט.

זײנען זײ געגאַנגען און בשעת מעשה געזאָגט אַ קאַפּיטל תהלים.

געקומען צו דער שטוב פונם קראַנקן קינד, האָבן זײ געהערט װי דאָס קינד װיינט.

— נו, — האָט ער געזאָגט צום װייב — קום אַהיים, גאָט האָט אָנ־גענומען אונזער בקשה.

האָבן זײ אָפּגעגעסן און געלויבט און געדאַנקט צו הש"ית.

איז מפורסם געװאָרן די זאַך אין שטעטל, אַז בערל בטלנס בקשה האָט געהאָלפן מער װי די דאָקטוירימס רפואות. האָט מען אָנגעהויבן צו גיין צי אים מיט פּדיונות. און זיין שטאַנד פון פּרנסה איז געװאָרן גוט.

אין יענער צייט האָט זיך געמאַכט אַז אין שטעטל ראַדזשיץ זײנען אַרומגעגאַנגען קראַנקהייטן, זײנען די שטאָט לייט געפאָרן קיין קאָזשי־נעץ. האָט ער זײ געענטפערט:

— פאָרט און בראַנגט צו אייך „ישכר בערן", נעמט אים אויף ביי אייך פאַר אַ רבין און ס'װעט זיך אָפּטאָן פון אייער שטעטל אַלע קראַנק־הייטן און איר װעט אין זיין זכות געהאָלפן װערן מיט אַלדאָס גוטס.

האָבן די מענטשן פון ראַדזשיץ אַזוי געטאָן און אויפגענומען ר' ישכר בערן פאַר אַ רב און מנהיג אין ראַדזשיץ און פון דעמאָלט אָן זײנען זײ געבענטשט מיט בני, חיי ומזוני.

און די גאַנצע צייט פון ר' ישכר בערן איז קיינער אין ראַדזשיץ ניט קראַנק געװאָרן.

# דער בעש"ט הקדוש און די אמונה אין גאָט

אמונת חכמים איז טאַקע אַ זייער גרויסע מדרגה, נאָר, הני מילי, וואו זיינען די רייד געזאָגט געוואָרן?

בזמן, אין דער צייט, ווען די אמונה אין הקדוש ברוך הוא איז איינגעוואָרצלט גוט ביי אים אין האַרצן און ער גלויבט, אַז רק ער, כביכול, האָט די גאַנצע יכולת צו טאָן, וואָס ער וויל, און דער צדיק איז נאָר ביי אים אַ בן בית, וואָס קאָן צו אים מתפלל זיין בכל עת מצוא, און זיך מתחטא זיין פאַר אים כבן שמתחטא לפני אביו, ער זאָל שיקן זיין הילף, אָדער מבטל צו זיין אַ גזרה רעה ר"ל.

דעמאָלט איז די אמונה אַ גרויסע מדרגה און איר כח איז זייער גרויס, געהאָלפן צו ווערן און פועל צו זיין מבטל צו זיין אפילו דעם גזר דין היותר קשה. אַזאַ כח האָט די אמונה, ווען זי איז פריער איינגעוואָרצלט אין גאָט ברוך הוא, און דער צדיק איז פאַרעכנט רק ווי אַ מקורב למלכות.

ווי איז אָבער צו די יעניקע, וואָס זייער אמונה און בטחון איז רק אין צדיק און ניט אין דעם בורא עולם. צוליב דער אמונה אין צדיק פאַרגעסן זיי לגמרי אין גאָט ברוך הוא, און געדענקען גאָר ניט, אַז ס'איז דאָ אַ בורא ומנהיג לכל הברואים. „וי ליהו להני אינשו". יענע מענטשן ווערן אָנגערופן „שדין יהודאין" (אידן שדים) און לאַ די וואָס זיי קאָנען קיינמאָל ניט געהאָלפן ווערן דורך זייערע צדיקים, ברענגען זיי נאָך חו"ש אַ קטרוג אויפן צדיק הדור און זיינען גורם אַ גרויסן צער דעם צדיק און דער גאַנצער פמליה של מעלה.

און דערפאַר דאַרף יעדער חסיד, איידער ער הויבט נאָך צו פאָרן צום צדיק, זיך פריער מתקדש און מטהר זיין. הייליקן זיינע מחשבות, מצמצם זיין אַלע זיינע רעיונות אין דער אמונה אין גאָט ברוך הוא, אַז נאָר ער, כביכול איז דער מנהיג העולם און רק ער, איז אַ כל יכול. און ערשט ווען זיינע רעיונות וועלן זיין פול מיט אחדות הבורא, קאָן ער אָנהויבן צו פאָרן צום צדיק הדור און זיך מתדבק זיין אין אים. און אפילו ווען ער

איז שוין דבוק אין צדיק א רגע כמימריה פון השי"ת, אז נאר ער קאן העלפן, הוא ולא אחר.

מאכט זיך אמאל, בזמן הבע"שט ז"ל, איז געזעסן אן ארענדאר אין א קרעטשמע ניט ווייט פון מעזשיבעזש. פלעגט ער אפט פארן צום בע"שט הקדוש, און איז געווארן זייער דבוק אין אים ז"ל.

איז ער דוקא געווען א גרויסער מאמין אין השי"ת און ביי יעדער געלעגנהייט פלעגט ער זאגן:

„פריער גאט און דערנאך דער רבי".

אבער מיט דער צייט, איינזעענדיק אלץ מער די גרויסקייט פונם בע"שט, איז די אמונה אין אים געווארן אזוי גרויס, אז ער האט אלע זיינע תקוות געלייגט רק אויף אים ז"ל און גאר כמעט פארגעסן, אז דער איינ-ציקער מנהיג העולם איז כביכול ברוך הוא.

דער בע"שט ז"ל האט דאס באלד מרגיש געווען, און ער האט אויך פארשטאנען, אז מיט רייד וועט ער גארניט ווירקן אויף אים: פארט אן ארענדאר, א ישובניק.

האט ער געפועלט ביים רבש"ע, ער זאל אים לאזן צוריקקערן דעם ארענדאר צוריק צו דער אמתער אמונה, צו אמונת ד'.

הויבט ער אן, דער ארענדאר, ווערן א יורד, ווערט דער וועג צו אים אין דארף ארייין מקולקל, הערן אויף כמעט עוברים ושבים. און ס'קומט אראפ אין זיין דארף א „נזיר", עפעס א מין אלטער גלח, און רעדט קעגן שכרות, קעגן טרינקען בראנפן, און אז ער רעדט, גלוסט זיך ניט אוועק-צוגיין, ס'גלוסט זיך צו הערן און הערן און זיינע רייד גייען אריין טיף אין הארצן אריין און די גויים פון דארף ווערן מיטאמאל אלע ניכטער און הערן אויף צו טרינקען. ווערט דער ארענדאר אלץ ארימער און האט ניט צו צאלן דעם פריץ קיין ארענדע געלט. און ער בעט זיך אפ אויף שפע-טער מיט א האלב יאר. און דער אלטער גלח, דער נזיר, קומט אלע מאל און פרעדיקט פאר די פויערים פון דארף ניט נאר קעגן שכרות, נאר אויך קעגן אידן. ער שרעקט זיי מיט גהינום, אויב זיי וועלן איבערטרעטן די שוועל פונם אידן און עפעס ביי אים קויפן. פאלגן זיי, די פויערים, די רייד פונם נזיר, און צוליב דער מינדסטער זאך אפילו פארן זיי אין שטאט ארייין קויפן, און ער, דער ארענדאר, בלייבט מיט זיין סחורה, ביז זי ווערט קאליע און ער קוקט ניט אן קיין פרוטה פדיון. און דא קומט אלע

מאָל דער פּריץ און פאָדערט די אַרענדע געלט ביז אין דעם און דעם טער־
מין, אויב ניט וועט ער אים מיט זיין ווייב און קינדער אריינוואַרפן אין
א גרוב.

ווייל אַזוי איז געווען דער מנהג ביי די פּריצים, אַז ווען מ'האָט זיי
ניט אָפּגעצאָלט זייער אַרענדע געלט, האָבן זיי דעם אַרענדאַר מיט זיין
ווייב און קינדער אריינגעוואָרפן אין אַ גרוב, זיי מיטגעגעבן אהין אויף
עטלעכע טעג צו עסן לחם צר און דערנאָך זיינען זיי אויסגעשטאָרבן פון
אַ הונגער טויט.

דער אַרענדאַר איז אַלע מאָל געפאָרן צום בעש"ט, האָט ער ז"ל אים
געזאָגט:

— זיי מתפלל צו גאָט, זאָל ער דיר העלפן.

האָט דער אַרענדאַר אים געענטפערט:

— ניין, רבי, איר אַליין מוזט מיר העלפן!

דעם בעש"ט'ס פּנים פלעגט ווערן „ככרום" און ער האָט גאָר ניט גע־
ענטפערט.

ווען דער פּריץ האָט אים געגעבן צייט ס"ה איין וואָך, אויב ער צאָלט
אים ניט אָפּ דעם חוב פאַרן גאַנצן יאָר, וואָס ער איז אים שולדיק געווען,
דאַן וואַרפט ער אים אריין מיט זיין גאַנצן בני בית אין גרוב, איז ער
באַלד אוועק צום בעש"ט און האָט באַשלאָסן, אַז ער וועט זיך ניט צוריק־
קערן פון דאָרטן, ביז ער וועט אים ניט זאָגן אויף זיכער, אַז ער וועט
אים העלפן.

דער בעש"ט האָט דאָס באַלד פאַרשטייט זיך, מרגיש געווען און
האָט פאַרזאָגט, אַז ווען דער אַרענדאַר פון דעם און דעם דאָרף וועט קו־
מען, זאָל מען אים ניט אַריינלאָזן צו אים פאַר קיין פאַל. אפילו ווען ער
וועט וויינען און שופך דמעות זיין כמים, זאָל מען צו אים ניט צולאָזן.

מילא, פאַרשטייט מען שוין, אַז דאָ וויל אים דער בעש"ט הקדוש
טאָן אַ גרויסע טובה, און אים מציל זיין פון עפּעס אַ גזר. ווייל ער ז"ל
האָט קיינמאָל ניט גורם צער געווען בחנם צו עמיצן, סיידן, עס איז
נמצא געוואָרן פון דעם עפּעס אַ ישועה.

ווען דער אַרענדאַר איז אָנגעקומען קיין מעזשיבעזש, איז ער באַלד
געגאַנגען זיך טובל זיין און זיך געלאָזט אין הויף מקבל שלום זיין דעם
בעש"ט.

קומט ער צו צום הויף און יויל ארייננגיין אין זיין שטיבל, לאָזט אים דער משמש ניט אריין.

— דער בע"שט וויל אים ניט אויפנעמען מקבל שלום זיין.

באַקומט ער שפלות הרוח און הויבט אָן צו קלאָגן מיט א גרויס געוויין, און שרייט פון דער זייט טירל:

— סטייטש, איך בין אין אַן עת צרה, דער הייליקער רבי מוז מיר העלפן!

אָבער ס'איז אומזיסט זיינע בכיות, דער בע"שט וויל אים ניט צולאָזן.

הויבן אָן די בני בית מיט רחמנות צו טרייסטן אים, זיינען אים שטאַרק מקרב און עצהן אים, ער זאָל איבערוואַרטן נאָך א טאָג צי צוויי טעג, אפשר, וועט אים דער בע"שט צולאָזן. מסתמא וואַרט ער אויף אַן עת רצון און מיטן ניט צולאָזן צו זיך טוט ער אים גאָר א טובה.

טרייסט ער זיך דער אַרענדאַר און ער פאַרלירט ניט זיין בטחון אין בע"שט הקדוש.

גייט אַוועק א טאָג צוויי, איז דער בע"שט מרגיש, אַז ער האָט זיין בטחון רק אין אים און וויל גאָר ניט נעמען אין זיינע רעיונות קיין שום תקוה אין השי"ת.

איז ער זייער פאַרדאגהט צוליב דעם און ער פאַרזאָגט אין הויף, אַז מען זאָל אים, דעם אַרענדאַר, מער אין הויף ניט אריינלאָזן און קיינער זאָל מיט אים ניט אויסרעדן קיין וואָרט, ווען ער וועט רעדן צו עמיצן זאָל מען אים ניט ענטפערן.

און ס'פאַרשטייט זיך, אַז זיי האָבן מקיים געווען די הייליקע רייד פון איב ז"ל.

דער אַרענדאַר, זעענדיק מיטאַמאָל ווי אַלע אין הויף האָבן זיך פון אים מתרחק געווען און זיי ווילן אים ניט אריינלאָזן צו זיך, איז ער שטאַרק גערירט געוואָרן, זיך צעוויינט און אויסגערופן:

— רבונו של עולם! נאָר אויף דיר פאַרלאָז איך מיך! רק דו וועסט מיר העלפן! און ער האָט זיך געלאָזט גיין אהיים צו זיך אין דאָרף אריין.

גייט ער א גאַנצן וועג און איז מתפלל צו השי"ת און זיין האַרץ ווערט פול מיט אמונה און בטחון אין גאָט ברוך הוא, און זיין תפילה איז געווען אַזא לויטערע און ריינע! און זיין אמונה איז געווען אַזוי בשלמות! אָן א שום פגימה, האָט זיין תפילה בוקע־רקיע געווען און דאָרטן, פון

אויבן, האָט זי זיך צוזאַמענגעטראָפן מיט דער תפילה פון בעש"ט הקדוש, און זי האָט פועל געווען.

און ווי ער גייט אַזוי דער אַרענדאַר אין וועג, פאָרט דורך אַ קאַטש מיט אַ פּריץ און ס'פאַלט אַראָפּ אַ זעקעלע, קויפט ער נאָך, דער אַרענדאַר און שרייט:

— איר האָט עפּעס פאַרלוירן!

אָבער דער קאַטש איז תיכף ומיד נעלם געוואָרן. הויבט ער אויף דאָס זעקעלע, עפנט דאָס אויף און געפינט דאָרטן אַ גאַנצן אוצר מיט געלט.

גייט ער במהירות מיט אַ שמחה אַהיים.

אָנקומענדיק, טרעפט ער שוין קיינעם נישט אינדערהיים. ערשט פריער מיט אַ טאָג האָט דער פּריץ אויסגעפירט זיין פּריצישן מנהג, און ער האָט זיין פרוי מיט די קינדער אַריינגעוואָרפן אין גרוב. לויפט ער גע־שווינד צום פּריץ און באַצאָלט אים די אַרענדע געלט און באַפרייט זיין ווייב און קינדער און קומט אַהיים און ער דאַנקט גאָט פאַר דעם גרויסן חסד וואָס ער האָט געטאָן מיט אים.

ווען ער האָט זיך אַביסל באַרואיקט, איז אים אויפגעקומען אויף דער מחשבה, אַז די גאַנצע הילף, וואָס איז צו אים געקומען, איז ניט מעגלעך אַז דער בעש"ט זאָל דערפון ניט וויסן און ניט האָבן קיין חלק אין דעם. אולי, מיט זיין ניט צולאָזן צו זיך, האָט ער אים געטאָן די גרויסע טובה. איז ער באַלד נאָכאַמאָל אַוועק קיין מעזשיבעזש, און ווי נאָר ער האָט זיך באַוויזן אין הויף, איז אים דער בעש"ט אַקעגנגעגאַנגען אים געגעבן אַ ברייטן שלום עליכם און אויסגערופן:

— נו, זעסט שוין, אַז מען בעט גאָט, העלפט גאָט! דו דאַוונסט אַלע טאָג: „אל תבטחו בנדיבים, בבן אדם, שאין לו תשועה"... „אשרי יעקב בעזרו שברו ד' אלהיו". נו, האָסטו זיך געוואָלט פאַרזיכערן אין מיר, אין אַ בשר ודם, ביסטו ניט געהאָלפן געוואָרן, ביז דו האָסט זיך געווענ־דעט צו גאָט ברוך הוא, ביסטו באַלד געהאָלפן געוואָרן. געדענק זשע, אַז מהיום והלאה זאָלסטו ניט מסיח דעת זיין פון השי"ת אפילו אַ רגע כמימריה!

דער אַרענדאַר, כאָטש ער איז געווען אַ פּשוטער איד, אַ ישובניק, האָט פאַרשטאַנען די הייליקע רייד פונם בעש"ט הקדוש און איז געווען אַ עובד ד' כל ימיו חייו, ער איז תמיד געווען דבוק בעבודת ד'. און פון

דעמאָלט אָן, זיינען די וועגן וואָס פירן אין דאָרף געווען מתוקנים, דער נזיר איז ערגעץ פארשוואונדן געוואָרן און מען האָט אים מער ניט אָנגע־קוקט אין דאָרף. די פויערים אין דאָרף האָבן זיך גענומען צום טרינקען כדרכם. און די שפע פונם ארענדאר האָט זיך פארמערט מיום ליום און ער האָט זיך אויסגעלעבט זיינע יאָרן אין עושר און כבוד און פאר זיין שטארבן האָט ער געשיקט ברענגען דעם סופר פון מעזשיבעזש און האָט אים איבערדערציילט די גאנצע מעשה און אים געבעטן ער זאָל זי אָנשרייבן אין אַ מגלה אויף פארמעט און זי אריינלייגן אין שיל צווישן די ספרים, כדי אידן זאָלן לייענען דעם ספור המעשה און זיך אראָפּנעמען אַ מוסר השכל, וויסן אַז מען דאַרף האָבן אמונה און בטחון רק אין הש"ית. און מען טאָר זיך ניט פארלאָזן אויף קיין בשר ודם.

דער סופר האָט אַזוי געטאָן און עד היום הזה דאַרף נאָך ליגן די מגלה מיטן ספור המעשה אין מעזשביזשער שיל.

און אַ צייט מיט יאָרן מען אין מעזשיבעזש און אומגעגנט גע־האָט אַ שטאַרקע אמונה אָן הסח הדעת אין הש"ית און קיינמאָל זיך ניט סומך געווען אויף אַ בשר ודם. האָבן אַלע אידן אין יענער צייט זיך גע־לעבט אין עושר און כבוד. זיי האָבן געהאַט פרנסה בשפע און נחת אין קינדער.

דאָס איז געווען אַמאָל. היינט האָט מען ערגעץ די מגלה פארוואָרפן, אָדער זי איז פשוט פון די עכברים צעפרעסן געוואָרן, און דער גאנצער ספור המעשה איז שוין לאַנג פארגעסן געוואָרן. האָט זיך די אמונה אין גאָט ברוך הוא אָפּגעטאָן און דער גלויבן אין בשר ודמניקעס האָט זיך געשטאַרקט. לעבן טאָקע אידן דורך זייער שלעכטע צייטן. ניטאָ קיין פרנסה, ניטאָ קיין נחת אין קינדער. צרות ווערן נתרבה. נאָר דאָס איז שוין גאָר אַ באַזונדער ענין, וואָס געהער זיך צו אונזער ספור המעשה גאָר ניט אָן.

# ר׳ אברהם אבאשל ז״ל

אלצדינג אין דער וועלט ווערט געפירט דורך דער אויבערשטער השגחה, אפילו עם־הארצות און לומדות.

זעסטו א גראבן יונג, טארסטו אים ניט אפשטויסן פון זיך און ניט חוזק מאכן פון אים פאר זיין גראביונגעשקייט.

להיפך, זעסטו א למדן, א קענער, דארפסטו אים ניט צופיל לויבן דערפאר, ווייל ביידע, הן דער עם הארץ און סיי דער למדן, זיינען דערביי נארניט שולדיק, ווייל אזוי האט זיי הש״ית באשאפן: דעם מיט א שווע־דער תפיסה, א שווערע הבנה און יענעם מיט א גרינגער תפיסה און גוטער הבנה.

לויבן דארף מען נאר דעם, וועד ס׳ארבעט זיך אויס, דורך אייגענער עבודה, און פועלט ביי הש״ית, ער זאל אים עפענען זיין הארץ ווי דער פתח אולם היכל, צו פארשטיין און תופס צו זיין אלצדינג וואס ער לערנט. און אפשטויסן מעג מען נאר בלויז יענעם, וואס ער איז באשאפן געווארן מיט א גוטער הבנה און א גרינגער תפיסה צו פארשטיין אין תורת אלהים חיים און ער פארבייט די הייליקע תורה און פארדארבט זיינע כשרונות אויף דברי הבל.

דעמאלט קלאגט כביכול די שכינה און זאגט:

„וי ליה״ — ווי איז צו אים און ווי איז צו זיין נשמה. דער מזבח הויבט אן מוריד דמעות זיין און לעשט אויס דעם גאנצן גלאנץ פון זיין חלק לעולם הבא. און ווען זיין חלק עולם הבא ווערט שוין אינגאנצן אויס־געלאשן, נעמט ביי אים הש״ית אוועק זיין גוטע הבנה און גרינגע תפיסה צוזאמען מיט זיין חלק עולם הבא און גיט זי איבער צו יענעם, וואס איז מתפלל צו גאט ברוך הוא, און ער בעט אים ער זאל אים געבן א פאר־שטאנדיק הארץ צו פארשטיין אין תורת אלהים חיים.

אט אזא עובד, וואס האט אליין דורך אייגענער עבודה אויסגעפועלט א פארשטאנדיק הארץ, א גוטע הבנה און א גרינגע תפיסה, איז געווע;

ר' אברהם אבאשל פון פראנקפורט דמיין ז"ל, און מעשה שהיה כך היה:

ר' אברהם אבאשל ז"ל, הגם ער איז געוועזן פון א משפחה מיוחסת בישראל, איז ער אין זיין יוגנט געווען א גרויסער עם הארץ, שווער געווען פאר אים עפעס צו פארשטיין אין למוד. וויפל מען האט מיט אים גע־לערנט, האט ער ניט געקענט תופס זיין קיין ווארט. ס'איז אים אנגעקו־מען מיט גרוים מאטערניש צו לייענען אפילו די ווערטער אין סדור, ווי ס'דארף צו זיין, און ווען ער פלעגט זיך שטעלן דאווענען, האבן אים חברה ארומגערינגלט, געלאכט און חוזק געמאכט פון זיין „עברי" און פון זיין טשעפען די ווערטער ווי ניט געהעריק איז.

ער ז"ל איז אבער געווען א גרויסער ירא שמים, האט ער ניט געגער־מען אין אכט די אלע געלעכטערן און חוזקן און האט געדאווענט מיט א געוויין און מתפלל געווען צו השי"ת, ער זאל אים העלפן צו פארשטיין די תורה.

ווען זיין פאטער האט געזען, אז ער וואקסט א גרויסער עם הארץ און אלע מלמדים, וואס ער דינגט פאר אים, זאגן, אז ער איז א פארפא־לענער עם הארץ, האט ער אים משדך געווען פאר א גבירם א טאכטער כדי ער זאל זיך קאנען אויסארבעטן פאר א סוחר.

אין יענער צייט איז געווען דער מנהג, אז נאך דער חופה וועטשערע האט דער חתן אליין בארארפט בענטשן מזומן, און דאס גאנצע בענטשן פון ברכת המזון האט ער געמוזט זאגן בקול רם און אלע מחותנים האבן זיך איינגעהערט און שטיל נאכגעזאגט ווארט ביי ווארט.

האט ר' אברהם אבאשלם פאטער באלד נאך די תנאים אים גענומען לערנען ברכת המזון.

א יאר נאכאנאנד האט ער מיט אים געחזרט דאס בענטשן. טעג און נעכט איז ר' אברהם אבאשל געזעסן און געלערנט בהתמדה די עברי פון בענטשן. און די לעצטע וואך פאר דער חתונה האט ער מיט גרוים שמחה און הדוה געזאגט גאנץ ברכת המזון אויף אויסנווייניק פאר זיין פאטער און פאר זיין עלטערן ברודער ר' מרדכי דער ליסאער רב.

פארט מען אויף דער התונה פרייליך און מען דאנקט און מען לויבט צו השי"ת, וואס דער חתן וועט קאנען בענטשן אויף אויסנווייניק און זיי וועלן ניט ליידן קיין בזיון דורך אים.

קומט מען אינמיטן וועג און מען שטעלט זיך אפ אין אן אכסניה. עסט

מען אָפּ און מען גיט ר' אברהם אבאשלען מזומן בענטשן און מען הייסט אים בענטשן בקול רם בעל פּה, נעמט ער דעם כוס אין האנט און הויבט אָן: „רבותי, מיר וועלן בענטשן" און... מער געדענקט ער ניט קיין וואָרט. עפּנט מען אים שוין אויף א סדור, געדענקט ער שוין ניט פּשוט קיין עברי. פאַרגעסן אַלץ וואָס ער האָט געקאָנט.

פאַרדריסט עס שוין די משפּחה און פון גרויס הקפּדה איז צו אים צו־געגאַנגען זיין ברודער ר' מרדכי, אים געגעבן א פּאַטש און אויסגעשריען:

וועק פון אונז, דו עם הארץ! פאַרשעמסט אונזער משפּחה!

איז ער פאַר גרויס חרפּה און עגמת נפש אנטלאָפן אין א וואַלד, זיך צעוויינט אויף א קול און אָנגעהויבן טענהן:

— רבש"ע! אויב דו האָסט געוואָלט איך זאָל זיין אַן עם הארץ און א טפּש, וואָלסטו מיך געוועזן באַדאַרפט באַשאַפן אין א פּראָסטער משפּחה, אין א משפּחה פון בעל־עגלות, פון שניידערס, שוסטערס. פאַרוואָס האָסטו מיך באַשאַפן אין אזא מיוחס־דיקער משפּחה, צווישן אזעלכע גדולי ישראל?

ער האָט אזויפיל געוויינט, ביז ער איז געבליבן אָן כח און ער איז איינגעשלאָפן. האָט ער דערזען שטיין פאַר זיך א הייליקן מאַן און ער האָט אים געזאָגט:

— אברהם אבא, זאָלסט וויסן זיין, אז דיין געוויין האָט בוקע רקיע געוועזן און האָסט פּועל געווען, אז דיין הארץ וועט ווערן געעפנט ווי די טיר פונם „אולם" (א זאַל אין בית המקדש). דיין תפיסה און הבנה וועלן ווערן ביי דיר גרינג צו פאַרשטיין די תורה פון הש"ית. און דיין טאַטנס משפּחה וועט זיך מתיחס זיין און באַרימען מיט דיר. און ווען דו וועסט עפענען א ספר, וועסטו מיך דערזען און ווי נאָר וועסט א בליק טאָן אויף מיר, וועסטו גוט פאַרשטיין אומעטום, אפילו אין די שווערסטע און האַרב־סטע סוגיות. און ווען דו וועסט מיך דערזען, קאָנסטו זיך שטעלן דרשנען און זאָגן דברי תורה אפילו פאַר די גרעסטע לומדים. אָבער דערוויל זאָל־סטו אַלעס האַלטן בסוד און קיינער טאָר ניט וויסן פון דעם אַלעם, ביז נאָך דיין ערשטער דרשה.

ר' אברהם אבאשל האָט זיך אויפגעכאַפּט און האָט געפילט אז די טויערן פון תורה זיינען פאַר אים אָפן. האָט ער געדאַנקט און געלויבט

צו השי"ת. ער איז צוריקגעגאַנגען אויף דער אכסניה, וואו מ'האָט אים שוין געזוכט, און מ'איז געפאָרן אויף דער חתונה.

נאָך דער חתונה וועטשערע, האָט זיין פאָטער איבערגעבעטן דעם עולם און געזאָגט, אַז אַזוי ווי דער חתן איז שוואַך פונם תענית, איז אים שווער צו זאָגן ברכת המזון בקול רם, דערפאַר וועט ער אַליין בענטשן במקום החתן.

ר' אברהם אבאשל שווייגט, און די אַלע מחותנים ווינקען זיך אי־בער מיט א חוזק און מען רוימט זיך איין סודות: דער חתן איז א גרויסער עם הארץ; ער איז המכה בעברתו, געשלאָגן אין דער עברי.

אויף מאָרגן נאָך דער חתונה איז ר' אברהם אבאשל געגאַנגען מיט זיין שווער אין שיל אריין דאַווענען. זיין פאָטער מיט דער גאַנצער משפחה זיינען געבליבן דאַווענען אויף זייער אכסניה, זיי האָבן פשוט גע־האַט בושה צו גיין מיט אים צווישן מענטשן און ליידן פון זיין עם הארצות.

נאָכן דאַווענען אין שיל דערזעט ער, ר' אברהם אבאשל, דעם הייליקן מאַן, וועלכן ער האָט געזען בחלום, און ער זאָגט צו אים:

— אברהם אבא, עפן אויף דיין מויל און באַווייז דיין כח אין דער תורה.

איז ר' אברהם אבאשל אַרויפגעגאַנגען אויפן בעלעמער, א קלאַפּ גע־טאָן אויף דער בימה, ס'זאָל זיין שטיל און האָט אָנגעהויבן צו זאָגן א דרוש אויף דעם מאמר הגמרא פון ר' אליעזר הגדול: „עגלה בת שנתה ופרה בת שתים".

דער גאַנצער עולם מתפללים אין שיל, בתוכם זיין שווער, זיינען נשתומם געוואָרן. זיי האָבן גוט געוואוסט, אַז דער יונגערמאַן איז א גרוי־סער עם הארץ און נאַר פלוצים אַזאַ דרוש! אַזאַ טיפע תורה האָבן זיי נאָך קיינמאָל ניט געהערט. און דאָס פּנים זיינס פלאַמט ווי פייער. זיי זעען בחוש, אַז די שכינה רוט אויף אים. שטייט מען אַזוי פאַרוואונדערט און מען שלינגט יעדעס וואָרט, וואָס גייט אַרויס פון זיין הייליק מויל.

זיין פאָטער מיט די בני בית האָבן אָפּגעדאַוונט אויף דער אכסניה און זיינען געגאַנגען עס־ן מיטיק צום מחותן. זיצן זיי און וואַרטן, ער זאָל קומען מיט אברהם אבאשלען פונם דאַווענען. וואַרטן זיי א שעה און צוויי און זיי קומען ניט. וואונדערט דאָס זיי זייער. שיקן זיי אין שיל אריין געוואויר ווערן. קומט דער שליח צוריק און דערציילט זיי, אַז אברהם

אבאשל דרשנט. לאכן זיי זייער און אז דער שליח פארזיכערט זיי, אז מיט זיינע אויערן האט ער געהערט און מיט זיינע אויגן געזען, גייען זיי שוין אליין אין שיל אריין געוואויר ווערן דעם גרויסן וואונדער.

אריינקומענדיק אין שיל אריין, זעענדיק די השראת השכינה, און הערנדיק די דברי תורה, וואס גייט ארויס פונם מויל פון אברהם אבאשל, זיינען זיי זייער נשתומם געווארן און ווי נאר ער האט פארענדיקט דעם דרויש איז צוגעגאנגען זיין פאטער, אים געקושט אויף זיין קאפ און געזאגט:

— אשרי, אז וואויל איז צו מיר, וואס איך האב זוכה געווען צו אזא זון. און זיין עלטערער ברודער, ר' מרדכי, האט אנגעהויבן וויינען און בעטן:

— ברודער, זיי מיר מוחל, פאר וואס איך האב דיך אזוי מבזה געווען און אויפגעהויבן מיין האנט אויף דיר!

האט ר' אברהם אבאשל זיך אנגערופן:

— ברודער מרדכי, איך דאנק דיר פאר דיין פאטש און פאר דיין מבזה מאכן מיך, ווייל ווען ניט דיין פאטשן מיך און דיין מבזה מאכן מיך וואלט איך נאך עד היום געבליבן אן עם הארץ און וואלט ניט זוכה געווען צו אט דער מדרגה, וואס איך האב דערגרייכט.

# ר׳ שמחה בונם פּערשיסכער און זיין מקורב ר׳ זלמן ז״ל

ר׳ שמחה בונם פּערשיסכער ז״ל האָט צווישן זיינע מקורבים געהאַט איינעם אַ מקורב, וואָס איז געווען זייער באַוואוסט מיט זיין גרויס פרומ־קייט און פרישות. ר׳ זלמן האָט ער געהייסן.

פלעגט ער, ר׳ זלמן, זיין אַ יושב בתענית משבת לשבת. און וויפל ער האָט פאַרמאָגט, האָט ער צוטיילט אויף אגרא דתעניתא, און אַז ס׳איז שוין ביי אים געווען כלתה פרוטה מן הכיס, האָט ער געזאָגט: ס׳איז ניט יושרדיק, אַז איך זאָל שלאָפן אויף אַ ווייכן געלעגער, אין דער צייט, ווען אַנדערע פעלט אוים אַ שטיקל ברויט. האָט ער צו ביסלעך אויספאַרקויפט זיין גאַנצע בעטגעוואַנט און האָט אוועקגעגעבן אויף צדקה.

האָט ער דערנאָך געזאָגט: ניט קיין יושר, אַז איך און מיינע בני בית זאָלן שלאָפן אויף אַ בעט אין אַ צייט ווען אַנדערע דאַרפן ברויט. און ער האָט פאַרקויפט די בעטן. אַז זיין ווייב האָט אים געשטעלט אַ פראַגע:

— זלמן, וואו וועט מען שלאָפן?

האָט ער ז״ל געענטפערט:

— אויף גאָטס ערד. געשמאַקער צו שלאָפן אויף גאָטס בעטל ווי אויפן סטאָליערס בעט.

דערנאָך האָט ער אויספאַרקויפט די בענק, דעם טיש און אַלע כלים פון שטוב און האָט אַלץ אוועקגעגעבן אויף צדקה.

האָט ר׳ שמחה בונם ז״ל אים אַמאָל פירגעהאַלטן:

— סטייטש, זלמן, די גמרא זאָגט בפירוש: „המבזבז, אל יבזבז יותר משליש" (דער וואָס שפּענדעט אויף צדקה, זאָל ניט שפּענדן מער ווי אַ דריטל פון זיין פאַרמעגן).

האָט ער, ר׳ זלמן, געענטפערט:

דאָס איז על פּי גמרא, על פּי דינא, אָבער, על פּי רחמי, על פּי מדות אנושית און על פּי תורת משה, איז „ואהבת לרעך כמוך". נו, ווען איך הונגער אויף א שטיקל ברויט, וואָלט איך דען ניט פארקויפט אלץ צו שטילן מיין הונגער. דאָס זעלבע דאַרף איך און בין מחויב צו טאָן פאַר מיין חבר.

האָט שוין ר' שמחה בונם געזען ביי אים, עד היכן הדברים מגיעין. האָט ער אים מער ניט געזאָגט גאָרניט און ר' זלמן איז געבליבן בעירום ובחוסר כל, קרועה ובלואה מיט א ליידיקער, צעבראָכענער שטוב. און דאָך איז ער געווען תמיד בשמחה. מעודו האָט ער קיין עצבות נישט געהאַט, ווייל עצבות ר"ל — פלעגט ער זאָגן — איז עבודה זרה. די מדה קוגם ס"מ. די קדושה איז רק שמחה. דער עיקר אידישקייט איז שמחה: עבדו את ד' בשמחה.

דער עיקר קומען פאַר גאָט איז נאָר מיט געזאַנג: באו לפניו ברננה. און אין תהלים געפינען מיר טאָקע אלע מאָל: „שירו לד'", „זמרו לד'", „לכו נרננה לד'". און ביי די געצנדינער שטייט בפרוש „עצבים" — טרויעריקע.

זיין קול נגינה ביים דאווענען און ביים לערנען איז געווען משיב נפש. האָט מען געהערט זיין קול נגינה ביי תורה אָדער ביי תפילה, האָט מען שוין ניט געקאָנט אוועקגיין, ביז ער האָט געענדיקט. מען האָט געקאָנט אָפּשטיין שעהן־ווייז, מען האָט פאַרגעסן אין הונגער און אין דורשט, און ס'איז ניט מעגלעך געווען זיך אָפּצורייסן פון אָרט, וואו זיין קול האָט זיך געהערט. זיין קול האָט זיך צוזאַמענגעמישט מיטן קול שירה פון די מלאכים און א פרייד האָט זיך געטראָגן אין אלע עולמות. האָט די פרייד דערגרייכט אין היכל הזמרה, וואו דוד המלך זיצט ארומגערינגלט מיט די לויים, די משוררים. האָבן זיי אויפגעכאַפּט די קולות און די געזאַנגען און כביכול איז געווען דעמאָלט בבחינה שעתא דחדותא, און ווער ס'האָט דעמאָלט מתפלל געווען צו השי"ת, איז זיין תפלה אָנגענומען געוואָרן כתפלת דוד בן ישי. האָבן טאָקע צדיקים פון יענער צייט אויסגענוצט דעם שעת הכושר און מכוון געווען זייערע תפלות פונקט אין דער צייט ווען ר' זלמן האָט עוסק געווען אין תפלה אָדער אין למוד.

אזוי ווי אָבער זיינע תפלות זיינען געווען מיט כונות רק וועגן רוחניות און ער האָט די גשמיות קיינמאָל אויפן רעיון ניט גענומען, האָבן די צדיקי

הדור און זיין צייט שווער געקאָנט פּועל זיין אַ דבר גשמי. איז טאַקע דעמאָלט געווען דער אידישער מצב פּרנסה זייער בצמצום, דערפאַר אָבער האָט מען עוסק געווען אין יענער צייט אין אַ סך תורה און תפלה. און כאָטש די פרנסה איז געווען בצמצום ובדוחק גדול, איז נאָך פון דער צייט פון דוד המלך אָן נאָך ניט געווען אזוי פיל שמחה און געזאַנג, ווי אין יענעם דור.

מען האָט ארומגעשוועבט אין אַן אויר פון פרייד און פון זמרה.

האָבן אַלע צדיקים פון יענער צייט מקנא געווען ר' שמחה בונמן, וואָס ס'איז ארייגעפאַלן אין זיין גורל אַזאַ מקורב, אַזאַ חסיד און זיי פלעגן אים אָפט זאָגן: „אשריך, ר' שמחה בונים, שזכית למקרוב שכמותו".

האָט ר' שמחה בונם געוואָלט אים, ר' זלמנן, מיט עפּעס באַהילפיק זיין און אים אויסבעסערן זיין מעמד פרנסה, האָט ר' זלמן באין אופן ניט געוואָלט, און האָט געענטפערט: ווען דער רצון הבורא זאָל זיין, איך זאָל לעבן אַ רייכער לעבן, וואָלט ער אַליין מידו הרחבה, המלאה, הפתוחה, מיר געגעבן אַלעס בהרחבה, ניט דורכן רבינס האַנט.

האָט מען אַמאָל איבערגעגעבן ר' שמחה בונמן ז"ל, אַז ר' זלמן זיצט אויף דער הוילער ערד, קרועה ובלואה און ס'איז אַ סכנה, ער זאָל זיך מיט זיין גאַנצן בני בית פאַרקילן, ווי דער הייליקער תנא זאָגט: אַלעס איז אין גאָטס הענט, חוץ פון קעלט און היץ.

האָט ר' שמחה בונים זיך מישב געווען וואָס צו טאָן און האָט אריינ־באַפוילן אינם שטעטל, וואו יענער מקורב וואוינט, אַז ער וויל קומען אהינצו אין שטעטל אויף שבת, נאָר באופן, ער זאָל האָבן אכסניה ביי זיין מקורב ר' זלמן אין הויז, על מנת כן, וועט ער קומען, אַנדערש ניט.

איז אין יענעם שטעטל געווען אַ גרויסע שמחה. אַ קלייניקייט! האָבן דעם פערשיסכער צדיק ביי זיך אין שטעטל אויף אַ שבת! האָט מען גערופן אַן אסיפה און מען האָט געזאַמלט געלט, האָט מען ראשית כל צורעכט געמאַכט ר' זלמנס שטוב, זי אויסגעווייסט, געלייגט אַ דיל, איינגעקויפט מעבל, כלים. אַלעס, וואָס עס פעלט אויס אין שטוב, און ר' שמחה בונם האָט אַליין אויך צוגעשיקט אַ סכום געלט, מען זאָל איינקויפן צו ר' זלמנען אין שטוב אַלץ וואָס עס פעלט פאַר זיין גאַנצן בני בית. האָט מען גע־קויפט בעטן, בעטגעוואַנט, און מ'האָט צונויפגעשטעלט די שטוב-כלים מיט אַלע הצטרכות ביד רחבה. און ר' זלמן האָט גאָרניט מרגיש געווען,

אז דאָס איז פון זיינעט וועגן, רק פון זיין רבין ר' שמחה בונם פערשיס־בערס וועגן. איז ער גאַר ציפרידן געווען פון דעם.

ווען ר' שמחה בונם איז געקומען און מ'איז אים ארויסגעפאָרן אקעגן מקבל פנים זיין, האָט ער זיך אָנגערופן צו ר' זלמנען.

— זלמן, ס'איז פאַר מיר א פחיתת הכבוד, זאָלסט זיצן בקרבתי מיט אזעלכע צעריסענע מלבושים. א תלמיד חכם טאָר ניט גיין בבגדים מטולאים. נא, טו דיר אָן אויף שבת מיין מלבוש. איך האָב איינעם אָן איבעריקן סיי ווי, און ווייס, אז אין מסרבין. האָט ר' זלמן גענומען ביי אים דעם שבתדיקן בגד און אָנגעטאָן. וויל ער, דער פשיסכער ז"ל, אים אויך געבן א פוטערנעם, וואַרימען מלבוש, ווייל ס'איז געווען ווינטער, א פראָכט.

האָט ער שוין ניט געוואָלט נעמען און געזאָגט:

— רבי, שוין צופיל. איך בעט אייך, לאָזט מיך שוין צורו. איך וועל שוין סיי ווי האָבן א נכיון פון מיינע זכיות בעולם הבא.

נאָך שבת, ווען ר' שמחה בונם האָט זיך אָפגעזעגנט צוריק אהיים צו פאָרן קיין פערשיסכע, האָט ער זיך אָנגערופן צו ר' זלמנען:

— הער זלמן, די אלע שטוב־כלים, וואָס געפינען זיך ביי דיר אין שטוב, זיינען מיינע: האָסט ניט קיין רשות, ניט צו פארקויפן זיי און ניט אוועקצוגעבן קיינעם במתנה. און איך בעט דיך, אז דו זאָלסט זיין מיין שומר, מיר אלעם אָפהיטן, און פאַר שכר טרחה, זאָלסטו מיט דיין בני בית משתמש זיין מיט אלעם, וואָס געפינט זיך דאָ ביי דיר אין שטוב. איר זאָלט שלאָפן אויף די בעטן, זיצן אויף די בענקלעך, נוצן דעם טיש, די קיך-כלים, אלץ. וועסטו זיין א שומר שכר, און ביסט מחויב פאַר אבידה און גנבה.

נייט ר' זלמן צוזאמען מיט נאָך מקורבים באַגלייטן ר' שמחה בונמען מחוץ לעיר. די פור פאָרט דערווייל לאנגזאַם און זיי גייען צופוס און דער פשיסכער ז"ל איז זיי מוסר סתרי תורה און דעם סוד פונם שם, וואָס גייט אַרוים פונם פסוק: „כי מלאכיו יצוה לך לשמרך בכל דרכיך". ווען מ'איז שוין געווען מחוץ לעיר און ר' שמחה בונם האָט זיך באַדאַרפט אויפזעצן אויפן וואָגן, האָט ער אויסגעטאָן פון זיך דעם פוטערנעם טולופ און איבערגעגעבן ר' זלמנען זאָגנדיק אים:

— נאָ, האַלט מיר דעם טולופּ, וועט מיר זיין גרינגער ארויפצוגיין אויפן וואָגן.

האָט אים ר׳ זלמן גענומען און ער ז״ל איז ארויפגעקראָכן אויפן וואָגן.

ווי ר׳ זלמן איז צוריקגעבן דעם טולופּ, רופט ער זיך אָן צו אים:

— זלמן סערדצע, אַנו, פּרואַוו נאָר אָנמעסטן אַ רבנישן מלבוש, לאָמיר זען ווי אַזוי עס פּאַסט דיר?

האָט ר׳ זלמן אים צוליב געטאָן און אים אָנגעטאָן. האָט ר׳ שמחה בונם ז״ל זיך געווענדעט צו די איבעריקע באַגלייטערס און האָט זיי גע-זאָגט:

— אַנו, זעט נאָר, ווי עס פּאַסט זלמנען אַ „איצטלא דרבנן" און ער האָט אַ וואונק געגעבן דעם בעל־עגלה ער זאָל אַ טרייב טאָן די פערד און איז אוועקגעפאָרן און ר׳ זלמן איז געבליבן אָנגעטאָן מיטן פוטערנעם טולופּ.

יענץ יאָר איז ר׳ זלמן אויפגענומען געוואָרן פאַר רב אין יענעם שטעטל.

קיין דהקות האָט ער מיט זיין בני בית שוין מער ניט געליטן.

אָבער הפסקות האָט ער ניט אויפגעהערט צו פאַסטן כל ימי חייו.

און עגרא דתעניתא האָט ער ניט אויפגעהערט צו צאָלן.

זכותו יגן עלינו.

# ר׳ שלום בעלזער זצ״ל

כידוע, האבן נאכן הסתלקות פון ר׳ אורילע סטרעלסקער ז״ל א רוב פון זיינע חסידים אנערקענט פאר זייער רבין ר׳ שלום בעלזער, וועלכער איז געוועזן א תלמיד מובהק פון נפטר ז״ל. ר׳ אורילעס בן יחיד, ר׳ אייזיק ז״ל, האט ניט געהאט קיין שום התמנות, און ער אליין איז אויך געפארן קיין בעלז צו ר׳ שלומען.

איז ר׳ אייזיק געווען א עני ואביון און פון א קלייטל, וואס ער האט פארמאגט, האט ער זיך מפרנס געווען מיט זיין בני בית בדוחק גדול. דאך האט ער זיך פאר קיינעם ניט באקלאגט על דהקו, און ער האט מקבל באהבה געווען דאס דחקות. פארט ר׳ אורילעס זון!

נאר ווען זיין בתולה איז שוין געווארן א בוגרות און ער האט קיין שום מוצא ניט געהאט, ווי אזוי צו קומען מיט איר צו א שידוך הגון, ווי עס פאסט פאר ר׳ אורילעס זון; ווייל אויסער דעם, וואס ער האט ניט פארמאגט איר צו געבן ניט קיין נדן און ניט אויף חתונה הוצאות, איז זי פשוט געגאנגען קרועה ובלואה, ס׳איז שוין געווע: באו מים עד נפש, — איז ער געפארן צו ר׳ שלומען און זיך באקלאגט אויף זיין שטאנד.

האט ר׳ שלום ז״ל אויסגעהערט און אים גאר ניט געענטפערט דערויף.

האט ר׳ אייזיק פארשטאנען, אז ווי באלד ר׳ שלום ענטפערט אים גארניט, מסתמא איז אזוי דער רצון הבורא, פארט ער צוריק אהיים בידים רקנית און האפט צו הש״ית אז ער וועט אים העלפן.

גייט אוועק נאך א שטיקל צייט, די יארן רוקן זיך אלץ ווייטער און די בוגרות האט שוין אונטער זיך נאך א בוגרות, שוין צוויי בוגרותן.

מילא, פארט ר׳ אורילעס א זון און דערצי א מאנסביל, האט ער בטחון אין הש״ית, אז מסתמא מוז אזוי זיין. עס ווערט אים אבער אין שטיב אומהיימלעך צו קוקן ווי זיינע בוגרותן זיצן יומם ולילה מיט פאר־ וויינטע אויגן און זיין ווייב דערמאנט אים אלע מאל: נו, וואו זיינען דיינע זכות אבות?

איז ער זיך גאָר מישב און גייט אוועק אין בית המדרש אריין, עפנט אויף א גמרא און פארטיפט זיך און פארגעסט אין דער גאנצער זינדיקער וועלט אין דער גאנצען הבלי עולם הזה. דאָרטן, אין בית המדרש, שוועבט ער אין א העכערער וועלט, אין אן אין־סוף־וועלט, אין א וועלט, שכלו טוב. איז אים גוט און וואויל. אָבער זי, זיין ווייב, פאַרט א אידענע, אין בית מדרש אריין לערנען גייט זי דאָך ניט, זיצט זי תמיד מיט פארוויינטע אויגן און איז תמיד פול מיט תרעומות אויפן רבונו של עולם, אויף איר ביטער מזל. און ווען ער קומט אין אוונט אהיים נעכטיקן, הויבט זי אָן מיט אירע טענות צו אים:

— ר' אורילע סטרעלסקערס זון, וואו זיינען דיינע זכות אבות? קוק, ווי אונזערע טעכטער גייען איין, א רחמנות צו קוקן אויף זיי. וואָס פאַר א טאטע ביסטו! א שטיינערן הארץ ביי דיר!

איינזעענדיק, אז זי גיט אים ניט קיין רו איז ער זיך גאָר מישב און בלייבט אין בית המדרש נעכטיקן. זעען אידן, ווי ר' אייזיק זיצט א גאנצן טאָג אין בית המדרש און זיי דערקענען, ווי אין זיינע אויגן ברענט דער הונגער, רופט אים דער אויף אן אנבייסן, אן אנדערער אויף וועטשערע.

אז זיין ווייב זעט, אז ער קומט שוין גאָר אינגאנצן ניט אהיים, איז זי זיך מישב, נעמט זיך אָן מיט מוט, און גייט צו אים אין בית המדרש און מאַכט קולי־קולות מיט אירע געוויינלעכע טענות:

— ר' אורילעס זון! וואו זיינען דיינע זכות אבות? ביז וואנען וועלן זיצן אונזערע טעכטער? ביזן גראָען צאָפּ, ח"וש? איך וועל דיך ניט לאָזן דאווענען און לערנען, ביז דו וועסט ניט באַקומען קיין חתנים פאַר אונזערע קינדער.

זעט ער, ר' אייזיק, עד היכן הרברים מגיעים. זי, זיין פלונית, טרעפט שוין צו אים אויך אין בית המדרש. פאַרט ער קיין בעלז צו ר' שלומען און דער־ציילט פאַר אים אויס זיין ביטער הארץ. זאָגט אים ר' שלום:

— ר' אייזיק, האַלט דאָ שבת, וועלן מיר זען אַן עצה.

דערהערט אזעלכע דבורים, איז ער זיכער, ר' אייזיק, אז ער וועט שוין געהאָלפן ווערן, בעיזר ד" און בלייבט אויף שבת. זונטיק אינדערפרי זאָגט צו אים ר' שלום:

— ר' אייזיק, פאָרט קיין בערדיטשעוו און דערפרעגט זיך צו דעם און דעם נגיר, וועט ער אייך געבן אויף נדן, הלבשה, חתונה־הוצאות, אַלע

וואָס דאַרף מוציא זיין אויף צוויי טעכטער בהרחבה, ווי עס איז דער כבוד פון ר' אורילע סטרעלסקער קינדער. און אויסשטרעקנדיק די האַנט מיט אַ רובל אויף הוצאות, האָט ער אים געזאָגט: פאָרט לחיים ולשלום וד" יצליח את דרכך.

פאָרט ער, ר' אייזיק, קיין בערדיטשעוו און ער דערפרעגט זיך צום גביר און ווי נאָר דער גביר דערזעט אים, דערפרייט ער זיך זייער, גיט אים אַ ברייטן שלום עליכם, פראַוועט צוליב זיין כבוד אַ גרויסע סעודה און פרעגט אים:

— ר' אייזיק, זאָגט מיר, וויפל דאַרפט איר, איר זאָלט קאָנען חתונה מאַכן אייערע טעכטער בהרחבה? נדן, הלבשה, מתנות דעם חתן, חתונה הוצאות. אָבער בהרחבה זאָג איך אייך, ווי עס פאַסט פאַרן שרפ"ס אייניקלעך. מאַכט אַ חשבון צדק, ועינך אל תחוס ברוך השם, איך פאַרמאָג געניג.

ר' אייזיק איז געבליבן שטיין פאַרוואונדערט: ערשטנס, פונוואַנען קאָן ער אים, דער גביר! ער האָט אים קיינמאָל פאַר זיינע אויגן ניט געזען! והשנית, וואָס ער וויל פאַר זיינעטוועגן אַזויפיל מפזר זיין. שטייט ער אין קוקט אים אָן מיט גרויס וואונדערונג און רירט זיך ניט פון אָרט. רופט זיך אָן דער גביר:

— מילא, איך זע אַז איר זענט אַ בישן, וועל איך אַליין מאַכן אַ חשבון, כדומה למשל, איך זאָל דאַרפן אַ שידוך טאָן מיט מיין טאָכטער, וואָלט איך דאָך בודאי געגעבן נדן כך וכך אלפים, איך בין דאָך אַן עושר גדול, בפרט ר' אורילעס זון דאַרף געבן כפלים, ווייל ער איז דאָך מער מיוחס פון מיר. און אַז מען גיט כך וכך אלפים נדן, פאַסט שוין ניט צו געבן קיין קליינע מתנה, מוז מען געבן אַ מתנה כך וכך, דערנאָך הלבשה, חתונה הוצאות, און זיך מיטן ווייב מיט די איבעריקע קינדער מוז מען דאָך אויך באַקליידן מיט מלבושי כבוד. וכולי וכולי. בקצור, ער האָט געמאַכט אַ חשבון אין אַ סכום פון אַ סך טויזנטער און איז זאָפּ טאַקע תיכף ומיד צוגעגאַנגען צום טישעסטל, ארויסגענומען דעם סכום טויזנטער און עס דערלאַנגט ר' אייזיקן אין דער האַנט אריין, וועלכער איז נאָך אַלץ געשטאַנען פאַרוואונדערט.

האָט דער גביר געזען זיין גרויסע פאַרוואונדערונג, האָט ער אים געזאָגט:

— זיצט ר' אייזיק, וועל איך אייך דערציילן און מפורש זיין אייער גאנצן וואונדער.

ר' אייזיק האט זיך אװעקגעזעצט און דער גביר האט אנגעהויבן דערציילן:

— איר געדענקט מיך ניט, וואס? איר זענט נאך געוועזן גאר א קינד, ווען איך בין געפארן צו אייער טאטן זכותו יגן עלינו, און געבעטן ביי אים ער זאל מתפלל זיין פאר מיר, איך זאל נפקד ווערן מיט א קינד. ווייל איך בין פיל יארן נאך מיין חתונה געוועזן אן עקר. האט אייער פאטער מיך געבענטשט און איך בין נפקד געווארן מיט א טאכטער. מיין טאכטער איז געוואקסן שיין און קלוג און איך מיט מיין פלונית האבן יעדן טאג געדאנקט און געליבט צו השי"ת פאר דעם חסד וואס ער האט געטאן מיט אונז. ווען אונזער טאכטער אבער איז גרויס געווארן איז אונזער פרייד פארקערט געווארן אין א טרויער ר"ל, זי איז משוגע געווארן. אייער פאטער איז שוין ניט געווען בחיים חיותו, און מיר, איך מיט מיין ווייב, האבן גרויס צער געליטן און מיר האבן ניט געוואלט אז עמיצער זאל דערפון וויסן, האבן מיר זי איינגעשפארט אין א באזונדער צימער און איר דורך א לאך פון א פענצטערל אריינדערלאנגט עסן און טרינקען. אזוי האבן מיר זיך צוגעוואוינט צו אונזער ביטער מזל. ביז צוריק מיט עטלעכע טעג, פרייטיק איז דאס געווען, רופט זי מיך צו און זאגט רואיק: טאטע, קום נאר אהער, איך וויל דיר עפעס זאגן. דער טאן פונם צורוף איז געווען אזוי רואיק, אז איך האב געמיינט, אז זי איז שוין אויסגעהיילט געווארן און די הילף איז שוין געקומען. גיי איך צו, נעמט זי און שפייט מיר אן א פול פנים, האב איך געהאט דערפון גרויס עגמת נפש און האב מיך שטארק צעוויינט. און אזוי וויינענדיק בין איך אנטשלאפן געווארן. חלומט זיך מיר, אז איך בין אין די הויכע היכלות און זע אויף א גאלדענער שטול זיצט אייער פאטער מיט א קרוין אויפן קאפ. לויף איך צו מיט א געוויין צו אים און שריי אויס: — רבי, איך בין אזוי באטריבט! אייער ברכה איז מקוים געווארן מיט א קללה! מיין טאכטער איז ר"ל א יצאה מדעתה, זייט מתפלל! האט אייער פאטער מיר געענטפערט: — אזוי ווי איך בין שוין לאנג דערווייטערט פון דעם עולם השפל און האב שוין דארטן קיין שום שייכות ניט, קאן איך דיר גארניט העלפן, נאר אט באלד וועט קומען מיין תלמיד מובהק ר' שלום, מקבל שבת זיין אין מיין היכל, אזוי ווי ער

איז נאָך אינם עולם השפל, קאָן ער דיר א טובה טאָן.

אזוי ווי איך שטיי, הער איך א געשריי: „פנו מקום"! איך גיב א קוק, גייט ער, ר' שלום בעלזער, און איידער ער וויל אנהויבן מתפלל צו זיין, זאָגט אים אייער פאָטער: שלום, טו א טובה דעם אידן, ער האָט א בקשה צו דיר. גיי איך צו און צעוויין מיך אויף א קול און דערצייל אוים מיין אומגליק. זאָגט ער מיר, ר' שלום: שוטה, מען טאָר ניט וויינען שבת! שבת היא מליזק ורפואה קרובה לבא, נאָר זאָלסט גיבן כל הצטרכות החתונה צו ר' אייזיקן, דעם רבין ר' אורילעס זון, פאָר זיינע צוויי טעכ־טער וועגן. נאָר ביד רחבה, זאָגסט צו? — יאָ. — האָב איך געענטפערט. אָבער איך קאָן אים ניט, ר' אייזיקן. ער איז נאָך גאָר א קינד געוועזן, ווען איך האָב עולה געוועזן קיין סטרעלסק פאָרן לעבן פונם רבין ר' אורילע.

האָט ר' אורילע זיך אָנגערופן: איך קאָן דיר אים ווייזן, ער איז אויס־געקריצט על לוח לבי. און ער האָט אָפּגעדעקט זיין הארץ און מיר געוויזן אייער צורה.

ווען איך האָב מיך אויפגעכאַפּט, האָב איך געטראָפן מיין טאָכ־טער אויסגעהיילט אינגאנצן. געזונט און שטארק. ביי איר גאנצן שכל. און איך האָב ארויסגעקוקט בכליון עינים, איר זאָלט קומען צו מיר. און אזוי ווי איר זענט אריינגעקומען צו מיר, האָב איך באלד אייך דערקענט. לויט דער צורה, וועלכע איז חקוקה אויף אייער הייליקן פאָטערס הארץ. דערפאַר גיב איך אייך מיט שמחה ביד נדיבה. ס'איז ביי מיר א הייליקער חוב, וואָס איך בין אים מקיים מיט שמחה.

ר' אייזיק איז אהיימגעפאָרן מיט גרויס שמחה און הש"ית האָט אים באלד מזמין געווען שידוכים הגונים און ער האָט זיך אויסגעלעבט זיינע יאָרן אין נחת הן בגשמיות והן ברוחניות.

# ר׳ אורילע סטרעלסקער זצ״ל

ר׳ אורי סטרעלסקער ז״ל איז דערצויגן געוואָרן ביי זיין פאָטער אין א ליטוויש שטעטל אלס גרויסער מתנגד. ביי זיין פאָטער אין הויז האָט מען ניט געטאָרט מזכיר זיין דעם דרך החסידות.

זיין פאָטערס פרנסה איז געווען אַן איינפאָר-הויז. דאָרטן האָבן גע-האַט אכסניה די גרעסטע תלמידי חכמים פון אומגעגנט, וועלכע זיינען געווען גרויסע סוחרים אין אַלע אָרטן, בפרט שבת און יום טוב, האָבן אַלע געגעסן ביי איין טיש מיטן באַלעבאָס, ר׳ אורילעס פאָטער, און יעדער איינער האָט געדאַרפט זאָגן אַ מימרא פון אַ מסכת און דערנאָך האָט ער, דער באַלעבאָס, צוזאַמענגעבונדן אַלע מימראס מיט גרויס חריפות און געזאָגט אַ פּלפּול, אַ שאַרפן פּלפּול, וועלכער האָט זיי אַלעמען פאַר-וואונדערט. דערפאַר האָט ער באַקומען ביי זיי דעם נאָמען „סיני ועוקר הרים״. מיט גרויס אומגעדולד האָבן די סוחרים און תלמידי חכמים גע-וואַרט אויף אַ שעת הכושר, ווען זיי זאָלן קאָנען פאָרן אַהין אין יענער שטאָט, וואו ס׳וואוינט דער „סיני ועוקר הרים״ און הערן זיינע פּלפּולים. גרויסע לומדים פלעגן זאָגן אויף אים, אז ער האָט ניט פאַרגעסן די גאַנ-צע תורה וועלכע דער מלאך האָט מיט אים געלערנט במעי אמו. און אויב איינער פון די דורכרייזנדע האָט ניט געקאָנט זאָגן קיין מימרא ניט פון אַ מסכת און ניט פון תנ״ך, האָט ער אים געהייסן איבערגיין אויף אַ צווייטן טיש, קעגנאיבער.

— מיין טיש דאַרף זיין לויטער פאַר תלמידי חכמים — פלעגט ער זאָגן — עמי הארצים קאָנען הערן פון ווייטן. טאָמער איז אַמאָל פאַר-בלאָנדזשעט געוואָרן איינער אַ חסיד און האָט ביים טיש מזכיר געווען אַ צדיק, צי אַזוי דעם דרך החסידות צום גוטן, האָט ער יענעם חסיד ארויס-געטריבן פון שטוב מיט בזיונות און חרפות. האָבן שוין חסידים, וואָס ס׳איז זיי אויסגעקומען דורכצופאָרן יענע אָרט און האָבן דאָרטן אכסניה,

געוואוסט זיך צו היטן, ניט מוכר זיין, אז זיי זיינען פון דער כת החסידים און אָפט מאָל איז זיי אויסגעקומען צו זיין גרויסע סבלנים, הערן ביים טיש דברי גדופים אויף זייער רבין און זיי האָבן געמוזט שווייגן, מורא געהאַט אָנצורופן זיך מיט אַ וואָרט, זיי זאָלן ניט ווערן פאַרטריבן פונם טיש מיט גרויסע חרפות. פלעגן חסידים זוכן אויסצומיידן ניט דורכצופאָרן דורך יענעם שטעטל, ווייל דורכפאָרן דאָרטן און ניט האָבן קיין אכסניה ביים „סיני ועוקר הרים“, האָבן זיי ניט געקאָנט ביישטיין דעם נסיון. טאַקע אַ גרויסער מתנגד, אָבער פאָרט אַ תלמיד חכם, און דער חשק צו הערן זיין פּלפּול איז געווען גרויס. ר' אורילע, נאָך זייענדיק אַ קינד, האָט זיך גוט צוגעקוקט, ווי חסידים ווערן געטרודפט פון זיין פאָטערס טיש און ער האָט דערויף געהאַט תרעומות. נאָר ער האָט זיך געטראַכט: אז דער טאַטע טוט עס, מסתמא ווייסט ער, אז ער דאַרף אַזוי טאָן. אָבער טיף ביי זיך אין הארצן האָט ער ניט געקאָנט משלים זיין מיט זיין פאָטערס דרך, און אָפט איז אים געקומען במחשבה, אז דער פלפול פון זיין פאָטער מיט די אַלע תלמידי חכמים איז פאַר אים צו טרוקן און ער וואָלט געוואָלט אַמאָל זיך באַקענען נאָענט מיטן דרך החסידות.

האָט ער אָנגעהויבן ארומצוגיין פאַרטראַכט און זיך פאַרטיפט אין ספרי קבלה, האָט זיין פאָטער דאָס באַמערקט, ויחר אפו, האָט ער אים תחלת גוט אויסגעמוסרט, און ווען ער האָט געזען אז דער מוסר העלפט ניט, האָט ער מורא געהאַט טאָמער חו"ש גייט ער אַראָפּ פונם דרך הישר און פאַלט אריין אין דער „אמינה“ פונם „חסידות“. האָט ער זיך באַדעכנט אז „טוב תורה עם דרך ארץ, שיגיעת שניהם משכחת עון“, ס'איז גוט תורה מיט האַנדלען, ווייל די מי פוןביידן, מאַכט פאַרגעסן אַ זינד. האָט ער אים געגעבן עטלעכע מאות רובל און אים געזאָגט:

— מיין זון, נאַ דיר געלט און הויב אָן צו האַנדלען. אַ האַלבן טאָג וועסטו לערנען און אַ האַלבן טאָג וועסטו האַנדלען.

האָט ר' אורילע אַזוי געטאָן און האָט אַ האַלבן טאָג געלערנט און אַ האַלבן טאָג געהאַנדלט.

האָט אים זיין פאָטער געזאָגט:

— אורילע, דו ביסט מקיים: חציו לד' וחציו לכם, נאָר געדענק, מיין זון, אז מיט לכם, מיינט מען ניט נאָר דעם גוף, נאָר אויך די נשמה. זאָלסט תמיד זען אין דער מחשבה דעם „שויתי ד' לנגדי תמיד“. דער שם

„הויה" זאָל דיר שטיין אַקעגן דיינע אויגן ביי יעדער קניה און מכירה.

האָט ר' אורילע געלערנט און געהאַנדלט און ביים מסחר ווי ביים לערנען איז ער געווען דבוק אין אבודת ד'", און ער האָט אָנגעהויבן צו פאַרשטיין, אַז דינען גאָט קאָן מען ניט נאָר דורך תורה און תפילה, נייערט אויך דורך מסחר.

זיין חשק צו באַקענען זיך מיטן דרך החסידות איז געוואָרן גאָר גרויס, אָבער ער האָט כובש געווען זיין חשק און פאַר קיינעם ניט מזכיר געווען.

אין יענער צייט איז פאַרגעקומען אין בערדיטשעוו אַ גרויסער יער-לעבער יאריד, וואוהין ס'פלעגן פאָרן סוחרים מיט אַלערליי סחורות פון אַלע פנות העולם, איז ר' אורילע איינמאָל אויך געפאָרן מיט זיין סחורה אהין אויפן יאריד.

קומענדיק קיין בערדיטשעוו, האָט ער זיך באַרעכנט, אַז ער וועט גיין זיך באַקענען מיטן בערדיטשעווער רב, לוי יצחק און מיט זיין התנהגות.

אריינקומענדיק צום בערדיטשעווער רב אין הויז, איז ר' לוי יצחק געווען שטאַרק פאַרטיפט אין אַ גמרא און ווי ניט באַמערקט ר' אורילעס אריינקומען. שטייט ער אַזוי, ר' אורילע, און הערט זיך צו ווי ר' לוי יצחק לערנט: „אם הגנב מידה, אמאי חייב"? אַז דער גנב איז זיך מודה, פאַרוואָס איז ער חייב? נאָך אַמאָל: „אם הגנב מודה אמאי חייב"?... און אַזוי האָט ר' לוי יצחק איבערגעחזרט פיל מאָל די מימרא. האָט ר' אורילע געקלערט ביי זיך:

— וואָס חזרט ער איבער אַזוי פיל מאָל די מימרא? ס'איז דערויף ניטאָ קיין שום פירוש צו קלערן, ס'איז פשוט עברי מיט טייטש. נים אנדערש, נאָר זיין הבנה איז אַ שוואַכע און ער קען פשוט ניט תופס זיין די עברי מיט טייטש. טאַקע אַ רב, נאָר פאַרט אַ חסידישער רבי און ער האָט געגוג מאָל געהערט ביי זיין פאָטער אין הויז, אַז דער רוב חסידישע רבנים זיינען עמי הארצים. גייט ער, ר' אורילע, צו גלייך צום בערדי-טשעווער רב און זאָגט אים:

— רבי, וואָס קלערט איר ביי דעם מימרא? נישטאָ וואָס צו קלערן, ס'איז פשוט עברי מיט טייטש און מער ניט.

הויבט ר' לוי יצחק אויף זיינע אויגן, שטרעקט אים אויס די האַנט און זאָגט:

— קודם כל, נאט אייך שלום: שלום עליכם יונגערמאַן, מה שמך?

— עליכם שלום — האָט ער געענטפערט — מיין נאָמען איז אוריאל און מען רופט מיך אורי.

— אוריאל איז אַ נאָמען פון אַ מלאך, — האָט דער בערדיטשעווער אים געענטפערט — און אורי, אַיז מיין ליכט; אורה זו תורה, און פאַר וואָס זשע, יונגערמאַן, ווייסטו נישט קיין פשט אין דער מימרא? הער, איך וועל דיר זאָגן דעם פשט פון „אם הגנב מודה", אז דער גנב איז זיך מודה. אין דער בערדיטשעווער האָט אָנגעהויבן צו זאָגן דערויף אַ תורה פונם גוף מיט דער נשמה, ער האָט גערעדט פון זאכן, העומדים ברומו של העולם. ר' אורילע איז שטאַרק נתפעל געוואָרן פון דער טיפער תורה פון די רזי תורה, וואָס דער בערדיטשעווער רב האָט געזאָגט אויף דעם גרינגן שטיקל גמרא, וועלכעס איז בלויז — אין פראָסטן פשט — עברי מיט טייטש, און דער מח פונם יונגן ר' אורילע האָט באַלד תופס געווען דעם דרך החסידות, און ער האָט אויסגערופן:

— רבי, איך וויל בלייבן ביי אייך, מקבל זיין דאָ די תורה, וועלכע איך האָב זי ביי מיין טאַטנס טיש נישט געקאָנט מקבל זיין! נעמט מיך צו צו אייך פאַר אַ תלמיד!

האָט דער בערדיטשעווער ז"ל געענטפערט:

— איך נעם דיך צו פאַר מיין תלמיד על מנת זאָלסט זיין מאוכלי שלחני און איך האָף, אַז בעזר ד' וועסטו גיך ווערן אַ ראש ומנהיג לישראל.

ר' אורילע האָט אָפּגעשיקט די גאַנצע סחורה אהיים און געשריבן צו זיין פאָטער, אַז ער מוז בלייבן דאָ אין בערדיטשעוו, מקבל צו זיין די סתרי תורה פונם רבן, ווייל ער האָט נאָך אַזעלכעס נישט געהערט א. א. וו. א. אַ. וו.

ווען זיין פאָטער האָט איבערגעלייענט דעם בריוו, אַז זיין זון איז געבליבן הערן תורה ביי אַ חסידישן רבין, האָט ער געריסן קריעה, געיאָמערט און געוויינט און געזאָגט צו זיין ווייב, וועלכע האָט זיך גאָרניט געוואָלט טרייסטן: „ד" נתן וד" לקח, יהי שם ד" מבורך". געבליבן איז ביי אים נאָך איין זון, אַ יינגערער ברודער פון ר' אורילען, וועלכער איז געווען זייער אַ גרויסער למדן אין פון גאַנצן אומגעגנט זיינען די גרעסטע ליטווישע רבנים געקומען צו אים זיך מתוכח זיין אין אַ דבר הלכה, ביי אַ היתר עגונה צי אַזוי אַ שווערע שאלה, האָט מען זיך געווענדעט צו אים

איז ער איז געווען דער פּוסק האחרון. האָבן זיך די עלטערן געטרייסט מיט זייער יונגסטן זון און אים גערופן „אונזער בן יחיד". ר' אורילען האָבן זיי אינגאַנצן אויסגעמעקט אַלס קינד, טאַקע אַ תּלמיד חכם, אַ סיני ועוקר הרים, נאָר פאָרט אַ ליטוואַק, אַ מתנגד. האָט ר' אורילע געהאַט גרוים צער דערפון. האָט אים דער בערדיטשעווער געטרייסט און געזאָגט:

— אורילע, זאָרג ניט, דאָרטן פון אויבן, לאחר מאה שנה, וועט דיך דיין טאַטע-מאַמע צוריק מקרב זיין. זיי וועלן זיך דאָרטן באַשיצן אונטער דיינע פליגל און דעמאָלט וועלן זיי זיך באַרימען מיט דיר. האָט זיך ר' אורילע געטרייסט.

מאַכט זיך אַמאָל, אַז ר' מאָטעלע טשערנאָבעלער ז"ל פאָרט אַרום זאַמלען פּאַר אַ פדיון שבוים און פאַרפאָרט אין דעם שטעטל, וואו ר' אורילעס פאָטער האָט געוואוינט, פּונקט פריימיק נאָך חצות. אונטער דעם שטעטל האָט ר' מאָטעלע אויסגעטאָן דאָס שטריימל און אָנגעטאָן אַ היטל און איבערגעביטן זיינע רבנישע מלבושים, געזען אַז מען זאָל אים ניט דערקאָנען אַלס רבי, אָדער אַזוי פון די חסידים, וועלכע מ'האָט אין יענעם שטעטל ניט סובל געווען און גערודפט עד חרמה.

אריינגעפאָרן אין שטעטל, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט אין מיטן מאַרק און געפרעגט ביי די עוברים ושבים, וואו ס'געפינט זיך אַן אכסניה צו האַלטן שבת, נאָר ביי אַ אידן אַ תּלמיד חכם, כדי צו קאָנען שבת ביים טיש פאַרברענגען אין דברי תורה. זאָגט מען אים, אַז די איינציקע אכסניה, אין וועלכער ער קאָן פאַרברענגען איז דברי תורה, איז נאָר דאָרטן, און מען צייגט אים ר' אורילעס פאָטערס הויז. נאָר איצט איז דאָרטן אַ גרויסער אומגליק געשען. זיין בן יחיד איז מסוכן שלאַף. און מען דערציילט אים, ר' מאָטעלען, דאָס חריפות אין למדות פונם יונגנמאַן.

קלערט ער, ר' מאָטעלע ז"ל, וואָס צו טאָן און דאָ איז שוין פרייטיק נאָך חצות, פאַרפאָרט ער פאָרט אַהין, צו ר' אורילעס פאָטער. מ'האָט אים מיט זיין מענטשן (משמש) אָנגעוויזן אַ צימער, זיי האָבן אויף גיך זיך איבערגעטאָן אין בגדי שבת, ר' מאָטעלע האָט אָפּגעבענטשט ליכט און זיי זיינען אַוועק אין שול דאַווענען. אינדרויסן, גייענדיק אין שול אריין, האָט ער ז"ל, זיך דערפרעגט, אין וועלכער שול דער בעל אכסניה דאַוונט, איז ער אויך אַהין געגאַנגען דאַווענען.

כ'איז נאָך געווען פרי, קיינער אויסערן שמש איז נאָך אין שול ניט

געזיזען. האָט ער דערווייל געזאָגט שיר השירים, מעביר סדרה געווען, ביז דער עילם האָט אָנגעהויבן צונויפזאַמלען זיך.

ר׳ מאָטעלע האָט גענומען חוקר ודורש זיין דעם מצב פון דעם בעל אכסניאם זון, איז ער געוואויר געוואָרן, אַז ער איז אַ נוטה למות ר״ל און פונקט צו שקיעת החמה איז ער געשטאָרבן.

איז געווען צווישן גאַנצן עולם אַ גרויסע יללה, מען האָט כמעט פאַר־געסן אַז מען דאַרף דאַווענען, אַז ס׳איז שבת.

און ר׳ מאָטעלע האָט געהאַט גרוים עגמת נפש, וואָס ער איז געקומען אין דעם שטעטל שבת האַלטן און נאָך אין דער שטוב האָבן אכסניא. אָבער, אַ ברירה האָט ער געהאַט? ער האָט מאמין געווען באמונה שלמה, אַז מד״ מצעדי גבר כוננו.

פּלוצים קומט אַריין דער בעל אכסניא אַליין דאַווענען, אָנגעטאָן אין בגדי שבת, ווי תמיד, און גיט אַ געשריי: — אידן, וואָס איז פאַר אַ גע־וויין, ס׳איז דאָך שבת! שבת קודש! זאָל מען דאַווענען.

דער חזן איז צוגעגאַנגען דאַווענען און ער, דער בעל אכסניא, האָט געדאַוונט מיט אַ התלהבות, גלייך ווי ס׳וואָלט גאָרניט פּאַסירט. האַלטן שבת ביי אַ אידן אַזאַ בעל מדרגה איז ר׳ מאָטעלען זייער געפעלן. נאָכן דאַווענען האָט ער מיטגערופן ר׳ מאָטעלען, זיין משמש, נאָך אַ פּאָר אורחים, וועלכע האָבן ביי אים שבת געהאַלטן. קומענדיק אַהיים, האָבן זיי אויך די בעל הביתטע געטראָפן באַרואיקט. זיי האָבן געזאָגט שלום עליכם, געמאַכט קדוש, אַלץ האָט דער בעל הבית געזאָגט מיט שמחה וחדוה. ביים טיש כנהוג, האָט יעדער איינער געזאָגט אַ מימרא פון אַ מסכת, ר׳ מאָ־טעלע האָט אויך געזאָגט אַ מימרא פון דער מסכת, וועלכע ער האָט גע־האַלטן אין לערנען. דערנאָך האָט דער בעל אכסניא, מיט גרוים חריפות צונויפגעבונדן אַלע מימרות בהדי הדדי און ער האָט ממש עוקר הרים געווען, אַזאַ פּלפּול, אַז ר׳ מאָטעלע ז״ל האָט זיך אויסגעדריקט באַגייס־טערט: — „אילו לא באתי אלא לשמוע דבר זה, די״. און אַזוי איז אַוועק־געגאַנגען דער גאַנצער מעת לעת פון שבת מיט קדישה און שמחה. כלל ניט געווען צו דערקענען, צי ס׳האָט פּאַסירט אין יענער שטוב אַזאַ אומ־גליק. נפטר געוואָרן אַזאַ תלמיד חכם, אַ בן יחיד! פּאַרן בענטשן ביים שלש סעודות, האָט ער נאָך דעם הריפותדיקן פּלפּול זיך אויסגעדריקט: —

— איך בין אין לומדות כקליפת השום קענן מיין בן יחיד ז"ל, און א שטארקן זיפץ געטאן.

ווי נאר ס'איז נאכט געוואָרן, האָט ער אָנגעהויבן צו קלאָגן און יאָ־מערן אויסשרייענדיק אַלע מאָל: „בני, בני, מי יתן מותי אני תחתיך", און מיט אים האָט דאָס גאַנצע שטעטל מיטגעוויינט.

ווען מ'האָט דעם געשטאָרבענעם אָפּגעטאָן זיין רעכט, אים מקבר געווען און ס'איז שוין נסתם הגולל געוואָרן, האָט ער זיך אָפּגערופן צו זיין ווייב, וועלכע האָט זייער געוויינט און געחלשט: נו, מען טאָר ניט וויינען, ד' נתן וד' לקח. אָבער זי האָט זיך ניט געוואָלט טרייסטן, זי האָט אַלץ געוויינט און געיאָמערט, אַלע מאָל געבליבן חלשות. האָט ער, איר מאַן, זי נאָך אַמאָל געפּרואווט טרייסטן און בארואיקן. ווען ער האָט געזען אַז ס'העלפט ניט, זי וויל ניט מקבל תנחומין זיין, האָט ער אויסגעשריען בקול רם:

— הער מיין ווייב, אויב ס'איז באשערט געווען, ער זאָל זיין ווי זיין ברודער אורי, איז „ברוך המקום שהרגו!"

— אמן — האָט זיין ווייב געענטפערט, — זיך אויסגעווישט די טרערן און זיך באַלד געטרייסט.

ווען ר' מאָטעלע איז אַהיים געקומען, האָט ער דערציילט אָפּט די מעשה און האָט אויסגעפירט: מתנגדים, מיט אַזא תמימות ווי דער „סיני ועוקר הרים", ר' אורילעם פאָטער איז, וועלן לעתיד שטיין אויף איין מדרגה מיט די צדיקי יסודי עולם.

# דער בעש״ט ז״ל פאַר זיין התגלות

בידוע, איז דער בעש״ט ז״ל געווען בבחינת התכסוא „פאַרבאָרגן) אויך מלמעלה ביז אין עלטער פון צוואַנציק יאָר. ביז ער איז געוואָרן אַ בר-עונשין, האָט כביכול פאַרבאָרגן די גרויסע ליכטיקייט, וואָס האָט אַרויסגעשיינט פון זיין גרויסער נשמה, כדי ניט מטיל קנאה זיין צווישן די שרי מעלה און דער ס״מ זאָל ניט אָנהויבן צו לאַקערן אויף אים און אים ניט שטערן די גרויסע עבודה, וואָס איז געווען אָנגעוואָרפן אויף אים מימי ילודותו, צו מתקן זיין אַלע פגמות, וואָס זיינען נפגם געוואָרן אין אַלע עולמות פונם ערשטן חטא אָן, ווען דער נחש הקדמוני האָט מסבב געווען.

בלויז צו צוויי שרי מעלה האָט כביכול מגלה געווען די גרויסע ליכט פון ר׳ ישראל בעש״ט, דאָס זיינען: אליהו הנביא, דער אידישער מליץ טוב, וואָס איז תמיד אַ מלמד סנגוריא על ישראל און צום שר התורה.

און ער האָט זיי משביע געווען, אַז ביזן טאָג וואָס ער וועט ווערן אַ בר עונשין, ד. ה. ביז צו די צוואַנציק יאָר, וואָלן זיי פאַר קיינעם ניט מגלה זיין זיין גרויסקייט.

און פון צוואַנציק ביז זעקס און דרייסיק יאָר האָבן זיי רשות אים מפרסם מאַכן רק מלמעלה; מלמטה, אויפן עולם השפל, מוז ער בלייבן אין התכסות ביזן טאָג, ווען ער וועט אַלט ווערן ל״ו שנים, זעקס און דרייסיק יאָר, וויל דעמאָלט וועט ער שוין האָבן משיג געווען דעם סוד פון אַלע ל״ו נרות חנוכה, און ער וועט שוין קאָנען זאָגן „גירא בעיני דשטנא״, אַ פייל אין שטנס אויגן.

און כל זמן ער איז געווען אַ נסתר מלמעלה, האָט ער ניט געטאָרט הנאה האָבן פון עולם הזה, אפילו באצבעו הקטנה. ער האָט געמוזט סובל זיין אַלע יסורים פונם כלל ישראל.

און ווען ער איז שוין נתגלה געוואָרן מלמעלה און האָט געדאַרפט

אָפּטמאָל עומד מנסיון זיין, מלחמה צו האַלטן מיט די מקטרגים און משטינים פון דער רוימער מאַכט, דעם ס"מ מיט זיינע חילות, איז אים מתיר געוואָרן נהנה זיין אויך פון עולם הזה צו ביסלעך. דער היתר איז אים געגעבן געוואָרן ערב פסח, ווען ער איז אַלט געוואָרן צוואַנציק יאָר. ומעשה שהיה כך היה:

הגם דער הייליקער בעש"ט איז געווען געוואוינט צו לעבן אין דחקות, האָט ער און אויך די רביצין קיינמאָל ניט מתרעם געווען, און זיי האָבן אַלעס גענומען באהבה, איז אָבער יענץ יאָר געווען ביי זיי אַזאַ דחקות, ממש ניט איבערצוטראָגן.

זיי האָבן מחמת דחקות געמוזט פאַסטן הפסקות, פון ערב שבת ביז ערב שבת. זיי זיינען געגאַנגען קרועה ובלואה, אין שטוב איז געווען נאַס און קאַלט. ס'איז נאָך דעמאָלט דערצו געווען אַ זייער קאַלטער ווינטער. געוואוינט האָבן זיי אין אַ דאָרף און די פרנסה איז געווען פון שחטות. ער ז"ל פלעגט אַרומפאָרן מיט אַן אַלט צעבראָכן וועגעלע, מיט אַ פערד אַן אַלטס, אַ שוואַכס, מחמת ער האָט אים ניט געהאַט צו געבן קיין גענוג שפייז, און די אַרענדאַרעס האָבן אים דערפאַר באַצאָלט: וועד מיט אַ שטיק פלייש און וועד מיט אַביסל מעל, אָדער אַזוי אַ גאָרטן־שפייז.

יענעם ווינטער, מחמת די גרויסע פרעסט און מחמת ער ז"ל איז געגאַנגען אָנגעטאָן קרועה ובלואה, האָט ער ניט געקאָנט אַרויספאָרן מפתח ביתו. און ווען ער איז שוין יאָ אַמאָל אַרויסגעפאָרן, האָט דאָס פערדל קוים זיך געשלעפּט, אַזוי, אַז ס'איז אין משך פון העכער אַ מעת־לעת געווען קוים מעגלעך צו פאַרשלעפּן זיך אין נאָענט דערפל. דאָרטן האָט ער געמוזט אויסרוען דאָס פערדל צוויי טעג און דערנאָך זיך שלעפּן אהיים ווידער אַ מעת־לעת, אַזוי אַז ס'איז שוין צעדריי געוואָרן די גאַנצע וואָך. און דאָס פאַרדינסט האָט קוים געניגט אויף די דריי סעודות של שבת, יוצא צו זיין מיט אַ כזית ביי יעדער סעודה.

בסעודת מלוה מלכה האָבן זיי יוצא געווען מיט תורה־זאָגן. ער ז"ל פלעגט זי צורופן צום טיש און איר זאָגן:

— קום וועלן מיר מקיים זיין מלוה־מלכה.

האָט זי געגרייט צום טיש, אוועקגעלייגט דעם טישטוך, אוועקגע־שטעלט אַ טעלער, געלייגט אַ מעסער, אַ לעפל און זאַלץ. און ער ז"ל האָט זיך אָנגערופן:

— נו, דוד המלך ישראל, פון דיין כבוד וועגן וועלן מיר זאָגן תורה! און ער ז"ל, האָט געזאָגט תורה אויף דער סעודה פון דער וואָך, א נגלה תורה, וועלכע זי, די רביצין, האָט גוט פארשטאנען, די תורה האָט גע־דויערט א שעה צייט און אמאָל מער. און ווען ער האָט געענדיקט זאָגן די תורה, האָבן זיי ביידע צוזאַמען אויסגערופן בקול גדול:

„דא היא סעודתא דדוד המלך סדישא!

דוד מלך ישראל חי וקיים"!

אזוי האָבן זיי זיך אָפגעמוטשעט דעם גאַנצן ווינטער און חו"ש ניט מתרעם געווען, אלץ האָבן זיי מקבל באהבה געווען מיט שמחה און חדוה.

אָבער אז ס'איז אָנגעקומען נאָענט צו פסח, איז ארויפגעקומען א דאגה, די ערשטע דאגה פאַרן יאָר: — סטייטש וואו וועלן זיי נעמען מצות אויף פסח?

האָבן זיי זיך ביידע געחדושט: וואָס עפעס גאָר פלוצים דאגות?

האָט ער ז"ל זיך אָנגערופן:

— די פרעסט האָבן אָפּגעלאָזט, די קעלט איז גרינגער געוואָרן, וועל איך ארויספאָרן ארום דער סביבה אין די דערפער מיטן חלף, אולי וועט מיר השי"ת מזמין זיין מעל אויף מצות.

איז זי ארויסגעגאנגען און געהאָלפן איינשפאנען דאָס פערדל און ער איז אוועקגעפאָרן.

איז ער אין משך פון דער וואָך געווען אין עטלעכע דערפער, האָט געשאָכטן ביי די ארענדארעס און ער האָט זיי געבעטן, אים צו באַצאָלן מיט פּפּהדיקע מעל אויף צו באַקן מצית, געגנוג אויף אלע אכט טעג פסח.

פאָרט ער אהיים און פילט פאָרט ביי זיך אין הארצן א דאגה.

חדושט ער זיך ווידער:

— איך האָב שוין אויך מעל אויף מצות און פארוואָס דאגה איך נאָך אלץ? ווי קומט צו מיר בכלל דאגות?

פארשטייט ער שוין, אז דאָס איז א נסיון און ער וויל מבטל זיין די דאגות דורך אנדערע מחשבות און ער האָט זיך פארטחט אין רעיונות קדושים. פילט ער אז דאָס פערד איז געבליבן שטיין. קוקט ער זיך אום, זעט ער, אז ס'איז געבליבן שטיין אין א וואסער. וויל ער ז"ל געבן א קערעווע דאָס פערד און ארויספאָרן פון וואסער, גיט עס א קלאַפּ מיט די פיס אין וואסער, באשפריצט דאָס מעל און מאכט עס חמצדיק.

און נאָך אַ גאַנצע וואָך מאַטערניש, איז ער געקומען אַהיים אָן פּסח־דיק מעל. האָט מען דערפאַר אָבער געהאַט גענוג חלה אויף שבת, האָט מען געגעסן די סעודה שבת לשובע.

נאָך שבת, ס'איז געבליבן ס"ה איין וואָך צו פּסח, און די דאגה וועגן מצה אויף פּסח שטייט אויף איר אָרט. און דער בע"שט איז מרגיש אַז אין זיין לעבן וועט קומען אַ תמורה, עפּעס לאָקערט אויף אים און אַרום אים. שטאַרקט ער זיין האַרץ אין גאָט און שפּאַנט איין דאָס פערד און וועגעלע, איז בודק דעם חלף און פאָרט אַרויס אין די דערפער צו שחטן און ברענגען פאַרן געצאָלטס פּסחדיקע מעל אויף מצות.

און השי"ת איז געווען בעזרו. ער האָט אויף דעם צווייטן טאָג זיך צוריקגעקערט אַהיים און מיטגעפירט מיט זיך פּסחדיק מעל. גיט ער אַ שבח והודאה צו גאָט, פאַרן גרויסן חסד, וואָס ער האָט מיט אים געטאָן און אים באַשערט בנקל, גרינג, מעל אויף מצות. אָבער די דאגה פון זיין האַרצן גייט אַלץ נים אַוועק.

טראַכט ער:

דאגה בלב איש ישיחנה, וועט ער זיך אויסרעדן מיט הקב"ה און אים אַליין וועט ער טאַקע פרעגן: לדאגה מה זו עושה?

פּלוצים בלייבט דאָס פערד שטיין.

שלאָגט ער איבער זיינע מחשבותן און קוקט זיך אום מיט פּחד: צי שטייט נים דאָס פערד ווידער אַמאָל אין אַ וואַסער, חו"ש?

זעט ער, ווי דאָס פערד שטייט אַרויף אַ באַרג, און איז פּשוט מיד צו שלעפּן.

גייט ער אַראָפּ פונם וועגעלע און העלפט עם אונטערשטופּן באַרג אַרויף און ווען דאָס וועגעלע האָט שוין קוים באַלד דערגרייכט דעם שפּיץ באַרג, לייגט זיך אַוועק דאָס פערד אויף דער ערד און פגרט אַוועק.

בלייבט ער ז"ל שוין פאַרצווייפלט און ווייסט נים וואָס צו טאָן. ווי אַזוי זאָל ער ברענגען דאָס מעל אַהיים?

די צייט איז קורץ, דער פּסח ממשמש ובא.

גיבן אַ פלים אַרויס טרערן פון זיינע אויגן, ער צעוויינט זיך און אינמיטן וויינען איז ער אַנטשלאָפן געוואָרן.

קומט צו אים אליהו הנביא בחלום און זאָגט אים:

— זאָלסט וויסן, אַז מ'האָט צונויפגענומען אַלע דיינע דאגות און

דיין ווייבס דאגות, וואָס זיינען געווען אָנגעגרייט פאַר אייך לכל ימי חייכם און מען האָט זיי אייך אָפּגעגעבן אין איין מאָל. די טרערן, וואָס האָסט איצט פאַרגאָסן זיינען דיינע לעצטע טרערן. פון איצט אָן מעגסטו שוין הנאה האָבן אויך פון תענוג עולם הזה, און כל ימי חייכם וועסטו מיט זיין ווייב ניט וויסן פון קיין דאגות און פון טרערן.

האָט זיך דער בע"שט אויפגעכאַפּט און געזען שטיין לעבן זיך א גוי מיט א וואָגן געשפּאַנט אין צוויי פערד, און ער האָט זיך אַליין אָנגעבאָטן אים צו העלפן אהיים ברענגען דאָס וועגעלע מיט דעם מעל.

האָט ער קודם כל אָפּגעצויגן די פעל פונם פערד, האָט זי אַליין אוועקגעקויפט און געגעבן פאַר איר דעם בעש"ט א רובל, נאָכדעם האָט ער צונעבונדן דאָס וועגעלע צו זיין וואָגן און אָפּגעבראַכט אהיים.

האָט ער באַלד איבערגעגעבן זיין ווייב דאָס מעל מיטן רובל, האָט זי זיך אריבערגעכאַפּט אין שטעטל און אָפּגעבאַקן מצות.

און גייענדיק אַזוי באַגעגנט זי א גוי טראָגן צוויי פעל צום פאַרקויפן. קויפט זי זיי ביי אים און פאַרקויפט זיי איבער אין א גאַרבאַרניע און פאַרדינט צוויי רובל.

האָט זי פאַר דעם געלט אָנגעהאַנדלט בגדי יום טוב פאַר אים ז"ל און פאַר זיך און ס'איז איר נאָך געבליבן כוסות און כלים, וואָס האָבן איר אויסגעפעלט אויף פסח.

פאָרט זי אהיים בלב שמח: דאַנקען גאָט וואָס ער האָט איר אויף אַזוי־פיל געהאָלפן.

ווען זי איז אהיימגעקומען און האָט אים איבערגעגעבן פון דעם גליק, וואָס זי האָט אפילו אָנגעהאַנדלט נייע מלבושים לכבוד יום טוב און כוסות נייע, האָט ער ז"ל געגעבן א פרעג:

— נו, און כוסו של אליהו הנביא האָסטו אויך איינגעהאַנדלט?

בלייבט זי שטיין א רגע פאַרטראַכט און רופט זיך אָן:

— איך האָב גאָר פאַרגעסן, נאָר קיין דאגות דאַרף מען ווען דעם נים האָבן; אויב אליהון שטייט אָן צו האָבן דווקא א טייערן כוס, קאָן ער זיך מטריח זיין און אַליין ברענגען.

ווי נאָר זי האָט די ווערטער פון איר מויל אַרויסגעלאָזט, עפנט זיך די טיר און אליהו הנביא קומט אריין און זאָגט:

— האָסט געפּועלט! נאַ! — און האָט איר דערלאַנגט אַ שיינעם, זילבערנעם כּוס.

האָט זי זיך אָנגערופן:

— מען וועט מיר פון דעם עפּעס מנכּה זיין פון מיין חלק?

— ניין, — האָט אליהו הנביא געענטפערט — דאָס איז אַ מתּנה פון מיר. — און ער איז פאַרשוואונדן געוואָרן.

פון דעמאָלט אָן האָבן זיי שוין מער קיין דחקות אין פּרנסה ניט געליטן, און אַלע פּסח האָט דער כּוס פון אליהו הנביא באַשיינט דעם טיש פונם בע״שט.

און ער ז״ל פלעגט קוקן אַלע מאָל אויפן כּוס, שמייכלען און זאָגן:

— אין זכות פון מיינער, דער אשה כשרה.

# ר' מאָטעלע טשערנאָבעלער ז"ל

ביי ר' מאָטעלע טשערנאָבעלער ז"ל אין שטוב איז א צייט מיט יאָרן געווען א משרת, א לוקה בצרעת ר"ל, וועלכער פלעגט טאָן אַלע שווערע ארבעטן דאָרט, ווי: האַקן האָלץ, הייצן אין הרובע וכדומה.

קיינער האָט ניט געוואוסט, ווער ער איז און פון וואַנען ער איז.

ווען מען האָט אים אַליין, דעם משרת, אמאָל אָנגעהויבן פרעגן, ווער ער איז און פון וואַנען ער שטאַמט, איז ער שטיל געבליבן, זיך פאַרטראַכט א ווײַלע, טיף אָפּגעזיפצט און זיך אומגעקערט צו זיין שטוב־ארבעט, ניט ענטפערנדיק קיין וואָרט. דאָס איינציקע, וואָס מ'האָט געוואוסט ביי אים איז געווען זיין נאָמען. ער האָט געהייסן ישראל און ער איז געווען א למדן, כאָטש מען האָט אים קיינמאָל ניט געזען זיצן איבער א ספר און מען האָט אים קיינמאָל ניט געהערט רעדן פון לערנען. נאָר ווען ס'האָט עמי־צער געלערנט אָדער גערעדט פון לערנען, פלעגט ער אָפּשטעלן די ארבעט און אויפמערקזאַם צוגעהערט זיך. און אז מ'האָט גוט געזאָגט פשט, פלעגט ביי אים דאָס פּנים אָנהויבן צו לייכטן און מען האָט באַמערקט ביי אים א צופרידענעם שמייכל. פאַרקערט אָבער, אז ס'האָט עמיצער אין למוד ניט געזאָגט גוט דעם פשט, האָט מען באַלד באַמערקט ווי זיין פּנים ווערט פאַרוואָלקנט און ער האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ אויף ניין. האָט מען גענומען אים אָנהויבן איבערצופרעגן:

— ישראל, זאָג נאָר דו פשט אויף דער גמרא. אָדער: ישראל, טייטש איין דאָס שטיקל תוספות, צו מהר"שא. פלעגט ער גאָרניט ענטפערן, נאָר זיך אויסגעקערעוועט און אוועקגעגאַנגען צו זיין ארבעט, זיך געשטעלט האַקן האָלץ, צי איינהייצן די הרובע.

האָבן מקורבים געפרואווט חוקר ודורש זיין ביי ר' מאָטעלען אַליין וועגן אים, האָט ער ז"ל נאָר געענטפערט דערויף מיט א טיפן זיפץ און געשוויגן.

ביז איינמאל האבן מקורבים אנגעהויבן מעורר רחמים צו זיין אויף אים ביי ר' מאטעלען, ער זאל ישראלן אויסהיילן פון זיין צרעת. ס'איז א גאטס רחמנות צוצוקוקן זיך, ווי ער ליידט און ווערט געפלאגט פונם הולאת. זאל ער, ר' מאטעלע, מתפלל זיין פאר אים צו הש"ית. האט ר' מאטעלע ז"ל זיך אנגערופן:

— נו, ישראל, גענוג געליטן.

האט ישראל אוועקגעלייגט די ארבעט (ער האט געהאלטן אינמיטן איינהייצן די הרובע), איז צוגעגאנגען צו זיין געלעגער, זיך אוועקגעלייגט און ר' מאטעלע האט באלד געהייסן צוגרייטן די חברה ליוט תכריכים. איז מען צוגעגאנגען, א קוק געגעבן אויף ישראלן, ער איז טויט. האבן מקורבים געוועגדעט זייערע בליקן צו ר' מאטעלען ז"ל, מיט א פראגע־צייכן.

ר' מאטעלע האט גארניט געענטפערט דערויף. מ'האט אים געטאן זיין רעכט.

ר' מאטעלע איז נאכגעגאנגען נאך זיין לויה, און ווען ס'איז שוין נסתם הגילל געווען, האט ר' מאטעלע ז"ל ארויסגערופן פון צווישן זיינע מקורבים דריי אידן, די גרעסטע תלמידי חכמים אין טשערנאבעל, און האט זיי געזאגט:

הערט צו, איך וועל אייך דערציילן א מעשה:

כאטש מיין טאטע זצ"ל האט געהאט ביד אנצושארן אוצרות מיט גאלד, איז ער דאך געווען א גרויסער ארימאן. ער האט ניט געוואלט נהנה זיין פון עולם הזה אפילו באצבע קטנה. זיין גאנצע זארג איז געווען רק פארן כלל ישראל און פאר עולם הבא וועגן. האבן די בני בית געליטן גרויס דחקות און זיי האבן ניט געשטערט דעם טאטן זיין עבודה און האבן קיינמאל ניט מתרעם געווען קעגן גאט ברוך הוא.

איז געווען לעבן טשערנאבעל אין א שטעטל א גרויסער עושר, דערצו א גרויסער תלמיד חכם, ישראל האט ער געהייסן, איז ער אפט געקומען צום טאטן און איז געווארן איינער פון זיינע מקורבים. דער טאטע ז"ל איז געווען צופרידן פון ישראלס גרויס לומדות און איינמאל, ווען ישראל האט פארן טאטן איינגעטייטשט א קושיא המורה אין דער גמרא, און ער האט זייער גוט מתרץ געווען א תרתי דסתריה, האט דער טאטע ז"ל אויסגערופן:

— „רצה הקדוש ברוך הוא לזכות את ישראל, לפיכך הרבה לו תורה", גאָט האָט געוואָלט מזכה זיין ישראלן, דערום האָט ער אים געמערט **תורה.**

איז ישראל ביי זיך געוואָרן גדלותדיק. טאַקע א למדן, א חסיד, נאָר פּאַרט א גביר. איז זחה דעתו עליו, האָט ער אָנגעהויבן בעטן ביים טאַטן אין רשות, מען זאָל אים לאָזן זיי צו העלפן.

און ער האָט געהאָלפן א צייט אין שטוב בהרחבה מיט פרנסה.

ווען ס'איז אוועקגעגאַנגען א שטיק צייט, האָט ער מעיז געווען און געשיקט א שדכן צום טאַטן, ער זאָל זיך מיט אים משדך זיין. האָט דער טאַטע זצ"ל געענטפערט דעם שדכן: כל ימי האָב איך געהאָרעוועט אויף עולם הבא, זאָל איך איצט זיך משדך זיין מיט א גביר און דאַרטן אויף יענעם עולם זיך צונויפקומען מיט אים במחיצת אחת? ניין, איך קאָן דאָס ניט טאָן.

ווען דער שדכן האָט מוסר געווען די ווערטער דעם גביר, איז ער געוואָרן מלא חמה. טאַקע א חסיד, נאָר פּאַרט א גביר. ויחר אפו, האָט ער אָנגעהויבן רודפן דעם טאַטן זצ"ל. ער האָט אים פיל צער פאַרשאַפט. דער טאַטע אָבער האָט אַלעס אָנגענומען באהבה און האָט אים ניט געוואָלט מעניש זיין. טאַקע א גביר נאָר פּאַרט א תלמיד חכם.

דערווייל האָט מיין שוועסטער געדאַרפט גיין אמאָל טבילה האָבן. ווען דער גביר איז דאָס געוואויר געוואָרן, האָט ער געדונגען עטלעכע אנשי בליעל, אומאָראַלישע מענטשן, וועלכע האָבן געלאָקערט אויף איר און ווי נאָר זי איז אַרויס פון מרחץ, זיינען זיי נאָך איר נאָכגעלאָפן. זי איז אַנטלאָפן און זיי זיינען איר נאָכגעלאָפן דורך ענגע געסלעך, פול מיט בלאָטע און ליים. דער זכות פונם הייליקן טאַטן איז איר ביישטאַנען און זי האָט זיך אויסגעדרייט פון זייערע הענט און איז אַריינגעלאָפן אין שטוב אַריין מיד, דערשראָקן און איז געפאַלן חלשות.

ווען זי איז צו זיך געקומען און האָט דערציילט די פּאַסירונג, האָט מען אָנגעהויבן חוקר ודורש זיין און מ'איז געוואויר געוואָרן, אז דאָס שטעקט דעם גביר ישראלס האַנט דערביי. זעענדיק, עד היכן הדברים מגיעים, האָט דער טאַטע זצ"ל אָנגעהויבן מכון זיין כונות און ישראל דער גביר איז אין א קורצער צייט אַרום נעדר געוואָרן פון דעם עולם, גע־שטאָרבן.

קומט ער, ישראל דער גביר, אויפן עולם האמת און מען נעמט אים צום משפט. האט אים דער בית דין של מעלה געוואלט תיכף ומיד פסקנען צו גיין אין כף הקלע אריין. א קליינקייט: מצער זיין מיין טאטן זצ"ל! און נאך אפטאן אזא מעשה רשע מיט מיין שוועסטער!

איז אים אבער ביינעשטאנען זיין זכות התורה און די הילף וואס ער האט מפרנס געווען מיין טאטנס בני בית. האט מען געפסקנט, ער זאל גיין מפייס זיין מיין טאטן און ביי איס בעטן א מחילה. האט אים דער טאטע אויך אלעס מוחל געווען, אבער אויף דעם צער, וואס ער האט גורם געווען מיין שוועסטער, האט ער אים ניט געוואלט מוחל זיין. האט דער בית דין של מעלה ארויסגעגעבן אזא פסק דין:

— ער זאל נאך אמאל קומען אויף דעם עולם, זיין א גרויסער למדן, ער זאל זיך רופן מיטן זעלבן נאמען ישראל און ער זאל מתקן זיין די פגמות, וואס ער האט פונם געווען אין יענעם גלגול.

איז ער געווארן א לוקח מצרעת און געווארן ביי מיר א משרת און פון צייט צו צייט האט מיין היילקער פאטער אים בחלום איבערגעגעבן געוויסע תקונים, ווי אזוי ער זאל זיי מתקן זיין.

אזוי האט ער אפגעארבייט א צייט, ביז ער האט שוין צופיל רחמנות ארויסגערופן צו זיך און דער טאטע האט אים שוין מודיע געווען, אז ער איז אים שוין אויף אלץ מוחל, דאן האב איך אים געהייסן, אז ער זאל זיך אומקערן צו זיין מקור. נו, וואסושע זאגט איר, בית דין של מטה?

דער בייוועזנדער עולם איז שטארק נתפעל געווארן פון דער מעשה און די דריי תלמידי חכמים האבן זיך אנגערופן:

— „שערי גן עדן יהיו נפתחים לפניו", די טויערן פונם גן עדן זאלן זיך עפענען פאר אים. האט ר' מאטעלע ז"ל א צופרידענער אויסגערופן:

— כשם שפסקו הבית דין של מטה, כך יהיו פוסקים הבית דין של מעלה.

און נאכדעם ווי ר' מאטעלע האט אפגעזאגט דעם ערשטן קדיש ביי ישראלם קבר, האבן זיך אלע אומגעקערט פונם בית עלמין אהיים, צופרידענע און בארואיקטע.

# ר׳ אברהם אבאשל און ר׳ נפתלי כ״ץ פון פויזנא ז״ל

ווען ר׳ אברהם אבאשל איז נאך גאר יונג געווען, איז ער תמיד גע־ווען פארטיפט אין די למודים און זיין מויל האט ניט אויפגעהערט צו רעדן פון תורה און תפילה. געשלאפן איז ער בסך הכל פיר שעה אין מעת לעת. האט אים עמעצער געשטעלט א פראגע:

— סטייטש, עס איז דאך א בפרושער פסוק: ישנתי „אז״ ינוח לי און „אז״ איז דאך בגמטריה אכט. האט ער ז״ל א שמייכל געטאן און געענטפערט, אז ביי א מענטשן מיט דעת דארף יעדער טאג זיין ראש השנה; ער דארף זיך זען געמשפט יעדן טאג. און ביי ראש השנה שרייבט די הייליקע גמרא, אז ביידע טעג זיינען כיומא חדא אריכתא דמי, ווי איין לאנגער טאג. קומט שוין אוים, אז מען דארף שלאפן נאר פיר שעה אין מעת לעת.

ווען ס׳איז שוין געווען שגור בפיו, ער האט שוין געקענט גאנץ ש״ס בבלי און ירושלמי און ער האט שוין געלאוסט אויף אויסנווייניק אלע ארבע שלחן־ערוכים מיט די אלע נושא כלים, חוץ תוספתא ספרא און ספרי, האט ער דערפילט א גרויסן דורשט נאך גאטס ווארט. און אלע מאל פלעגט ער אויסשרייען: צמא אנכי לדבר ד׳, איך בין דורשטיק נאך גאטס ווארט.

האט ער זיך אוועקגעזעצט לערנען נסתר, האט דורכגעלערנט קבלה, ביז ס׳איז אים קלאר געווארן יעדער מסתורין און די אלע פארבארגענע ערטער האבן אים נעלויכטן, ווי די זון אין מיטן העלן טאג, האט ער ערשט דעמאלט דערפילט א גרויסן דורשט נאך גאטס ווארט און סתם נאך געטלעכקייט, האט מען אים מודיע געווען בחלום, אז ער זאל גיין צו ר׳ נפתלי פון פויזנא, וועט ער וויסן ווי אזוי צו שטילן דעם דורשט.

איז ער באלד אוועק אהין און איז אריינגעגאנגען צו ר' נפתלין מקבל שלום זיין.

פרעגט אים ר' נפתלי: מה שמך?

ענטפערט ער: איך הייס אברהם אבא.

— זייער א שיינעם נאמען — זאגט ר' נפתלי — אברהם, איז אב המון גוים, און אבא איז אב בחכמה.

דערווייל קוקט זיך ר' אברהם אבאשל מער צו, דערזעט ער אז אויף ר' נפתלים קאפ ברענט א ליכט. האט ער זיך זייער געוואונדערט דערויף, און געפרעגט ביי איינעם:

— וואס איז עס עפעס אויף ר' נפתלים קאפ?

קוקט אים יענער אן פארוואונדערט און ענטפערט:

— גארניט. איך זע ניט אויף זיין קאפ גארניט.

ווענדעט ער זיך צו א צווייטן, א דריטן, אבער קיינער הוץ אים, זעט גארניט. דאנקט ער און לויבט דעם רבונו של עולם, פאר דער גרויסער זכיה, וואס ער האט אים מזכה געווען צו זען דאס, וואס אנדערע זעען ניט.

טראכט ער נאכצופארשן און זען די עובדא פון ר' נפתלי כ"ץ, ווי אזוי ער דינט גאט, צו וויסן ווי אזוי ער האט דערגרייכט די גרויסע זכיה פון נר דולק על ראשו, א ליכט זאל ברענען אויף זיין קאפ.

קוקט ער זיך צו צו זיין דאווענען, — אמתע תפלה. אן עבודה שבלב ווי ס'דארף צו זיין. אבער ניט אויף אזוי א הויכער מדרגה זוכה צו זיין צוליב דעם צו נר דלוק על ראשו.

קוקט ער זיך צו צו זיין עסן: — דער טיש איז געגרייט מיט מעדני מלך, און ער, ר' נפתלי ז"ל, איז ניט נהנה אפילו באצבע הקטנה. א טיש, אן אמתער מזבח רק לגבה פון גאטס וועגן.

אבער ער איז געווען זיכער, אז דאס איז ניט גענוג דערפאר זוכה זיין צו א ברענענדיקער ליכט אויף זיין קאפ, און ער האט געזוכט גרעסערע עובדות.

האט ער זיך צוגעקוקט צו זיין לערנען, ווי יעדער דבור, וואס גייט ארויס פון זיין הייליק מויל איז ווי פון גאטס מויל אויפן בארג סיני.

ער האט זיך צוגעקוקט צו זיין שלאפן, געזען ווי מען בעט אים אויס א ווייך געלעגער, און ער לעגט זיך אויף דער הוילער ערד און מיט א שטיין צוקאפנס.

אָבער מיט זיין הייליקן חוש האָט ער, ר' אברהם אבאשל ז"ל, גע־פילט, אז ס'איז ביי ר' נפתלין פאַראַן נאָך אַ גרעסערע עובדא, וועלכע מ'דאַרף לערנען ביי אים און צוליב וועלכער מ'האָט אים מודיע געווען צו גיין צו אים. איז ער מתפלל צו השי"ת, אַז ער זאָל אים עפענען די אויגן און ער זאָל שוין זען די אמת'ע עבודת ד' פון ר' נפתלין, צוליב וועל־כער ער האָט זוכה געווען צו נר דולק על ראשו.

זיצט ער אַזוי פאַרטיפט אין די מחשבותן ביז חצות הלילה.

פילט ער אַ גרויסן שטורם און אַ ברומען פון אַ שטאַרקן לייב.

ער עפנט אויף זיינע ליכטיקע אויגן, דערזעט ער ר' נפתלין, ווי ער־ריכט אָפּ חצות און זינגט שירי תהלה צו גאָט. האָט ער ערשט פאַרשטאַנען די גרויסע עובדא פון ר' נפתלי כ"ץ און ער האָט שוין משיג געווען צוליב וואָס ר' נפתלי האָט זוכה געווען צו דעם, אַז אַ ליכט זאָל ברענען אויף זיין קאָפּ. און ער האָט זיך בארואיקט. ער האָט געבעטן ביי ר' נפתלין ער זאָל אים מוסר זיין די כונות, וועלכע ער איז מכון ביי תיקון חצות, כדי ער זאָל אויך קאָנען משיג זיין די עבודה.

האָט ר' נפתלי אים געענטפערט:

— איר ווילט מן המוכן? מן המוכן האָבן נאָר זוכה געווען די אידן אין מדבר. זיצט דאָ און לערנט, און האָרעוועט, ביז איר וועט זוכה זיין ביי גאָט. דעמאָלט וועט איר אַליין דורך אייגענער עבודה וויסן דאָס, וואָס איר דאַרפט וויסן.

האָט זיך ר' אברהם אבאשל ז"ל אָוועקגעזעצט ביי ר' נפתלי כ"ץ אין בית המדרש לערנען און איז געוואָרן זיינער אַ תלמיד מובהק. פלעגט ר' אברהם אבאשל לויבן ר' נפתלין, זיך באַרימען מיט אים און זאָגן:

— מיין רבי ר' נפתלי איז שושבינא דמטרנותא, אַן אונטערפירער ביי דער מלכה, דאָס הייסט ביי דער שכינה; (על פי קבלה ווערט די שכינה אָפט באַטיטלט מיטן וואָרט: מטרנותא). און ר' נפתלי ז"ל פלעגט לויבן זיין תלמיד מובהק, ר' אברהם אבאשלען, זיך רימען מיט אים און זאָגן:

— מיין תלמיד איז בבחינת אברהם און איך בין מעיד אויף אים, דאָס מאברהם אבינו עד אברהם אבאשל לא קם כמהו, פון אברהם אבינו ביז אברהם אבאשל איז ניט אויפגעשטאַנען אַזעלכער ווי ער איז.

איז ר' אברהם אבאשל געזעסן און געלערנט און זיך צוגעקוקט צו־

די דרכים פון ר' נפתלין אזוי לאנג ביז ר' נפתלי גייט אמאל צו צו אים און זאגט אים:

ר' אברהם אבאשל, אזוי ווי איר האט שוין מקבל געווען דעם אמתן דרך פון עבודת ד' און איך זע שוין ביי אייך נר דלוק על ראשך, זענט איר דאך שוין א שושבינא דמטרנותא, נייט זשע און ווערט א מורה הוראה בישראל.

יענעם יאר איז ר' אברהם אבאשל אויפגענומען געווארן פאר רב אין קאריב, נאר איידער ער איז געווארן דארטן רב, האט ער זיך באזעצט אין א נאענטן דארף און האט זיך עוסק געווען אין מאכן סמאלע און טערפענטין און איז געפארן אויף יארידים פארקויפן און ער האט זיך ניט אנטפלעקט פאר קיינעם ווער ער איז, ביז די צייט איז געקומען.

# דער אפטער רב ר' אברהם יהושע העשל ז"ל

כידוע איז די גאנצע וועלט באשאפן געווארן רק צוליב דעם צדיק הדור, דעם אדם השלם; צוליב אים זיינען באשאפן געווארן שטעט און דערפער, מדינות און לענדער, צמח, דומם, חי און מדבר; אלץ צוליב אים, דעם צדיק הדור, כדי ער זאל געפינען בנקל מן המוכן אלץ, וואס ער דארף, און טאקע דערפאר ליגט דער שליסל פון פרנסה ביי אים אין די הענט און ער עפנט דעם מקור פון פרנסה פאר וועמען ער וויל און פאר וועמען מען דארף. און דאס איז דער פשט פון „לי הכסף ולי הזהב, נאום ד' צבאות", גאט זאגט: צו מיר געהער דאס זילבער און דאס גאלד, גאלד און זילבער איז גאטס, און ער גיט עס איבער איננאנצן דעם צדיק הדור, וואס כל העולם כדאי הוא לו. און אזוי ווי דער צדיק הדור וויל נים זיין טרוד אין די הבלי עולם הזה, צעטיילט ער עס צווישן די מענטשן פון דער גאנצער וועלט און אז ער דארף דורכן געלט עמיצן ברענגען א טובה, נעמט ער עס ביי וועמען ער וויל און וואו ער פארשטייט און דערפאר זאל מען נים ממרה זיין דעם צדיקס מויל און נים מתרעם זיין קעגן אים ווען ער פאדערט פון עמיצן געלט, ווייל דערמיט איז ער ממציא א גרויסע טובה דעם נותן; דאס איז א סימן, אז א גרויסן חלק פון זיין אוצר וואס גאט ברוך הוא האט אים איבערגעגעבן, האלט ער ביי יענעם אין רשות און יענער איז שוין בטוח, אז דאס עשירות וועט זיך נים אפטאן פון אים לעולם ועד.

און ווי איז צו דעם, וואס פאלגט נים אוים די רייד פונם צדיק הדור און ווען ער וויל ביי אים מוציא זיין עפעס געלט, וויל ער נים הערן די רייד פונם צדיק און ער איז כחס על ממנו; דעמאלט ווערט דער צדיק אן די אמונה אין יענעם און נעמט צו פון יענעם זיין חלק אוצר און גיט אים

איבער אין אנדערע, מער זיבעדע הענט, אין אזעלכע הענט, וואס וועלן זיך עפענען פאר אים ווען נאר ער וועט פאדערן.

מאכט זיך אמאל, אז בימי אפטער רב ז"ל, קומט צו אים זיינער א מקורב און קלאגט זיך פאר אים ז"ל, אז ער מוז פון אים בעטן א טובה, ווייל זיין טאכטער איז שוין געווארן א בוגרת.

הגם ער איז כל ימיו אן עני ואביון, איז ער נים מתרעם חו"ש. אדרבה, ער איז צופרידן, וואס ער איז מקיים די גמרא: „יאה עניותא לישראל", עס איז שיין דאס ארימקייט צו די אידן. אבער איצט, אז די טאכטער איז א בוגרת און דער תנא פון גמרא זאגט דאך בפירוש: „בנות ישראל יפות הן, אלא שהעניות מנולתן", — די אידישע טעכטער זיינען שיינע, נאר דאס ארימקייט פארמיאוסט זיי, ווייל ער ארויסטרייבן דאס עניות אויף א קורצער צייט, ביז ער וועט חתונה מאכן זיין טאכטער.

הערט ער ז"ל גוט אוים זיינע רייד מיט גרוים כונה און זאגט צו אים:

— ביסט זייער גערעכט, טוסט יוי דער דין איז. נו, אט וועל איך אנשרייבן א בריוו צו מיין חסיד שמואל פייוולס, וועסטו פארן צו אים, וועט ער דיר געבן צוויי הונדערט רובל, וועסטו האבן אויף נדן, הלבשה און חתונה הוצאות.

— רבי, ס'איז צופיל, בעט זיך דער מקורב, ס'וועט זיין די והותר הונדערט מיט פופציק רובל.

— ניין, האט אים געענטפערט דער אפטער. מיינער א מקורב דארף חתינה מאכן א טאכטער כדרך הנגידים. א בת תלמיד חכם איז ווי א בת מלך. „מאן מלכי רבנן?" זיי נים חס על ממונו של הקב"הו. דער אפטער האט תיכף אנגעשריבן דעם בריוו, וועלכען ער האט אים איבערגעגעבן און ער איז אוועקגעפארן צו שמואל פייוולס, א צוויי מייל ווייט פון אפטע און אים דעם בריוו איבערגעגעבן.

ווי נאר שמואל האט איבערגעלייענט דעם בריוו, איז ער געבליבן אביסל איבעראשט און זיך אנגעדופן:

— וואס הייסט איך זאל געבן צוויי הונדערטער! איך קאן געבן צען רובל, פופצן רובל, אבער נים אזא גרויסע סומע פון צוויי הונדערטער. און ער האט אנגעהויבן צו דינגען זיך מיטן מקורב. אבער דער מקורב האט געענטפערט:

— איך מוז אויספאָלגן די פקודה פונם הייליקן צדיק, ער האָט מיר געהייסן נעמען צוויי הונדערטער, וועל איך ניט נעמען ווינציקער אפילו קיין פּרוטה.

און אזוי ווי שמואל פּייוולס האָט אים דעם סכום ניט געוואָלט געבן, איז ער צוריקגעפאָרן צום אָפּטער און אים דערציילט אַלץ, אז שמואל וויל ניט אויספאָלגן זיין באַפעל אין גאַנצן.

— אזוי — האָט דער אָפּטער געשאָקלט דעם קאָפּ מיט עצבות ר"ל — נו, נאָ זשע דיר א בריוו צו מאיר ראובנס. ער וועט געוויס מקיים זיין מיין באַפעל. און ער האָט אים געגעבן א בריוו צו מאיר ראובנס, אז ער באַפעלט צו געבן תיכף ומיד בלי אחור כלל דעם מקורב צוויי הונדערט רובל.

כאָטשע דער חסיד, מאיר ראובנס, איז געווען א גרויסער קבצן, דאָך, ווי נאָר ער האָט באַקומען דעם בריוו, איז ער געוואָרן מלא שמחה וחדוה. ער האָט געגעבן דעם מקורב עסן און טרינקען און ער האָט אַרויסגעטראָגן אַלצדינג, וואָס ער האָט פאַרמאָגט אין שטוב, דאָס פאַרמשכנט און מיט גרויס מי האָט ער צונויפגענומען די צוויי הונדערטער, זיי איבערגעגעבן מיט פרייד דעם מקורב אין די הענט און אויפהויבנדיק זיינע אויגן אַרויף, האָט ער מיט התלהבות אויסגערופן:

— איך דאַנק און לויב דיר, רבונו של עולם, פאַרן גרויסן חסד, וואָס דו האָסט געטאָן מיט מיר און האָסט מיך מזכה געווען מיט אַזאַ גרויסער מצוה!

נאָך דער דאָזיקער פּאַסירונג, האָט אָנגעהויבן שמואל פּייוולס צו גיין זייער שלעכט אין זיינע עסקים. צו וואָס ער האָט זיך גענומען, איז אים געגאַנגען מיט דער פּוטער אַראָפּ, לא עלינו.

ער איז געוואָרן א יורד און ער האָט געפילט, אז דאָס איז א שטראָף פאַר ניט וועלן מקיים זיין די רייד פונם הייליקן צדיק, דעם אָפּטער רב. איז ער באַלד אוועק קיין אָפּטע און זיך צעוויינט פאַרן צדיק, אז ער זאָל אים מוחל זיין.

גראָדע האָט זיך געטראָפן, אַז פּונקט דעמאָלט, ווען שמואל פּייוולס איז געקומען צום אָפּטער, איז אויך דעמאָלט געווען דאָרטן דער סאַוראַנער רב. האָט זיך דער אָפּטער ז"ל אָנגערופן:

— ווייסטו וואָס, שמואל, אָט איז דאָ א רב, לאָמיר האָבן פאַר אים

א דין תורה. און דער אַפּטער האָט מסדר געווען זיינע טענות פאַרן סאווראַנער און געזאָגט:

— איך, ווען איך האָב אַראָפּגענידערט אויף דעם עולם, האָט מען מיר מיטגעגעבן עפרות זהב, אַזוי פיל גאָלד און זילבער, אַז מען האָט געקאָנט איינטיילן צווישן אַלע מענטשן פון דער וועלט און ס'זאָל זיין פאַר איטלעכן די והותר. האָב איך דאָס גענומען און האָב עס צעטיילט: דעם אַזויפיל און דעם אַזויפיל, ביז איך בין פאַרטיק געוואָרן מיט דעם. און ווען איך דאַרף אַמאָל האָבן עפעס געלט צי פאַר מיר, צי פאַר עמיצן, גיב איך אַ פקודה צו איינעם פון זיי, ער זאָל אַרויסגעבן על חשבוני, כך וכך.

האָב איך באַדאַרפט צוויי מאות רובל פאַר מיינעם אַ מקורב ווענן, האָב איך געגעבן אַ פקודה צו אים, צו שמואלן, ער זאָל אים געבן דעם סכום. האָט ער ניט געוואָלט מיך אויספאָלגן, האָב איך געגעבן אַ פקודה צו מאירן, און כאָטשע איך האָב מאירן כמעט גאָרניט איבערגעגעבן פון מיין גאָלד און זילבער און ער האָט אַליין ניט גענוג אויף זיינע הצטרכותן, האָט ער מיט גרויס מי, איבער זיינע כחות, זיך אָנגעשטרענגט און ער האָט פינקטלעך אויסגעפאָלגט מיין פקודה. אַז איך האָב געזען, אַז מאיר איז מער נאמן אויף מיין רכוש, האָב איך עס צוגענומען פון שמואלן און עס איבערגעגעבן צו מאירן.

— נו, — האָט דער סאָווראַנער רב זיך געווענדעט צו שמואל פייוולס — וואָס האָסטו עפעס דערויף צו ענטפערן?

שמואל פייוולס האָט זיך שטאַרק צעוויינט און געשריען מיט אַ קול:

— חטאתי, איצט בעט איך רק רחמים!

האָט דער סאָווראַנער רב זיך פאַרמחט אויף אַ האַלבער שעה צייט און זיך אָנגערופן:

— על פי דינא האָסטו, שמואל, קיין שום טענה נים, ווייל דאָס געלט איז געווען ביי דיר רק אַ פקדון און דער בעל הפקדון האָט רשות מוציא זיין זיין פקדון ווען ער וויל, בפרט, אַז דו האָסט ניט אויסגעפאָלגט זיין פקודה. נאָר עס שטייט דאָך בפירוש אין פסוק: „ורחמיו על כל מעשיו“, איז על פי רחמנות, קומט דיר מזונות, און דאָס עשירות גייט אַריבער פון היינט אָן און ווייטער צו מאירן.

און אַזוי איז געווען. שמואל פייוולס האָט כל ימיו געהאַט פּרנסה נים מער און מאיר ראובנס איז כל ימיו געבליבן אַ גרויסער עושר.

# ווי אַזוי אַ איד איז פאַרצייטן געפאָרן קיין ארץ ישראל

## (אַ מעשה וואָס האָט פּאַסירט בימי ר' מאָטעלע טשערנאָבעלער זצ"ל)

אַמאָל האָט ר' מאָטעלע טשערנאָבעלער ז"ל, שמועסנדיק מיט זיינע מקורבים, זיך אָנגערופן:

— דער תכלית פון אַ אידן איז צוקומען צו דער מדרגה פון אַ בן חורין און דאָס איז מעגלעך רק אין ארץ ישראל. דאָרטן איז דאָס אויג געלייטערט, דאָרטן שוועבט אַרום דער פרייער גייסט, די קדושה ווערט קיינמאָל נישט אָפּגעטאָן פון דאָרטן און דער טמאדיקער עבודות קאָן דאָרטן נים קונה שביתה זיין. און דאָס איז דער פשט פון דער גמרא: „כל הדר בארץ ישראל ומדבר בלשון הקודש, ווער עס וואוינט אין ארץ ישראל און רעדט לשון הקודש, מובטח לו, שהוא בן עולם הבא, איז ער בטוח, אַז ער האָט עולם הבא". ווייל עולם הבא הייסט חרות, אָן אַ בשר ודמיקן מושל. אַנדערש אָבער איז דאָ אין גלות, וואו דער עבודות האָט זיך קונה שביתה געווען; דער אויר איז פול מיט קנעכטשאַפט און דער איד האָט איבער זיך אַזוי פיל מושלים! דאָס גוישע לשון הערשט, די גוישע מנהגים הערשן. דאַרום דאַרף יעדער איד, וואָס פילט זיך בכח אויס־צואוואָרצלען דעם עבדו און ממלא זיין חלל מיטן אויר פון חרות — זיך אָנשטרענגען צו פאָרן קיין ארץ ישראל.

— איך אַליין — האָט ער ווייטער געזאָגט, — קאָן נים פאַרלאָזן דעם גלות צוליב מיינע חסידים; איך קאָן זיי דאָ נים איבערלאָזן אויף הפקר אינם טמאדיקן גלות אויר, וועלכער איז אָנגעפּולט מיט עבודות.

איך מוז האלטן אָפן מיינע אויגן און אכטונג געבן אויף זיי, אז זיי זאָלן חו"ש ניט משתקע זיין אין די ניז שערי עבדות. אָבער דער, וואָס פילט זיך בכח, דאַרף אויפגיין קיין ארץ ישראל.

אויסהערנדיק אָט דעם שמועס, רופט זיך אָן איינער פון זיי:

— רבי, איך וויל עולה זיין קיין ארץ ישראל!

ענטפערט אים ר' מאָטעלע:

— קיין ארץ ישראל דאַרף מען פאָרן א ריינער, א געלייטערטער, אראָפּוואַרפן פון זיך דעם גאַנצן גלות, נישט משייר זיין ביי זיך קיין כל שהוא פון דער גלות טומאה. פאָר אהיים, זיי זיך מצרף און מטהר, און ווען דו וועסט שוין זיין כלי מזוכך, וועל איך דיר זאָגן, וואָס דו זאָלסט ווייטער טאָן.

פאָרט דער חסיד אהיים, טוט תשובה, זאָגט א סך תקונים, איז זיך מסגף מיט טבלות און מיט גלגול שלג און פאַסט צוויי און זיבעציק תעניתים רצופים — חוץ שבת — כמנין „חסד" און דערנאָך קומט ער צוריק צו ר' מאָטעלען. האָט ר' מאָטעלע א קוק געטאָן אויף אים, אויף זיין אָפּגעצערטקייט, האָט ער זיך צעלאַכט און זיך אָנגערופן:

— אַנשטאָט זיך מתקן צו זיין, האָסטו זיך גאָר מקלקל געווען. קיין ארץ ישראל דאַרף מען קומען מיט א געזונטן גוף און מיט א געלייטערטער ריינער נשמה. און דו ביסט אזוי צעבראָכן און קראַנק און דיין נשמה איז אזוי נעבלדיק, מטושטש און דער אויר פון ארץ ישראל קאָן ניט סובל זיין קיין קראַנקע און שוואַכע גופים. פאַרנעבלדיקע נשמות קאָנען ניט קולט זיין אין זיך דעם אויר פון חרות. פאָר אהיים, פאַפּראַווע זיך, מאַך געזונטער דיין גוף, וועט אויך געלייטערט ווערן דיין נשמה, דיינע רעיונות וועלן אָנהויבן צו טראַכטן ריין און פריי און דעמאָלט וועסטו קאָנען גוט קולט זיין אין זיך דעם אויר פון חרות. און פאַרגעס ניט למען השם זיך מתרגל זיין צו רעדן אין דעם לשון קודשדיקן לשון, כדי דו זאָלסט מקיים זיין די גמרא: „כל הדר בארץ ישראל ומדבר בלשון הקודש". און אז דו וועסט זיין צוגעגרייט מיט דעם אַלעמען, זאָלסטו קומען צו מיר.

איז דער מקורב אהיימגעפאָרן, זיך צוגעגרייט מיט דער לשון קודש־דיקער שפּראַך, געגעסן און געטרונקען, און ווען ער האָט זיך געפילט גרייט איז ער צוריקגעקומען צו ר' מאָטעלען. ר' מאָטעלע האָט א קוק געגעבן אויף אים און זיך אָנגערופן:

— אַט איצט ביסטו געליטערט, איצט האָסטו באַקומען דיין תקון, ביסט שיין, געזונט און דורך דיין געזונטן גוף לייכט אַרויס אַ שטראַלנדע ריינע נשמה. און ווי אַזוי ביסטו עפּעס אין דער לשון־קודשדיקער שפּראַך? לאָם איך דיך נאָר מבחין זיין.

און ער, ר׳ מאָטעלע ז״ל, הייסט דערלאַנגען אַ משניות מסכת „זרעים", עפנט זי אויף און הייסט אים לערנען. לערנט ער אָפּ דער חסיד עטלעכע פּרקים און ר׳ מאָטעלע זיצט ביים טיש, אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אויף זיינע הענט. און ווען דער חסיד האָט געענדיקט די גאַנצע מסכת „ברכות", שטעלט ער ז״ל זיך אויף און רופט זיך אָן:

— נו, געגנוג. ביסט גוט בקי אין דעם לשון־קודשדיקן לשון. איצט פּאָר אין דעם און דעם שטעטל און זאָלסט זיך נאָכפרעגן דאָרטן צו ר׳ שואל מאַטים, און ער, ר׳ שואל, וועט דיר שוין זאָגן, וואָס דו האָסט צו טאָן.

פאָלגט ער אויס די רייד פון ר׳ מאָטעלען און פאָרט אין יענעם שטעטל און פרעגט זיך נאָך. וואו עס וואוינט ר׳ שואל מאַטים.

לאַכט מען זייער פון אים, און מען זאָגט אים, אַז דאָ איז פאַראַנען איינער אַ שניידער, שואל מאַטים, אַ גרויסער עם הארץ, וועלכער האָט נאָך קיינמאָל ניט זוכה געווען גערופן צו ווערן מיטן נאָמען רבי שואל, נאָר סתם שואל שניידער. צו דער תורה רופט מען אים קיינמאָל ניט אויף, ווייל ער קאָן די ברכה ניט מאַכן, אפילו ניט אין סדור, ס׳איז אַ סברה, אַז ער קאָן אפילו ניט דעם אלף־בית. אַלטער מלמד האָט זיך געמוטשעט אויסצולערנען אים די ברכה און ס׳איז געווען אומזיסט זיין טרחה.

אויסהערנדיק די דאָזיקע געשיכטע, פאַרשטייט שוין דער חסיד, אַז דער שואל שניידער איז ניט קיין סתם שואל, געוויס איז ער איינער פון די נסתרים. גייט ער זיך דורך צו אים. אַריינקומענדיק, טרעפט ער אים נייען אַ מלבוש, גיט ער אַ פרעג:

— דאָס זענט איר, ר׳ שואל מאַטים?

גלאָצט ער אויס אויף אים אַ פּאָר אויגן און ענטפערט מיט אַ גראָב קול:

— וואָסאַרא רבי שואל? איך בין שואל שניידער, ניט קיין „רבּ־טשעק". וואָס ווילט איר עפּעס זאָגן?

הגם דער חסיד האָט געהאַט אַ „חוש" און האָט באַלד געפילט פון ר' שואל מאַטים רייד דעם הבל פון של קדושה, דאָך איז ער מבולבל געוואָרן און האָט קוים געקאָנט אַרויסרעדן עטלעכע ווערטער:

— איך וויל, איר זאָלט מיר אויפנייען אַ קאַפּאָטע.

— אַ קאַפּאָטע ווילט איר? — חזרט אים איבער דער שניידער זיינע ווערטער. — נו, וואָס זשע שטייט איר ווי אַ גולם? גייט זשע און ברענגט מיר דריי אַרשין צייג און מיר שניידער־געלט וועט איר דאַרפן באַצאָלן פיר גילן.

גייט ער אַוועק, דער חסיד, קויפט איין צייג און ברענגט אים. נעמט ער אים אַ מאָס און זאָגט אים:

— אויף מיטוואָך וועט עס זיין פאַרטיק.

דערווייל דרייט ער זיך דורך אין קיך, כלומרשט אַ טרינק טאָן, באַמערקט ער, אַז אויפן אויוון, פאַרשטעלט מיט אַ לאָקשן ברעט, זיצט ר' מאַטעלע מיט אַ ספר אין האַנט און איז מעיין אין אים.

מילא, פאַרשטייט ער שוין עד היכן הדברים מגיעים, וואָר דער שניידער איז און וואָס דאָ טוט זיך אַרום אים. וויל ער אַריינגיין אין אַ שמועס מיט אים, ווערט יענער אין דער הפקדה און צושרייט זיך אויף אים:

— גייט אייך! איר וועט קומען מיטוואָך, וועט איר טרעפן גרייט אייער קאַפּאָטע, און דולט מיר ניט קיין קאָפּ, איך האָב קיין צייט ניט מיט אייך צו רעדן, איך האָב גענוג אַרבעט.

גייט ער אַוועק און אויף מאָרגן קומט ער נאָכאַמאָל צו אים מיט עפּעס אַ תירוץ. ווי נאָר דער שניידער דערזעט אים, צעשרייט ער זיך אויף אים:

— אַ איד אַ פּריטשעפּע, וואָס קומט איר מיר שטערן מיין אַרבעט? איך האָב דאָך אייך דייטלעך געזאָגט, אַז מיטוואָך וועט זיין פאַרטיק אייער קאַפּאָטע, און דולט מיר ניט קיין קאָפּ, איך האָב קיין צייט ניט. איר האָט ניט קיין אַרבעט. זוכט אייך אָפּ עפּעס אַן אַרבעט, וועט איר פאַרשפּאָרן קומען צו מיר, מיר דולן אַלע מאָל.

פאַרשטייט שוין דער חסיד דעם רמז, וואָס ער האָט אים געגעבן, גייט ער אַוועק אויף זיין אכסניה, זעצט זיך לערנען געשמאַק און וואַרט שוין אומגעדולדיק ביז מיטוואָך.

מיטוואָך איז דער חסיד זיך מקדים, דאַוונט אָפּ מיט גרויס כונה און

גייט זיך דורך צום שניידער. ווי נאָר דער שניידער דערזעט אים, זאָגט ער אים: נו, קומט אהער וועל איך אייך אָנמעסטן. דערנענטערט ער זיך, מעסט ער אים אָן די קאַפּאָטע און גיט אים אַ קלאַפּ אין דער פּלייצע און זאָגט אים:

— אַט, מיט דער קאַפּאָטע קאָנט איר אפילו פאָרן פון דאַנען גלייך קיין ארץ ישראל. איר דאַרפט זיך אפילו ניט צוריקקערן צו אייך אהיים. באַצאָלט זשע מיר, זייט מוחל, מיינע פיר גילן פאַר מיין ארבעט און פאָרט לחיים ולשלום.

דער חסיד האָט אים באַצאָלט די פיר גילן שניידער־געלט און איז פון דאָרטן גלייך אוועקגעפאָרן קיין ארץ ישראל.

# ר׳ יחזקאלע קאַלטשינער ז״ל

.1

כידוע, האָט ר׳ יחזקאלע, דער קאַלטשינער רב, ליכטיק געמאַכט מיט זיין תורה די אויגן פון אַלע לומדים אין זיין צייט. טאַקע ווי ס׳שרייבט זיך אין פסוק: „וכל רז לא אניס ליה״, קיין סוד איז ניט געווען פאַרהוילן פון אים. ס׳איז ניט געווען קיין „מקצינע״ אין למוד הן פון די „קדמונים״ און סיי פון די „אחרונים״, אין וועלכע ער זאָל ניט זיין בקי.

האָט ער אמאָל געהאט א ויכוח מיט נאָך א רב אין זיין צייט וועגן א היתר עגונה, האָט יענער רב זיך אויסגעדריקט:

— קאַלטשינער רב, איר שטעלט צופיל אויף זיך. ס׳קאָן דאָך זיין, אז איר זאָלט אויך אמאָל האָבן א טעות; „שגיאות מי יבין״.

האָט ר׳ יחזקאלע ז״ל באותה שעה באַקומען א מין גדלות דמוחין און האָט אָפּגעענטפערט:

— איך, יחזקאל קאַלטשינער, וועל קיינמאָל ניט באַגיין קיין טעות.

איז געוואָרן פון אויבן, א קטרוג אויף אים, און ס׳איז נגזר געוואָרן, ער זאָל באַגיין א גרויסע שגיאה און זאָל זיין א גורם־שלא במתכון — צו א חטא פון אַן אסור אשת איש...

מאַכט זיך אין קאַלטשין, אז איינער א גרויכער עושר איז געוואָרן ר״ל א יורד מנכסין אויף אזוי פיל, אז ער האָט שוין באַדאַרפט ווערן א מחזיר על הפתחים.

האָט ער זיך זייער געשעמט, אזא גרויסער עושר ערשט געווען און גיטאַמאָל איבערקומען אויף אַן עני המחזיר על הפתחים, ר״ל.

איז ער אַריינגעגאַנגען צו ר׳ יחזקאלען און האָט פאַר אים אויסדערציילט זיין גאַנצן שלעכטן שטאַנד און אים געבעטן אז ער זאָל אים געבן אַן עצה טובה.

האָט ר׳ יחזקאלע ז״ל אים געטרייסט, אז די וועלט איז א גלגל החוזר,

אים שטאַרק מחזק געווען און אים מיטגעגעבן פון זיך אַ בריוו, אין וועלכן ער האָט מעיד געווען, אַז דער מכ"ז פּלוני בן פּלוני איז אַ געוועזענער עושר און ער בעט, אַז אידן זאָלן אים העלפן מחזק זיין מיט שיינע נדבות ובזכות זה, ווינטשט ער זיי פיל ברכה והצלחה. ער האָט אים אויך געעצהט, אַז ער זאָל זיך אַוועקלאָזן מיט דעם בריוו אין ווייטע מקומות, וואו מען קען אים ניט, וועט אים די בושה ניט אַזוי זיין גרויס. און מיט־געבנדיק אים זיין ברכה, האָט ער זיך מיט אים געזעגנט. דער געוועזענער עושר האָט אַריינגעלייגט דעם בריוו טיף אין קעשענע, זיך אָפּגעזעגנט מיט אַלעמען, און אינדערהיים מיט ווייב און קינדער און האָט זיך אַוועק־געלאָזט אויף דער וועלט צו קלויבן נדבות.

אין יעדער שטאָט, וואוהין ער איז געקומען, איז ער באַלד אוועק צום פּרנס חודש און אים איבערגעגעבן צו לייענען דעם בריוו פון ר' יחזקאלע קאַלטשינער. דערזען אַ בריוו פונם קאַלטשינער רב, האָט מען דעם יורד צוגעטיילט כבוד און מ'האָט אים אַליין ניט געלאָזט אַרומגיין אין די הייזער. מען האָט אים געגעבן פון קופּת הקהל אַ נדבה הגונה. חוץ דעם האָט מען פון זיין כבוד וועגן געפּראַוועט סעודות, וואו די אנשים מכובדים זיינען געווען פאַרזאַמלט און מען האָט אים געבעטן ער זאָל עפּעס דערציילן פון ר' יחזקאלען.

אַ קלייניקייט, ר' יחזקאלע!

און ער, זייענדיק פון איין שטאָט מיט אים ז"ל, האָט געהאַט גענוג צו דערציילן. און דער עולם האָט געשלונגען יעדעס וואָרט מיט דורשט און אים אַ חוץ נאָך מוסף געווען עטלעכע רובל. אַזוי איז געווען כמעט אין יעדן אָרט, וואוהין ער איז געקומען מיט ר' יחזקאלעס בריוו.

אין אַ זייער קורצער צייט האָט ער אָנגעזאַמלט אַ סך געלט, אַזוי פיל, אַז ער איז געווען בטיח, אַז מיט אַזאַ סכום קען ער שוין אָנהויבן צו מסחרן און זיך אפשר צוריק אַרויפאַרבעטן. ער האָט גוט געדענקט די הייליקע ווערטער פון ר' יחזקאלען, אַז די וועלט איז גלגל החוזר.

האָט ער זיך צוריקגעקערט אַהיים.

קומענדיק שוין אַ פּאָר מייל נאָענט פון דער היים, האָט ער זיך באַ־געגנט מיט נאָך אַן אָרימאַן.

צורײדן זיי זיך און פרעגן זיך פאַנאַנדער איינער דעם צווייטן: פון

וואַנען מ'קומט, וויפל צייט מען וואַנדערט שוין, און וויפל מ'האָט פאַר דער צייט אַנגעזאַמלט.

ווען יענער אָרימאַן האָט דערהערט פון דעם יורד, אַז ער איז ערשט בסך הכל דריי חדשים נע ונד און פירט אַהיים אַ סכום פון טויזנט רובל, איז ער געוואָרן איבערראַשט און ער האָט זיך געקלאָגט פאַר אים, אַז ער איז שוין העכער אַ יאָר פון דער היים און קאָן נאָך ניט קומען אַהיים, ווייל ער פאַרמאָגט קוים צוואַנציק רובל. דערציילט אים דער יורד, אַז דאָס געלט מאַכן האָט אים געהאָלפן דער בריוו פון ר' יחזקאלע קאָלטשינער. האָט יע־נער זיך גוט אַריינגענומען אין דער מחשבה דעם טרויעריקן שטאַנד זיינעם און דעם גוטן מצב פון יענעם און ער האָט ביי זיך באַשלאָסן צו באַגיין אַ גנבה, און ביינאַכט, ווען דער יורד איז געשמאַק געשלאָפן, האָט יענער אַרויסגעגנבעט ביי אים דעם בריוו פון ר' יחזקאלע קאָלטשינער מיטן גאַנצן געלט און ער איז נעלם געוואָרן.

ווען דער יורד האָט זיך אויפגעכאַפּט און געזען זיין אומגליק, אַז מ'האָט ביי אים צוגעגנבעט דעם בריוו מיטן געלט, האָט ער געמאַכט, ווי געוויינלעך, אַ ויצעקו. האָט מען זיך צעלאָזט איבער דער שטאָט, צו זוכן דעם גנב, אָבער ס'איז געווען אומזיסט. יענער איז פאַרשוואונדן געוואָרן און מ'האָט אים ניט געפונען.

האָט ער זיך באַרעכנט, אַז קומען אַהיים קאָן ער ניט, ער פאַרמאָגט ניט אַפילו קיין פּרוטה. קיין בריוו פון ר' יחזקאלען האָט ער שוין אויך ניט, האָט ער נעבעך מיט גרויס צער צוריקגעלאָזט זיך איבער שטעט און דערפער, שוין פּשוט, ווי אַלע אָרימעלייט, איז געווען המחזיר על הפּתחים און געבעטן נדבות. גראָשנס און האַלבע גראָשנס, ווי דער מנהג פון אָרי־מעלייט.

ער האָט זיך באַלד צוגעוואוינט צו זיין טרויעריקן מצב: הרגל נעשה טבע, ביז ער איז געוואָרן אַן אָרימאַן מיט אָרימעלייט גלייך.

2.

יענער אָרימאַן, וואָס האָט אַרויסגעגנבעט ביים יורד דעם בריוו מיטן געלט, איז אַ גאַנצע נאַכט געלאָפן, און כאָור, איז ער אָנגעקומען אין אַ צווייטן שטעטל. האָט ער דאָרטן געדונגען אַן עגלה און איז אָפּגעפאָרן אין

נאָך אַ ווייטערער שטאָט. ער האָט זיך געלאָזט אין דער ריכטונג צו זיך אין שטעטל.

אָנקומענדיק אין יענער שטאָט, איז ער שוין נ׳ט געגאַנגען נעכטיקן אין שיל אַריין, צווישן אַלע אָרימעלייט, נאָר ער איז שוין פאַרפאָרן אין אַן אַכסניה, ער האָט זיך איינגעקויפט מלבושי כבוד און געגרייט זיך קומען צו זיך אַהיים כדרך הנגידים. אַ קלייניקייט! טויזנט רובל!

פלוצים האָט ער דערפילט אַ קאָפּ-ווייטיק, אַז ער האָט זיך געמוזט אַריינלייגן אין בעט, און... ביינאַכט איז ער געשטאָרבן, ניט האָבנדיק קיין צייט אפילו מיט עמיצן צו רעדן עטלעכע ווערטער.

געשטאָרבן אַ פרעמדער איד און מען ווייסט נישט ווער און פון וואַנען ער איז, האָט מען בודק געוועזן ביי אים אין די קעשענעס און מ׳האָט געפונען דעם בריוו פון ר׳ יחזקאלע קאַלטשינער, האָט מען גענומען דאָס גאַנצע געלט מיט אַלע חפצים זיינע און מ׳האָט זיי אָפּגעשיקט קיין קאַל-טשין צו יענעם יורדם ווייב, און מ׳האָט איר ביינעלעגט אַ בריוו, געחתמעט פונם דאָרטיקן רב, מיט צוויי עדות, אַז איר מאַן פלוני בן פלוני, איז דעם און דעם טאָג געשטאָרבן אין יענער שטאָט, און אין יענעם טאָג האָט מען געטאָן לכבודו. אַן ענלעכן בריוו האָט מען אַריינגעשיקט צו ר׳ יחזקאלען, מען האָט באַווייגט דעם טויטן וחסל.

אַזוי ווי זי, דעם יורדם ווייב, איז נאָך געווען אַ יונגע פרוי, און זי האָט פאַרמאָגט טויזנט רובל, האָבן שדכנים איר אָנגעהויבן צו שדכנען שדוכים און ווען ס׳איז איבערגעגאַנגען דריי חדשים פון איר טרויער, האָט זי נאָך אַמאָל חתונה געהאַט. האָט איר מאַן פאַרפירט אַ גרויס געשעפט און האָט מצליח געווען און איז געוואָרן אַ גרויסער עושר. פונקט צום יאָר האָט זי געבוירן אַ בן־זכר, איז געווען ביי זיי אַ גרויסע שמחה און אַזוי ווי זיי זיינען געווען דעמאָלט שוין זייער רייך, האָבן זיי זיך געגרייט צו פראַ-ווען אַ ברית מילה, און זיי האָבן מודיע געווען אין שטעטל און אַרום אין דער גאַנצער סביבה, אַז זיי גרייטן אַ סעודה פאַר אָרימעלייט און טיילן נדבות יעדן איינעם.

יענער יורד, אָפּוואַלגערנדיק זיך אַ משך פון אַ יאָר צייט, האָט זיך געפילט זייער שוואַך און פול מיט בענקעניש. האָט ער באַרעכנט אומצו-קערן זיך צוריק אַהיים און געמען נאָך אַמאָל אַ בריוו ביי ר׳ יחזקאלען,

וועט ער אין א קורצער צייט אנזאמלען מער איידער ער זאל איצט נעווגד זיין יארן.

אנקומענדיק קיין קאלטשין, האט ער זיך בארעכנט, אז קיין גאר אנגעלייגטער גאסט וועט ער ניט זיין. געלט ברענגט ער ניט קיין סך, און אין שטוב איז מסתמא קיין שטיקל ברויט ניטא און גוט קאלט איז אויך (ס'איז געווען ווינטער), און ער דארף ערשט דערפרעגן זיך, וואו זי וואוינט איצט אין שכנות. איז ער דערווייל געגאנגען אין בית המדרש זיך אנווארעמען און דארטן געוואויר-געווארן פריער, וואו זיין פאמיליע וואוינט און וואס ס'קומט פאר ביי זיי.

ארייננקומענדיק אין שיל, האט ער באמערקט, אז קיינער האט אים ניט דערקאנט. ער איז פאר דער צייט אזוי פארענדערט געווארן, אז ס'איז ניט מעגלעך געווען אים צו דערקענען. האט ער זיך בארעכנט, אז אזוי ווי ס'האט אים קיינער ניט דערקאנט, און ער האט געהערט ווי אלע ארימעלייט גרייטן זיך צו א סעודת מצוה ביי א ברית מילה, וועט ער דערווייל אויך גיין אויף דער סעודה, אפשר אן אנבייסן, וועלכן ער וועט אינדערהיים אודאי ניט טרעפן.

קומענדיק אויפן ברית, דערקאנט ער ביים טיש זיין מעבל, זיינע טיש כלים, וואס איז אים נאך געהאט פארבליבן פון זיין ימי עשירות.

גיט ער א זאג צו איינעם, וואס איז געזעסן לעבן אים מן הצד:

— דאס מעבל און די כלים האב איך אמאל געזען ביי דעם און דעם

— און ער רופט אן זיין אייגענעם נאמען, ווען ער איז געווען אן עושר.

ענטפערט אים יענער מן הצד:

— ס'איז געבליבן ביי איר, האט זי עם איצט.

— וואס הייסט ביי איר? — וואונדערט ער זיך — און וואו איז ער?

— וואס פרעגט איר אזוי תמעוואטע? — ענטפערט אים יענער — איר ווייסט גאר ניט, אז יענער איז געשטארבן און דאס איז ביי איר א ברית מיטן צווייטן מאן?

דערהערט אזעלכע דבורים, איז ער געבליבן זיצן זייער איבערראשט און פול מיט צער. האט ער ערשט צעקיימט אלץ וואס דא קומט פאר מיט אים און ער האט שוין פון זיך זעלבסט פארשטאנען, וואס עס האט געקאנט פארקומען, אז דער גורם דערצו איז דער צוגעגנבעטער בריוו.

דאך אבער האט ער אינגאנצן קיין אמונה ניט געהאט, אז דאס האט

טאקע זיין ווייב חתונה געהאט און ער האט באשלאסן ביי זיך, אז ער מוז אליין זען די קימפעטארן.

איז ער געזעסן ביים טיש, האט געוויינט און נישט געוואלט עסן. גייט צו דער בעל ברית און פרעגט אים: — פארוואס עסט איר נישט? וואס וויינט איר? ענטפערט ער — איך וויל אנקוקן די קימפעטארן.

פארדריסט דאס דעם בעל ברית: — שטיינטש, אן עזות פון אן ארימאן! ווען אנקוקן די יולדת!

קומט אן די זאך צו ר' יחזקאלען, וועלכער איז געזעסן ביים צווייטן טיש מיט די בעלי בתים. זאגט ער, אז ווען אפילו ס'איז בלויז א מין משוגעת ביים ארימאן, זאל מען אים אריינפירן צו דער יולדת און זאל ער זי אנקוקן.

פירט מען אים אריין אין איר חדר, און ווי נאר זי האט אים דערזען, האט זי אים באלד דערקאנט און פאר שרעק איז פרחה נשמתה געווארן און זי איז געשטארבן.

איז געווארן א גרויסער רעש, נישט אנדערש, נאר אז דער פרעמדער ארימאן איז עפעס א כשופמאכער, און ער איז אומיסטן געקומען זי צו טויטן. האט מען אים גענומען שלאגן. איז באלד צוגעלאפן ר' יחזקאלע ז"ל און האט אים מציל געווען פון די הענט פון די שלעגערס און גוט צו־רוקנדיק זיך צו אים, האט ער אים באלד דערקאנט.

האט ער אים דערציילט אלע וואס מיט אים האט פאסירט פון דעם צוגעגנבעטן בריוו.

האט ר' יחזקאלע פיל צער געהאט פון דעם און ער האט מקבל תשובה געווען און פון דעמאלט אן האט ער ארויסגעגעבן א מודעה, אז מען טאר זיך נישט סומך זיין קיינמאל אויפן כתב. מען מוז — ביי אן היתר נשואין — האבן עדות, וואס קאנען פערזענלעך דעם נפטר. און אליין אן א צרוף פון נאך צוויי רבנים האט ער קיין דין נישט געפסקנט, אפילו א דבר קטן. און אלע רגע האט ער ז"ל געמורמלט: רבונו של עולם שגיאות מי יבין! איך בעט דיך טאטע זיסער, מנסתרות נקני!

# ר׳ זוסי אניפאָלער און ר׳ יאָסל, יהושע וואַסערטרעגערס זון ז״ל

כידוע, האט ר׳ זוסי אניפּאָליער געוואוסט פון אַלע פאַרבאָרגענע צדיקים און ער האָט זיי געשפּייזט, כדי זיי זאָלן קאָנען דינען גאָט און ניט דאַרפן מבטל זיין זייער צייט צו זוכן פּרנסה.

האָט מען אים מן השמים מודיע געווען פון יעדן צדיק נסתר, ווער ער איז און וואו ער געפינט זיך. פלעגט שוין ר׳ זוסי ז״ל גיין בסודי סודות, קיינער זאָל ניט וויסן, און זיך נים נאָכקוקן און זיי איבערגעגעבן מזון גשמי, און ער האָט דערפאַר מקבל געווען ביי זיי מזון רוחני, סתרי תורה, וואָס נאָר מלאכים זיינען נזקק צו איר און וואָס מ׳איז זי נים מגלה צו קיין שום ילוד אשה, חוץ די צדיקים נסתרים. און זיי, די צדיקים נסתרים, האָבן ביד זיי מגלה צו זיין רק צום צדיק הדור, וועלכער איז — ווי דער כהן גדול בשעתו — מכפּר על עון הדור און ער אַליין איז דער איינציקער, וועלכער מעג קאָנען די צדיקים נסתרים.

און ווערט איינער אַ צדיק נסתר, באַוואוסט צו עמיצן, חוץ דעם צדיק הדור, ווערט זיין קיום אויף דעם עולם השפל נעֶענדיקט און ער מוז תיכף, בו ביום, נעדר ווערן, ווייל אַז מען ווייסט פון אים, ווערט ער דאָך שוין אויס נסתר. און על מנת כן, ווערט ער אַראָפּגענידערט אויף דעם עולם, צו זיין כל ימיו אַ פאַרבאָרגענער צדיק. זעקס און דרייסיק זיינען זיי כנגד ל״ו נרות חנוכה.

זעקס און דרייסיק זיינען בנגלה און זעקס און דרייסיק בנסתר.

הן פון די נגלים און הן פון די נסתרים זיינען זיי פינף און דרייסיק סתם צדיקים און איינער פון זיי איז דער צדיק הדור און דער ראש לכולם. איז מען מגלה רק צום צדיק הדור פון די צדיקים נגלים, ווער און וואו די צדיקים נסתרים זיינען.

האַט אָבער ר׳ זוסי ז״ל געוואוסט רק פון די פינף און דרייסיק צדיקים נסתרים און פון זייער ראש, דעם זעקס און דרייסיקסטן, האַט מען אים ניט מגלה געווען און וויפל ער ז״ל האַט זיך נישט אָנגעשטרענגט געוואויר צו ווערן פון אים, איז געווען ללא הועיל. ער האט וויפל מאָל דורש געווען למעלה וועגן אים, דעם ראש פון די צדיקים נכתרים, האָט מען אים גע־ ענטפערט אַז ער, דער ראש זייערער, איז בבחנת סוד ד׳ און זיין רצון איז ניט מגלה געוואָרן אפילו צום צדיק הדור בנגלה.

מילא, האָט שוין ר׳ זוסי ז״ל אויפגעהערט חוקר ודורש זיין נאָך אים.

איז אַזוי אַוועקגעגאַנגען אַ לענגערע צייט. האָט זיך געמאַכט, אַז אין אניפּאָלע איז געשטאָרבן דער וואַסערטרעגער, יהושע וואַסערטרעגער, וועל־ כער האָט געטראָגן וואַסער פאַרן גאַנצן שטעטל וועגן.

דאָס וואַסער טראָגן האָט ער געירשנט בירושה פון זיין פאָטער נאָך, און נאָך זיין טויט האָט געירשנט די חזקה פון וואַסער טראָגן, זיינער אַ זון, יאָסל. אַט דער יאָסל האָט צווישן פּראַים אויסגעזען אַ פּרא. בחיי האב, כל זמן זיין פאָטער האָט געלעבט האָט גאָר קיינער אין שטעטל כמעט ניט מרגיש געווען אין זיין קיום. ער האָט מורא געהאַט פאַר אַ מענטשן. אַז מען שמועסט אַ „פּרא", אַ ווילדער מענטש. אין חדר אריין האָט ער קיינמאָל נישט געוואָלט גיין, האָט אים דער באַהעלפער געגומען מיט גע־ וואלד, זיינען די קולות זיינע געווען אַזוי האַרצרייסנדע, אַז ס׳פלעגט אָנ־ פאַלן אַן אימה ופחד אויף יעדן. זיין קול האָט זיך געהערט איבער דעם גאַנצן שטעטל און איינער צום אַנדערן פלעג שוין געבן אַ ברום: מען שלעפּט שוין דעם וואַסערטרעגערס בנ׳אַק אין חדר אַריין, ס׳אַרא פּרא אדם דאָס וואַקסט.

און ווען דער באַהעלפער האָט אים שוין מיט גרוים מי, מיט קולי קו־ לות געבראַכט אין חדר אַריין, איז ער אונטער די הענט נעלם געוואָרן, פלינק ווי אַ פויגל איז ער געגעבן אַ לויף אַרוים און פאַרשוואונדן געוואָרן, ערשט העט שפּעט ביינאַכט איז ער געקומען אַהיים, זיך אַ וואָרף געטאָן אויפן אָרימען געלעגער און שוין האָט זיך געהערט זיין כראָפּען. אָפטמאָל פלעגט ער אפילו ניט אַהיים קומען שלאָפן.

פלעגט די מוטער זיינע האָבן שמערצן דערפון און וויינען איבער איר מאַן און אים בעטן:

— יהושע, גיי, זע וואו ס׳איז ערגעץ יאָסל.

האָט ער געענטפערט מיט כעס:

— לאָז מיך צורו מיט דיין בנאָקל, ער איז אַזאַ ווילדער, ווען אים דער גיטער יאָר ניט נעמען. אפילו די חיות האָבן מורא צוגיין צו אים, ווייל ער איז נאָך ווילדער פון אַ חיה.

האָט זיך די מוטער גוט אויסגעוויינט און ניט שלאָפנדיק אַ גאַנצע נאַכט, האָט זי בכליון עינים געוואַרט, זיך איינגעהערט אין יעדע באַוועגונג, יעדן שאָרך, טאָמער קומט ער שוין, איר זון (פּאַרט אַ מאַמע!) און ווען זי האָט אים שוין דערלעבט צו זען און זי איז צוגעלאָפן צו אים און זיך צעוויינט: — מיין קינד, פאַרוואָס פאַרשאַפסטו מיר שמערצן? וואָס קאָן זיין פון דיר? — האָט ער געגעבן אַ ברום מיט עפּעס אומפאַרשטענדלעכע רייד און זיך אַ וואָרף געטאָן אויף זיין געלעגער און איידער זי האָט געוואָלט נאָך עפּעס רעדן צו אים, איז ער שוין געשמאַק געשלאָפן און זיין כראָפּען האָט אָנגעפולט דעם גאַנצן חלל פון דער שטוב. איז די מוטער נאָך געשטאַנען אַ ווײַלע, געלאָזט אַ טרער, געשאָקלט מיטן קאָפּ און צוואַרפדיק אים די געוויינלעכע ווערטער: פרא אדם, ווילדע חיה, האָט זי שטאַרק אָפּגעזיפצט און געגאַנגען שלאָפן. אַזוי האָט זיך געפירט אַ צייט, און טאַטע מאַמע האָבן זיך פון אים שוין מיאש געווען: פאַרפאַלן, אַזוי ווען ער שוין בלייבן. די איינציקע זאָרג זייערע איז געווען: אַ קדיש לאחר מאה שנה. ער, יאָסל, איז געווען ביי זיי אַ בן יחיד; קיין עברי קאָן ער ניט, אין חדר וויל ער ניט גיין, ער קאָן אפילו ניט קיין מודה אני און ווער וועט זאָגן קדיש נאָך זיי?

איינמאָל, ווען זיי זיינען ביידע, — יהושע מיט זיין ווייב — געזעסן און געזאָרגט וועגן אַ קדיש לאחר מאה שנה, איז יאָסל אָנגעקומען פונם וואַלד ערגעץ, צי מי יודע פון וואַנען.

האָבן טאַטע מאַמע אַזוי כלאחר יד אַ וואָרף געטאָן עטלעכע ווערטער:

— ביי לייטן, אַז מען האָט אַ קינד, ווייסט מען כאָטש, אַז איבער הונדערט יאָר איז דאָ ווער ס'זאָל זאָגן אַ קדיש, און מיר זיינען געשטראָפט, ס'איז דאָ אַ זון און מיר וועלן שטאַרבן אָן אַ קדיש.

גיט זיי יאָסל אַן ענטפער אָפּ: „די עמער מיט וואַסער קאָנען זאָגן קדיש און ברענגען אין גן עדן אריין" און... זיך אַ וואָרף טוענדיק אויפן געלעגער, האָט זיך שוין געהערט זיין כראָפּען, „פרא אדם", האָבן טאַטע מאַמע אים צוגעוואָרפן מיט בייזע בליקן און אויך געגאַנגען שלאָפן.

די נאכט אָבער האָבן זיי ניט געשלאָפן. זיי האָבן פיל גע־
ליטן פון זייער זונס זאָג: „די עמער וואסער קאָנען אויך זאָגן קדיש", וואָס
א פּרא אדם פאַרגינט זיך צו זאָגן.

און אזוי רעדנדיק צווישן זיך אויף די געלעגערס, פאַלט אים איין א
געדאַנק, און ער כאַפּט אים אויף מיט פרייד:

— הער גאָר, — זאָגט ער צו איר — אפשר איז ער אויף אַן אמת
מאַקע גערעכט, אונזער בנאָק, דער פּרא אדם? זיך קויפן עולם הבא דורך
די עמער מיט וואַסער. איך וועל אָנהויבן טראָגן וואַסער צו זוסילען, בחנם,
אָן געצאָלטס.

און איבעררעדנדיק צווישן זיך עטלעכע מאָל פון דער גוטער המציאה,
זיינען זיי מיט פריילעכע הערצער איינגעשלאָפן.

אויף מאָרגן אָזונט, ווען ער האָט געענדיקט דאָס וואַסער־טראָגן, האָבן
זיי זיך ביידע אָנגעטאָן אין בגדי שבת און זיינען אוועקגעגאַנגען צו ר'
זוסילען.

— רבי, — האָט יהושע וואסערטרעגער זיך געווענדעט צו ר' זוסין
ז"ל — מיר זיינען אָרימע לייט, איך בין כל ימי א וואסערטרעגער, איך
האָרעווע שווער און ביטער אויף דער וועלט צו פאַרדינען דאָס שטיקל
ברויט און מיר האָבן געמיינט, אז איבער הונדערט יאָר וועלן מיר, איך
מיט מיין ווייב. זיך אויסרוען, און אונזער איינציקער זון וועט אונז דורך
זיין קדיש זאָגן אויסלייזן פונם גיהנם. איז אָבער גאָטס רצון אַנדערש גע־
ווען. אונזער זון באַגערט גאָר ניט צו לערנען. ער איז שוין א גרויסער בחור.
ער דאַרף שוין ווערן באַלד בר מצוה און ער קאָן ניט קיין מודה אני, קיין
ברכה, וויל ניט גיין אין חדר, אַנטלויפט אין וואַלד אריין און פוסטעוועט
דאָרטן אַ גאַנצע טעג. וויל איך, רבי, צו אייך טראָגן וואַסער בחנם,
און איר זאָלט אונז מבטיח זיין, רבי, א שטיקעלע גן עדן, זיצן אפילו
אויף דער הוילער ערד, ביי דער טיר, איך מיט מיין ווייב, מיר וועלן
דאָרטן טאָן אַלע עבודות קשות, אבי ניט זיין אין גיהנם. אַז גאָטס רצון
איז, מיר זאָלן תמיד האָרעווען, וועלן מיר עס מקבל באהבה זיין. אָבער
ניט אין גיהנם, אַ קליין שטיקעלע גן עדן, פאַר מיר און פאַר מיין ווייב.

ר' זוסי ז"ל איז שטאַרק נתפעל געוואָרן פון די פשוטע און תמימות־

דיקע רייד פונם וואסערטרעגער און פון זיין ווייבס צנועותדיקער הסכמה און ער ז"ל האט זיך אנגערופן:

— אז דו וועסט מיר טראגן וואסער בחנם, וועט דיר אויספעלן אויף פרנסה. ביסט שוין אויסגעמוטשעט, אויסגעהארעוועט. וואס קאן איך דען טאן פאר אייערטוועגן? רק זאגן א קאפיטל תהלים. נעם-זשע אליין א תהילימל און דו מיט דיין ווייב זאגט אלע טאג עטלעכע קאפיטלעך תהלים, וועט איר אייך קויפן א שיין פלאץ אין גן עדן.

— רבי, — האט יהושע וואסערטרעגער געענטפערט — איך ווייס אבער נישט קיין פרוש המלות. איך פארשטיי נישט וואס איך זאג. איך זאג די עברי אויך ניט כדבעי.

— ניט דער עיקר איז דער פרוש המלות — האט ר' זוסי ז"ל אים געזאגט — דער עיקר איז די כונה און גאט ברוך הוא פארשטייט שוין וואס מען זאגט.

יהושע וואסערטרעגער מיט זיין ווייב זיינען אהיימגעגאנגען צופרי־דענע און האבן אנגעהויבן אלע אונט, פארן שלאף, צו זאגן תהלים, ביז זיי זיינען איינגעשלאפן.

שבת און יום טוב האבן זיי פארבראכט רק אין זאגן תהלים, זייער זאגן איז געווען מיט א שמחה, מיט כונה, פונקט ווי די ערשטע מזמורים, וועלכע זיינען געזאגט געווארן פון דוד המלכם מויל ע"ה.

האט ר' זוסי ז"ל מרגיש געווען און ער האט מכון געווען די צייט פון יהושע וואסערטרעגער מיט זיין ווייבס תהלים זאגן, האט ער אויך ארויסגענומען א תהילימל און געזאגט תהלים, אין דערביי געזאגט:

— זוסי, זוסי, האסט אפגעלעבט אויף דער וועלט אזוי פיל יארן און נישט געוואוסט ווי אזוי גאט צו דינען, ביז יהושע וואסערטרעגער מיט זיין ווייב האבן דיר געוויזן א דרך פון עבודת ד'. צו וואס זוסי, האט דיר געטויגט צו ווערן א רב, בעסער ווערן א וואסערטרעגער! יהושע וואסערטרעגער שלעפט ארויף דיין תהלים למעלה — שיין אזוי, זוסי?!

ווען יהושע וואסערטרעגער איז געשטארבן, איז ר' זוסי ז"ל נאכ־געגאנגען דער מטה און ווען ס'איז נסתם הגולל געווארן, האט ער געזאגט דעם ערשטן קדיש ביי זיין קבר, געהייסן דער חברה משניות לערנען פאר יהושע וואסערטרעגערס נשמה משניות און אין זינען האבן זיין יאר־

צייט. און ער האָט אויסגעפירט: אַן אמתער צדיק איז ער געווען, אַן עובד ד' בתמימות אָן שום פניות.

איז נאָך זיין טויט געקומען זיין זון יאָסל, אָט דער פּרא אדם און האָט איבערגענומען זיין טאַטנס חזקה, אָנגעהויבן צו טראָגן וואַסער. האָט קיינער אין אניפּאָלע ניט געהאַט קעגן דעם גאָר ניט. שוין פון עטלעכע דורות אַז די פּרנסה פון וואַסערטראָגן גייט איבער ביי זיי בירושה.

איז ער אָבער געווען אַ חושמדיקער, תמיד פאַרטראַכט, און דאַרטן וואו ער האָט אָנגעהויבן צו גיסן וואַסער, האָט ער געקאָנט גיסן און גיסן. דאָס פעסל איז איבערגעפולט געוואָרן און דאָס וואַסער האָט זיך שוין צוגאָסן איבער דער שטוב, איבערן הויף. אָבער ער האָט אַלץ געגאָסן אהין. האָט מען געשריען, גערעדט, איז ער געווען ווי טויב. ניט געהערט וואָס מען רעדט צו אים, ביז מ'האָט אים גענומען ביי דער האַנט, אים אַרויס־געפירט אין דרויסן און פאַרקייטלט די טיר מיטן קייטל. איז ער גע־גאַנגען מיט די עמער וואַסער אין דער צווייטער שטוב, און אָנגעהויבן צו גיסן אַזוי לאַנג אין פעסל, ביז ס'איז געוואָרן אין שטוב ווי אין אַ טייך. און אויך דאָרטן האָט מען אים געמוזט אָננעמען ביי די ידים ממש, אים אַרויספירן און פאַרקייטלען די טיר. האָט ער געטראָגן דאָס וואַסער אין אַן אַנדער נאָענטער שטוב. אַקעגן אָבער זיינען פיל הייזער געווען אָן וואַ־סער. האָט מען געשריען צו אים, זיך געבייזערט: סטייטש, יאָסל, מען דאַרף צושטעלן אָנבייסן קאָכן און ס'איז נישטאָ קיין טראָפּן וואַסער. און ער, יאָסל, גלייך ווי נישט אים מיינט מען, קוקט ערגעץ תמעוואַטע אין דער וועלט אריין, פאַרטראַכט און טוט זיך זיין זאַך, גיסט אין איין פעסל, ביז מען פירט אים אַרויס און מען פאַרקייטלט די טיר. איז גע־וואָרן אַ רעש אין שטעטל: אָט, דער פּרא אדם טויג אפילו ניט פאַר קיין וואַסערטרעגער. מוז מען צונעמען אַן אַנדער וואַסערטרעגער. האָט מען אָבער מורא פאַר חזקה. גייט מען זיך באַראַטן וועגן דעם ענין מיט ר' זוסין ז"ל. זאָגט ער ז"ל, אַז מ'זאָל אים שיקן צו אים, וועט ער אַליין פּרואוון איבערעדן מיט אים, אַגב וויל ער טאַקע אים קאָנען דעם „בר נש", יהושע וואַסערטרעגערס זון.

גלויבט מען נישט צי ער וועט וועלן גיין צו ר' זוסילען. אַזאַ בריאה, אַזאַ פּרא אדם!

נאָר דאָך פּרואווט מען זיך און מען שיקט צו אים טאַקע ר' זוסילעס

משמש און ער זאָגט אים: יאָסל, דער רבי, ר' זוסי האָט גוזר געווען זאָלסט קומען צו אים, ער דאַרף דיך נויטיק האָבן.

ווי ער האָט דאָס דערהערט, האָט ער אַוועקגעשטעלט אויפן אָרט די קראָמעפּל מיט די עמער און איז געלאָפן צו ר' זוסין.

ווי ר' זוסי האָט אים דערזען, האָט ער זיך אויפגעשטעלט, אַקעגנ־געגאַנגען, אים אויסגעשטרעקט די האַנט און אויסגערופן:

— שלום עליך מורי ורבי! שוין אַזוי פיל יאָרן ווי איך זוך אייך, פאַרוואָס האָט איר זיך ניט געוואָלט מתגלה זיין צו מיר?

— רבי, — האָט ער אים געענטפערט — איך האָב געוואָלט איינ־פירן ביי די נסתרים אַ נייעם דרך: „בזעת אפיך תאכל לחם". ניט גע־שפייזט ווערן דורך אַ בשר ודם.

— פאַרוואָס־זשע טראָגט איר ניט כשורה די וואַסער, „מצוות צריכות כונה" און אַז די אַרבעט איז ביי אייך אַ מצוה, דאַרפט איר זי טאָן מיט כונה, געבן יעדן זיין מאָס וואַסער.

— רבי, — האָט ער געענטפערט — וואָס קאָן איך טאָן, אַז ס'איז מיר בשום אופן ניט קיין יכולת איבערצורייסן מיינע מחשבות פון עול מלכות שמים, אפילו אַ רגע כמימרא, איז מיר שווער צו קוקן דאָ, אויף דער ערד.

— וואָסזשע קאָן מען טאָן? — האָט ר' זוסי אים געפרעגט. — די בעלי־הבתים ווילן אייך אָפּזאָגן פון חזקה, ווייל איר טוט ניט די עובדה בשלמות.

— רבי, — האָט ער, יאָסל, אים צוריקגעפרעגט — גיט איר מיר אַן עצה טובה.

נאָכדעם ווי ר' זוסי ז"ל האָט געהאַט אַ ישוב הדעת מיט אים, האָט ער איבערגעגעבן די חזקה פון וואַסערטראָגן צום שיל שמש און ער איז געוואָרן שיל שמש.

דער שיל שמש איז צופרידן געווען, וואָס ער האָט פונם וואַסער טראָגן געהאַט כפלים הכנסה ווי פונם שמשות. און יאָסל איז געווען צו־פרידן, ער האָט דאָ געקאָנט טאָן זיין עבודה בשלמות, ניט איבעררייסנדיק זיינע מחשבות פון עול מלכות שמים אפילו אַ רגע כמימרא, און מער פון אַלע איז ר' זוסי ז"ל געווען צופרידן וואָס ער האָט אויסגעפונען דעם זעקס און דרייסיקסטן צדיק נסתר, דעם ראש פון די ל"ו'ניקעס, יאָסל, יהושע וואַסערטרעגערס זון.

# ר׳ זוסי אניפאָלער זצ״ל

איינמאָל, ווען ר׳ זוסי אניפאָלער ז״ל האָט זיך געוואָלט שטעלן דאַ־ווענען און האָט געוואָלט אָנהויבן מכון זיין זיין הארץ, האָט ער ניט גע־קאָנט. האָט ער געפּרואווט זיך אָנשטרענגען עפּעס וואָסערע ס׳ניט איז כונה מכון צו זיין, האָבן זיך פון אים אָלע מחשבות אָפּגעטאָן.

האָט ער געוואָלט מתפלל זיין צו השי״ת, איז די תפלה ניט געווען שגורה בפיו. האָט ער געוואָלט טאָן דאָס מיטל, וואָס איז בדוק ומנוסה: וויינען, ווייל „שערי דמעות לא ננעלו״, האָט ער קיין טרערן פון די אויגן ניט געקאָנט ארויסברענגען. האָט ער פארשטאַנען, אַז דאָ איז אַ גרויסער קטרוג ר״ל אויף אים און מ׳האָט סותם געווען אָלע שערים, איז ער באַלד אַוועק אָפּצוזוכן דעם שיל שמש, יאָסל, יהושע דעם וואָסערטרעגערס זון, וועלכער איז געווען דער ראש פון די ל״ו צדיקים נסתרים און האָט ביי אים חוקר ודורש געווען די סיבה פון זיין קטרוג. האָט אים יאָסל דער שמש געזאָגט, אַז דאָס איז דערפאַר, ווייל איינער פון די ל״ו צדיקים נסתרים, וועלכער וואוינט דריי פרסאות ווייט פונם שטעטל, אין אַן עק דאָרף, זיצט שוין דריי טעג מיט זיין פאַמיליע אָן עסן, ווייל ס׳איז דאָרטן אַ מאָל און אַזוי ווי ס׳האָט געדענגט די וואָך, איז פאַרטרונקען געוואָרן אַ שטיק וועג וואָס פירט פון דאָרטן צום שטעטל. זיצן זיי בתענית שוין דריי טעג און דריי נעכט.

— וואָסזשע בין איך שולדיק? — פרעגט ר׳ זוסי.

— ווייל — האָט אים יאָסל געענטפערט — דער מנהיג העיר טאָר ניט מסיח דעת זיין אפילו אַ רגע פון אָלע אידן, וואָס וואוינען אין שטאָט און ארום איר תחום; ער, דער מנהיג העיר, מוז וויסן בכל רגע, ווי יעדער איד, אפילו די תנוקות אין די וויגעלעך לעבן און דאַרף מרגיש זיין אָלע זייער הרגשות; ער דאַרף זיי באַגלייטן אין אָלע זייערע מחשבותן, ווייל ער איז דער מרכז, דאָס הארץ פון אָלע זיינע אידן, וואָס זיי באַשיצן זיך אונטער זיינע פליגל. און ווען ער פילט ניט דעם צער פון יעדן איינעם,

אפילו דעם צער פון א זויג קינד, וואס ליידט צוליב א פוסטער זאך, טאר ער קיין מנהיג ניט זיין און ער ווערט פאר יעדן צער, וואס עמיצער ליידט, א לוקה בגופו און אויך בנשמתו, אויב ער איז ניט א חוזר בתשובה בזמנו. און דו, דער ראש פון די ל"ו צדיקים בנגלה, וואס דו ביסט ווי דער כהן גדול בשעתו, דארפסטו האבן במחשבה און ניט מסיח דעת זיין פון קיין אידישן נפש, וואס געפינט זיך בכל פנות העולם; דו, דער מנהיג הדור, האסט מסיח געווען פון א גאנצער משפחה, פון א צדיק נסתר!

האט ר' זוסי ז"ל זייער פיל צער געהאט פון דעם און האט אויף זיך תיכף מקבל תשובה געווען; און יענעם טאג, נאך תפלת ערבית, איז ער, צוזאמען מיט יאסל שמש, אוועק דורך קרומע וועגן אין יענעם דארף, וואו די הונגער ליידנדע משפחה וואוינט, מיטנעמענדיק מיט זיך א זאק מיט שפייז.

ווען זיי זיינען צוגעקומען צום וואסער, האט ר' זוסי ז"ל געוואלט א קלאפ טאן מיטן שטעקן און אויסטריקענען דאס וואסער. האט יאסל שמש א געשריי געטאן:

— זוסי, זיי ניט מטריח דעם בורא.

זיינען זיי געגאנגען ביזן האלדז אין וואסער, און ווען זיי האבן שוין מער ניט געקאנט גיין אין וואסער, האט יאסל שמש א זאג געגעבן: „פקוח נפש דוחה מים". האט דאס וואסער זיך אפגערוקט אין א זייט, ביז זיי זיינען איבערגעגאנגען.

ווען זיי זיינען אין שטוב פונם ל"ו'ניק אריינגעקומען, האבן זיי גע־טראפן דאס גאנצע הויז מענטשן פארחלשטע פון הונגער, האט יאסל שמש א זאג געגעבן:

— גו, זוסי, זיי מחיה די נפשות, וועסטו מקיים זיין „כל המקיים נפש אחת מישראל, כאלו קיים עולם מלא" און דאס וועט דיר ממרק זיין דיינע זינד מער פון האלב.

האט ר' זוסי תיכף ארויסגענומען עסן און טרינקען און ער האט זיי מאכיל און משקה געווען. ער האט אוועקגעלייגט דעם זאק מיט עסן און דער ל"ו'ניק האט אים איבערגעגעבן די חדושי תורה, וואס מ'האט יענע וואך מחדש געווען אין דער מתיבתא דרקיע און דערנאך האבן זיי זיך צוריקגעקערט אהיים אויפן זעלבן וועג. דאס וואסער האט געווארט

אויף זיי ביז זיי זיינען איבערגעגאנגען, און נאכדעם האט עס זיך צו־ריקגעקערט אויף זיין מקום.

ווי זיי גייען אזוי, גיט יאסל שמש א פרעג:

— זאג מיר מיין פריינט זוסי, ווילסטו תיכף, נאך היינט, האבן מריקות עון, אדער ווילסטו אז דיין עון זאל זיין תלוי ועומד?

האט ר׳ זוסי זיך אנגערופן:

— צו וואס ווארטן אויף שפעטער, איך וויל בעסער האבן דעם שם „הויה" ברוך הוא לנגדי תמיד, ניט דער „עון" זאל זיין חקוק לנגדי. האבן זיי זיך פלוצים דערזען ווייט פון דער היים, אין א פרעמדער געגנט און די הימלען האבן זיך שרעקלעך פארוואלקנט און ס׳האט אנגעהויבן גיסן א רעגן. געבן זיי א קוק מן הצד און דערזעען א קרעטשמע. גייען זיי אריין אין קרעטשמע צו באשיצן זיך פונם רעגן. נעמט זיי דער ארענדאר זייער שיין צו, בסבר פנים יפות. וואשן זיי זיך די הענט, זיינען טועם עפעס פונם עסן, וואס דער ארענדאר האט זיי מכבד געווען און נאכן בענטשן האט ער זיי אויסגעבעט צוויי געלעגערס, איינעם אויפן אויוון און איינעם הינטערן אויוון.

זאגט יאסל שמש צו ר׳ זוסין:

— זוסי, דו ביסט מרא דאתרא, קומט דיר דער אויבנאן, און איך בין דער שמש, קומט מיר דער הינטן. וויל ניט ר׳ זוסי און שפארט זיך מיט אים, אז ער זאל גיין פון אויבן.

גיט יאסל שמש א קוק אויף אים און שרייט אויס:

— זוסי, געדענק, „אין מסרבין".

קריכט ער, ר׳ זוסי ז״ל ארויף אויפן אויוון און ער, יאסל שמש ז״ל, לייגט זיך פון אונטן. מיד און נאס זיינען זיי געווען, האבן זיי פיל הנאה געהאט פון דער ווארימקייט און פון דער רו און זיינען געשמאק אנטשלאפן געווארן אין א זיסן, רואיקן שלאף.

באלד האבן זיי דערהערט אין שטוב א גרויסן רעש און זיי האבן זיך אייפגעכאפט.

א גוי פונם דארף האט חתונה געמאכט א קינד, האט ער איינגעלאדן כמעט דאס גאנצע דארף גוים אין קרעטשמע אריין, צו טרינקען און טאנצן כטוב לבם ביין. קוקן זיי זיך ארום און דערזעען די פרעמדע אידן (ר׳ זוסין און דעם שמש), געפעלט זיי אפחוזקן פון זיי. גייען זיי צו

נאָענט באַטראַכטן זיי און ס'בלייבט ביי זיי, ביי די גויים, מען זאָל נע־
מען דעם אידן פון אויפן אויוון.

שלעפן זיי אַראָפּ ר' זוסין צום ערשט, לייגן אים אַוועק אויפן טיש און מען ציילט אים אָפּ דרייצן מלקות, און מען שלעפּט אים טאַנצן. מילא, א ברירה האָט ער נעבעך, מוז ער טאַנצן. טאַנצט ער אַזוי לאַנג, ביז ער פאַלט אַוועק א פאַרחלשטער. לאָזן זיי אים ערשט אָפּ. רוקט ער זיך אָפּ, שלעפּט זיך קוים אַרויף אויפן געלעגער און ליגט קרעכצנדיק. רוט ער זיך אוים א שעה צייט. גייען די גויים נאָכאַמאָל צו צו אים, שלעפן אים ווידער אַראָפּ, לייגן אים אַוועק אויפן טיש, ציילן אים אריין דרייצן מלקות און שלעפן אים נאָכאַמאָל טאַנצן. טאַנצט ער אַזוי לאַנג, ביז ער פאַלט אַוועק א פאַרחלשטער, לאָזן זיי אים אָפּ און ער גייט צוריק צו זיין געלעגער.

זאָגט אים יאָסל שמש:

— ווייסטו וואָס, זוסי, נאָך וואָס זיך שלעפן פון אויבן, איך וועל מיך שוין לייגן פון אויבן און לייג זיך שוין דו פון אונטן, ס'קומט דאָך דיר נאָך דרייצן מלקות, וועסטו דאָך סיי ווי מוזן נאָכאַמאָל גיין צום טאַנץ.

קריכט שוין יאָסל שמש אַרויף אויבן און ער, ר' זוסי, לייגט זיך פון אונטן.

רוט ער זיך אוים א שעה צייט, קומען נאָך אַמאָל צו די שכורע גויים און זאָגן:

— דער פונם אויפן אויבן איז שוין שוואַך, געגנוג אים אָנגעמאַטערט, וועלן מיר שוין איצט נעמען דעם אידן וואָס ליגט פון אונטן, הינטערן אויוון. און מען שלעפּט אַרוים ר' זוסין, מען לייגט אים אַוועק אויפן טיש, מען ציילט אים אָפּ דרייצן מלקות און מען פאַרמאַטערט אים מיטן טאַנצן און מען לאָזט אים אָפּ. און די גויים זאָגן איינער צום אנדערן: גענוג, מיר זיינען שוין מיד, לאָמיר זיך צעגיין אהיים אויסרוען. און זיי גייען אַוועק און ס'ווערט שטיל און רואיק.

— איצט — זאָגט יאָסל שמש צו ר' זוסין — קום, זוסי אַרוים אין פעלד, וועלן מיר אָפּריכטן חצות און מיר וועלן זיך אומקערן אהיים. איך דאַרף גיין טאָן מיין עבודה אין שיל. דיינע ל"ט מלקות ביסטו שוין אָי־בערגעקומען. אשריך ואשרי חלקך, אז וואויל איז צו דיר און וואויל איז

דיין חלק, וואָס דו ביסט געווען א ליקה בגוף און ניט חו"ש א לוקה בנשמה.

האָט ר' זוסי ז"ל גערופן אויף אן אסיפה אַלע פּרנסים פון גאַנצן אומגעגנט, מקרוב ומרחוק, און זיי האָבן ארויסגעלאָזט א כרוז איבער דער גאַנצער וועלט, בכל תפוצות ישראל, אז יעדער פּרנס בכל אתר ואתר, אין יעדן אָרט, איז מחויב צו זאָרגן ניט נאָר פאַר די צרכי העיר בכלל, נייערט אויך פאַר יעדן פּרט באַזונדער; אבטונג צו געבן, אז קיין נפש מישראל זאָל חו"ש ניט ליידן קיין הונגער און דורשט משום דחקו. ווייל, „כל המקיים נ פ ש א ח ת מישראל, כאלו קיים עולם מלא", דער וואָס דערהאַלט ביים לעבן איין אידישן פּערזאָן, איז גלייך, ווי ער וואָלט דער־האַלטן ביים לעבן א גאַנצע וועלט. ווייל ס'איז א בפירושע ברייתא: „כלל ופרט וכלל, אי אתה דן אלא כעין הפרט". פונם פּרט ווערט צונויפגע־שטעלט דער כלל. און דער וואָס וויל מקריב זיין א פּרט צוליב א כלל, איז ער א מקלקל, א מבלי עולמניק. דער פּרט איז במילא דער כלל. און דער פּרנס אָדער מנהיג העיר, וואָס עס וועט זיך געפינען אין זיין גבול איינער, וואָס וועט ליידן דחקות, איז ער בנדוי, און וועט זיין א לוקה בנשמתו, — ווייל בזמן הזה האָט ניט ביד דאָס בית דין צו משפּטן מלקות.

ר' זוסי ז"ל און אַלע פּרנסים האָבן זיך געהתמעט אויף דעם כרוז און אים צעשיקט בכל תפוצות ישראל.

און כל ימי ר' זוסי און די דאָמאָלסדיקע פּרנסים און מנהיגים פון די אידישע קהלות האָט מען גוט אַבטונג געגעבן, אז קיין אידישער נפש זאָל ח"וש ניט ליידן קיין דחקות אין פּרנסה. האָבן זיך אידן געלעבט גוט און געדינט גאָט; זיינען די מנהיגים און די פּרנסי הצבור געווען עוסקים בצרכי צבור באמונה. האָט זיי גאָט ב"ה באַצאָלט זייער שכר, זיינען זיי אַלע געווען געזונט און שטאַרק, קיינמאָל פון קיין קרענק ניט געוואוסט, ניט פון חולת הגוף און ניט פון חולת הנפש. און הקב"הו האָט זיי געשיקט ברכה און הצלחה און אַלע זייערע מעשים און וואוהין זיי האָבן זיך פונה געווען האָבן זיי מצליח געווען אין אַלע זייערע עסקים.

היינט איז דער כרוז שוין לאַנג ערגעץ פאַרפאַלן געוואָרן און צו־ריסן, ר. זוסי אניפּאָלער איז שוין לאַנג אין די עולמות העליונים און פון די דאָמאָלסדיקע פּרנסים און מנהיגים איז שוין לאַנג קיין זכר ניטאָ.

לעבן אידן אין גרוים דחקות און די פרנסי הצבור מיט די מנהיגי העיר קוקן זך ניט אום אויף זיי. ווילן קיינמאל ניט וויסן און ניט מרגיש זיין בצערן של תלמידי חכמים.

זיי ־עדן תמיד פונם כלל און דער פרט, יעדער יחיד באזונדער, לעבט אין גרוים דחקות.

קיין בית דין האט ביי היינטיקער צייט ניט קיין חזקת צו משפטן מלקות. זיינען זיי דערפאר, אט די אלע פרנסים און מנהגים לקוים ר״ל, און... נאר דאס איז שוין גאר אן אנדער ענין, וואס געהער זיך מיט אונ־זער ספור המעשה גאר ניט אן...

# ר׳ מרדכי נעסכיזשער זצ״ל

בידוע, איז ר׳ מרדכי נעסכיזשער ז״ל געווען אין ענין צדקה־געבן אין א גאר הויכער מדרגה, שאין למעלה ממנה. אויבער דעם, וואס ער האט זיך געטיילט מיט די עניים, חלק כחלק, פון אלץ וואס ער האט פארמאגט, האט ער גענומען אונטער זיין שוץ אלע עלנטע, בפרט אלמנות און יתומים. איז ערגעץ געווען א יתומה א בוגרות, האט ער נישט גערוט, ביז ער האט נישט געפונען פאר איר קיין חתן, א תלמיד חכם און א מיוחס.

ווען דער צד החתן האט אים געפרעגט אויפן יחוס פון דער כלה, פלעגט ער ז״ל זאגן מיט גרוים תמימות:

— וואס רעדט איר! איר יחוס? ווי קאן נאך זיין א גרעסערער יחוס פון א יתום. גאט ברוך הוא אליין איז דאך דער אבי יתומים! נו, אזא מחותן!

און ער פלעגט זיך משתדל זיין אויסצוקליידן די כלה כדרך הנגידים און די חתונה איז געווען מיט גרוים פאראד. ער ז״ל איז געווען אליין טרוד ביי יעדער זאך און פלעגט זיך אלע מאל אויסדריקן: גאט ברוך הוא מאכט חתונה זיין טאכטער פלונית בת פלונית. נו, דארף מען אים משמש זיין און האבן טרוד אביסל, אמאי האט ער אזויפיל טרוד פון מיינעטוועגן, ער קוקט אויף מיר בכל רגע, ער לאזט מיך פון אויג נישט אפ. נו, קען איך אמאל האבן א זכיה, ביי א שמחה פון זיינער א טאכטער זיך מטריח זיין און משמח זיין חתן־כלה.

און א חתונה האט ער אפגעפראוועט, איז שוין געווען וואס צו הערן און וואס צו זען.

מאכט זיך אמאל, אז דער נעסכיזשער ז״ל האט חתונה געמאכט אן ארימע יתומה, איז אין נעסכיזש געווען ששון ושמחה.

עטלעכע קאמפאניעס כלי זמר פון די ארומיקע שטעט זיינען איינ-

געלאַדן געוואָרן שפּילן אויף דער חתונה. דאָס גאַנצע שטעטל געסכיזש האָט זיך מיטגעפרייט.

קודם החופּה איז דאָרטן געווען אַ מנהג, אַז מ'האָט די כלה געפירט טבילה האָבן באַגלייט מיט די כלי זמר.

פירן זי די כלי זמר מיט מוזיק, צום מרחץ צו. גייט נאָך דאָס גאַנצע שטעטל, בפרט קינדער שטופּן זיך און פּלאָנטערן זיך פאַר די פיס. איז אַ קליין מיידעלע אַריינגעפאַלן אין מקוה אריין, אומבאַמערקט פון קיינעם.

ווען מ'האָט זיך שוין פון לאַנג צוריקגעקערט און מ'איז שוין גע-גאַנגען צו דער חופּה, האָט זיך די מוטער פון קינד אומגעקוקט, אַז איר קינד איז ניטאָ.

האָט מען עס ארומגעזוכט אומעטום און עס ניט געפונען..

איז די מוטער געוואָרן זייער אומרואיק און אַזוי ווי מ'האָט זיך נאָר וואָס אומגעקערט פון דער חופּה, איז זי אַריינגעלאָפן צו ר' מרדכין ז"ל און אים דערציילט, אַז איר קינד איז פאַרפאַלן געוואָרן ערגעץ.

איז ער ז"ל תיכף געוואָרן בלייך ווי קרייד און אַ רוף געטאָן זיין משמש און אים געזאָגט:

גיי באַגלייט די אידענע צום מרחץ און זאָלסט זוכן אין מקוה.

איז דער משמש באַלד אַוועק אין מרחץ און די מוטער פון קינד לויפט אים נאָך מיט אַ געוויין, און ער האָט ארויסגעצויגן דאָס קינד פון מקוה טויט. האָט זי געכאַפּט דאָס טויטע קינד און איז אַוועק מיט דעם צו ר' מרדכין און אויסגערופן:

— רבי, מיין קינד איז טויט! ראַטעוועט!

איז ער ז"ל דערציטערט געוואָרן און האָט אויסגערופן:

— התחת אלהים אני? בין איך דען אַנשטאָט גאָט מחיה מתים צו זיין?

האָט זי זיך שטאַרק צעוויינט אויף אַ קול:

— רבי, איז אַזוי דער יושר, אַז אייער שמחה זאָל מיר ברענגען טרויער?

דערווייל איז די גאַנצע שמחה פון דער חתונה אָפּגעשטעלט גע-וואָרן. אַלע פּנימער זיינען געוואָרן פאַרמרה־שחורהט. די כלי זמר האָבן זייערע אינסטרומענטן אַוועקגעלייגט און דאָס געוויין פון דער מוטער

מיטן טויטן קינד אויף די הענט האָט אַרויסגערופן גרויס צער ביי יעדן.

די כלה האָט פאַר צרות געחלשט און מ׳האָט זי קוים דערמונטערט.

און ר׳ מרדכי ז״ל איז געזעסן פאַרמחט און נאָר געמורמלט די ווערטער: „התחת אלהים אני?״ בין איך דען אַנשטאָט גאָט מחיה מתים צו זיין?

ווען די מוטער פון קינד האָט געזען, אַז ס׳העלפט איר גאָרנים און דאָס קינד אויף אירע הענט איז טויט, איז זי צוגעלאָפן צום רבינס שלאָף־צימער, איז אַריין אינעווייניק, האָט אַוועקגעלייגט דאָס טויטע קינד ביי ר׳ מרדכין אויפן בעט, אַרויסגעגאַנגען און צוגייענדיק צו ר׳ מרדכין, האָט זי אויסגעשריען:

— האַלט אייך מיטן מת, ער ליגט ביי אייך אויפן בעט; איצט וועל איך אייך היטן די טריט, איך וועל אייך ניט אַפּלאָזן, ביז איר וועט מיר ניט אָפּגעבן מיין לעבעדיק קינד! צוליב אייער שמחה וויל איך ניט ליידן! פרעגט אפילו אַלע מענטשן, וואָס זיינען דאָ, וועט איר אַליין הערן, אַז אַלע וועלן זאָגן, אַז איך בין גערעכט!

ר׳ מרדכי ז״ל איז דערציטערט געוואָרן און האָט געווענדעט זיין בליק צום גאַנצן עולם. גלייך ווי ער וואָלט געפאָדערט אַן עצה און אַ באַשטעטי־קונג אויף אירע רייד, צי איז זי טאַקע אין אמתן גערעכט.

האָט די כלה אויסגערופן:

— רבי, די אידענע איז גערעכט! איר זיינט בכח, מאַכט איר לע־בעדיק איר קינד!

— וואָס? — האָט ר׳ מרדכי זיך געווענדעט צו דער כלה — דו זאָגסט אויך, אַז איך האָב בכח! אַלע האָט איר זיך אָנגעוואָרפן אויף מיר! פאַרוואָס זאָגסטו בעסער ניט דיין טאַטן, דעם אבי היתומים? ער האָט דאָך אודאי בכח! ער איז דאָך דער מחיה מתים! איצט, בשעת שמחה, ביי זיין טאַכטער אויף דער חתונה, ווען ער איז בשעתא דחדותא, קאָנסטו אים בעטן און אים זאָגן:

— טאַטע, צוליב דיין טאָכטערס חתונה איז דאָס קינד דערטרונקען געוואָרן, מאַך עס צוריק לעבעדיק!

האָט די כלה אים נאָכגעזאָגט די זעלבע ווערטער:

— טאַטע, צוליב דיין טאָכטערס חתונה איז דאָס קינד דערטרונקען געוואָרן, מאַך עס צוריק לעבעדיק!

ווי זי האָט אויסגערעדט די עטלעכע ווערטער, האָט דאָס פנים ביי־

ר' מרדכין אנגעהויבן צו שיינען און ער האט א רוף געטאן דעם משמש און אים געזאגט:

— גיך ברענג מיר צו די כלי הקודש פון ר' מיכלע זלאטשעווער.

ר' מיכלע זלאטשעווער ז"ל האט אמאל מוכר געווען ר' מרדכין א שאל, א געוויינלעכע שאל, וואס מען נוצט אויף טרינקען טיי אין איר. צוזאמען מיט דער שאל האט ער אים אויך מוסר געווען דעם סוד פון קטורת. ר' מרדכי ז"ל האט די שאל אנגערופן כלי הקודש, און ווען ס'האט זיך עמיצער געניטיקט אין גרויס רחמים, פלעגט ער ז"ל באנוצן די כלי, אנגיסן וואסער אין איר, מיט דעם וואסער האט ער געהייליקט די הענט מיט די פיס און בשעת מעשה מכון געווען די כוונות וואס ר' מיכלע ז"ל האט אים מוסר געווען און דאס האט געבראכט די נויטיקע הילף, בדוק ומנוסה.

אבער, ר' מרדכי ז"ל האט זיך ניט געוואלט משמש זיין מיט דער כלי, ביז מען האט אים ניט געגעבן קיין רשות מלמעלה, ווייל די כלי האט ר' מיכלע באקומען א מתנה פונם היכל „קן צפור" און מ'האט אים מזהיר געווען, אז אן א רשות מלמעלה זאל ער זי ניט נוצן און נישט מטריח זיין דורך איר דעם בורא. און על מנת כן האט ר' מיכלע זי מוסר געווען במתנה צו ר' מרדכין.

ווען דער משמש האט אים דערלאנגט די שאל מיט וואסער, איז ער אריינגעגאנגען מיט דער כלי אין שלאף־צימער, וואו דאס קינד איז געלעגן טויט אויף זיין בעט. ער האט אינגאנצן איינגענעצט זיין פאטשיילע אין וואסער, מכון זייענדיק בשעת מעשה די נויטיקע כונות און מיט דעם געוואשן זיינע הענט און ארומגענעצט זיינע פיס.

דערנאך האט ער גענומען אביסל פון דעם וואסער און ארומגעוואשן דאס פנים פונם טויטן קינד. באלד האט דאס קינד אויפגעעפנט די אויגן און אויסגעשריען: — מאמע! מאמע!

האט ר' מרדכי ז"ל אויפגעעפנט די טיר און א רוף געטאן די מוטער פונם קינד:

— זייט זשע מוחל! זייט זשע מוחל! גייט, נעמט אייך צו אייער קינד!

די מוטער איז אריינגעלאפן מיט א גרויסער איבערראשונג פון פרייד, א כאפ געטאן דאס קינד אויף אירע הענט און אויסגערופן:

— הייליקער רבי! איר האָט מיר מחיה מתים געווען מיין קינד!

האָט ער ז"ל זיך צעבייזערט אויף איר און זיך אָנגערופן:

— שטיל, נארישע אידענע! איך בין א בשר ודם, און א בשר ודם קאָן ניט מחיה מתים זיין, דאָס האָט זי מחיה מתים געווען דער כלהס פאָטער, דער מחותן, דער אבי יתומים. גיב אים א לויב און א דאנק, זיי משמח זיין טאָכטער, די כלה, וואָס האָט אים געבעטן דערויף.

איז די אידענע מיטן קינד געבליבן א גאנצע נאכט אויף דער חתונה און צוזאַמען מיטן גאנצן עולם, זיך משמח געווען אויף דער חתונה.

און א צייט מיט יאָרן האָט מען אין נעסכיזש דערציילט די מעשה מיטן דערטרונקענעם קינד, וואָס דער נעסכיזשער, ר' מרדכי ז"ל, האָט עס לעבעדיק געמאַכט דורך די כלי הקודש, וואָס ער האָט באַקומען במתנה פון ר' מיכלע זלאָטשעווער ז"ל.

און דאָס א דאנק דעם געבעט פון דער כלה, דער יתומה, ביי איר אויף דער חתונה.

# דער רבי ר׳ אלימלך פון ליזענסק און ר׳ מיכלע זלאטשעווער ז״ל

אמאל, אין מיטן דער סעודת ראש חודש, זיינען אריינגעקומען צוויי אידן מיט זייער א רייכן אויסזען צום רבין ר׳ אלימלך ז״ל.

דער גבאי, דערזעענדיק צוויי רייכע אידן מיט פיטערנע טילעפעס — ס׳איז געווען ר״ח שבט — האט ער זיי ארויפגענומען אויבנאן, צעשטופט דעם עולם און געמאכט פאר זייערט ווענן א באקוועם ארט. דער רבי ר׳ אלימלך האט אויף זיי געגעבן אן אומצופרידענעם בליק און ווען איינער פון זיי האט אויסגעשטרעקט זיין האנט, מקבל שלום זיין ר׳ אלימלכן, האט ער ז״ל זיך אנגערופן:

— צו וואס געבן איך צוויי שלומס, איך וועל אייך ביידע געבן איין שלום, כמאמר הכתוב: אין שלום אמר ד׳ לרשעים, און ער האט אויסגעשטרעקט ביידע הענט מיטאמאל צו זיי און באלד זיי א כאפ געטאן צוריק און זיך אנגערופן:

— פע, ניט שיין, אין אזא קעלט, און איר זענט נאקעט! ר״ח שבט, און אין אזא פראסט, זענט איר אזוי נאקעט, מען קאן פשוט פארפרוירן ווערן א קוק צו טאן אויף אייך.

— רבי ,מיר גייען גוט אנגעטאן — האט איינער מעיז געווען צו זאגן.

— וואס! אנגעטאן! — האט ר׳ אלימלך א געשריי געטאן — דו מיינסט, אז אלימלך זעט ניט? אלימלך זעט גוט, אז איר זענט צוויי נא־קעטע נשמות, „מהני נשמין דאזלין ערטילאין", פון די נשמות, וואס גייען ארום נאקעט.

אלעמענס אויגן זיינען געווענדעט געווען צו זיי און פילנדיק זיך גע־שטאבן פון די בליקן פונם גאנצן עולם און שטארק פארשעמט פון די רייד

פונם רבין ר' אלימלך, האָבן זיי אָנגעהויבן זיך ארויסצורוקן פונם טיש.

האָט דאָס ר' אלימלך באמערקט און אויסגערופן:

— אזוי, אזוי! איר ווילט אנטלויפן! מיינט איר, אז אלימלך וועט אייך אַפּלאָזן פונם אויג? אלימלך האָט ב"ה א וויטן קוק. גייט ניט אוועק, און זאָגט מיר קודם כל: פון וואַנעו זענט איר?

— פון א דאָרף לעבן זלאָטשעוו, — האָבן זיי אים געענטפערט.

— קאָנט איר דאָך דאָרטן אודאי דעם גרויסן צדיק ר' מיכלען? — האָט ר' אלימלך זיי געפרעגט.

ווען זיי האָבן דערהערט דעם נאָמען פון ר' מיכלען, זיינען זיי געוואָרן בלייך, אָנגעהויבן צו ציטערן און זיך צעוויינט אויף א קול און אויסגעשריען:

— רבי, איר זענט א נביא! ס'איז פאַר אייך קיין שום פאַרבאָרגענע זאַך ניטאָ אויף דער וועלט! גיט אונז ארויס א תשובה! מיר האָבן חרטה אויף אלע אונזערע מעשים רעים, וואָס מיר האָבן געטאָן.

זיי האָבן זיך אזוי צעוויינט, אז אלע ביייוועזנדע האָבן באַקומען א גרויס רחמנות אויף זיי און זיי האָבן מיטגעוויינט מיט זיי. איז דער רבי ר' אלימלך געוואָרן אין דער הקפדה אויפן עולם און זיי פאַרגעוואָרפן: זעט נאָר ווי זיי האָבן זיך עס צעוויינט! אום ראש חודש וויינען? אויף וועמען האָט איר עס באַקומען אזא רחמנות? אויף אזעלכע רשעים, וואָס ווערן דן, ניט אויף קיין י"ב חודש בגיהנם, נאָר לעולם ועד אין כף הקלע.

דערהערט אזעלכע דבורים פונם רבין ר' אלימלך, איז דער גאַנצער עולם דערציטערט געוואָרן און די צוויי אידן האָבן געהעכערט זייער בכיות, געפאַלן פאַר די פיס פון ר' אלימלכן און געיאָמערט: רבי, גיט אונז א תשובה!

האָט ר' אלימלך זיך צעשריען:

— וואָס זענט איר געקומען מיר פאַרשטערן סעודת ראש חודש? ווער האָט געשיקט נאָך אייך? גייט אייך!

דאָ האָבן זיך אריינגעמישט אייניקע מקורבים און אים געבעטן:

— רבי, שערי דמעות לא ננעלו, די אידן האָבן חרטה אויף זייערע זינד. תשובה איז מועיל. רבי, גיט זיי ארויס א תשובה!

— נו — האָט ר' אלימלך געענטפערט — שטייט אויף, און דערציילט אוים אליין בפני כל עם ועדה אייער חטא, און איך וועל דאָ זעצן

אַ בית־דין און צו אונז מצרף זיין דאָס בית דין של מעלה און מיר וועלן אייך אַרויסגעבן אַ תשובה. אולי וועט זי אָנגענומען ווערן פאַר גאָט און אייער גרויסע זינד וועט נתכפר ווערן.

און זיי האָבן אָנגעהויבן צו דערציילן:

— מיר זיינען שותפים אין אַ גרויס געשעפט, וואָס מיר האָבן אין דאָרף, מיר ווערן פון טאָג צו טאָג רייכער. און ביי אונז אין געשעפט איז געווען אַ שרייבער, וואָס האָט פאַרשריבן אַלצדינג, וואָס מען דאַרף איז געפירט די ביכער. כאָטש מיר האָבן אים געצאָלט קליינע שכירות, האָט ער זיך דאָך דורכגעלעבט בכבוד און זיך נאָך אויך אויפגעבויט נאָענט צו אונזער געשעפט אַ קליין שטיבל פאַר זיך און פאַר זיין משפחה. געלעבט האָט ער אַ רואיק, שטיל און בכבודיק לעבן. און מיר זיינען געווען צופרידן פון אים, איבערהויפּט צוליב זיין נאמנות, געווען אַ זייער ערלעכער מאַן.

תחלת, ווען אונזער געשעפט איז נאָך קליין געווען, האָבן מיר אים זייער געשעצט, אים אָפּגעגעבן כבוד. מיר האָבן אָנערקענט, אַז ער איז אַ געלערנטער מענטש און אַ בכבודער. אָבער וואָס מער מיר זיינען רייכער געוואָרן, האָבן מיר אים אַלץ גרינגער געשעצט און געקוקט אויף אים מגבה אל הנמוך, פון אויבן אַראָפּ. ווען מיר זיינען שוין אריין אין די גרויסע אלפים, האָבן מיר אויף אים געקוקט ערגער ווי אויפן משרת. זיין איידלקייט האָט אונז גערייצט די נערוון.

מיר האָבן געגאַרט צו זען אַ וועלט מיט געשעפטן, מיט געלט, ניט קיין „געלערנטע". פאַרשטייט זיך, אַז מיר האָבן אים אויף זיינע שכירות ניט געהעכערט די גאַנצע צייט, כאָטש אַרבעט האָט ער געהאַט פון טאָג צו טאָג אַלץ מער און מער. האָט ער געבעטן אַמאָל אַן הוספה, האָבן מיר אים גוט אויסגעזידלט. קיין אַנדער אַרבעט האָט ער ניט געקענט און קיין אַנדער געשעפט ביי אונז אין דאָרף, וואו ער זאָל קאָנען זיין אַ שרייבער, איז ניט געווען, האָט ער געמוזט לעבן בדוחק ובצמצום גדול און שווייגן, ביז ער איז קראַנק געוואָרן און האָט ניט געקאָנט קומען אַ צייט פון צוויי חדשים צו דער אַרבעט. האָבן מיר אים ניט געוואָלט באַצאָלן פאַר די צוויי חדשים די שכירות. האָט ער זיך באַקלאָגט פאַר ר' מיכלע זלאָטשע־ווער. האָט ר' מיכלע אונז געשיקט רופן לדין, און אונז געהייסן מיר זאָלן דעם שרייבער באַצאָלן די שכירות פאַר אַלע טעג וואָס ער איז קראַנק געווען און אונז געזאָגט מוסר, פאַרוואָס מיר גיבן אים ניט קיין הוספה

אויף זיינע שכירות. האט דאס אונז זייער שטארק פארדראסן, פארוואס ער זאגט אונז דעות אין אונזערע געשעפטן, האבן מיר אים געענטפערט, שלא כדר כבוד, און זיין פסק דין האבן מיר ניט אויסגעפאלגט, און להכעים ר' מיכלען האבן מיר דעם שרייבער אפגעזאגט פון זיין שטעלע, געפארן אין א נאענט שטעטל און געבראכט אן אנדער שרייבער און ער איז געבליבן אן פרנסה. ער איז ארומגעפארן ארום די שטעטלעך זוכן אן אנדערע שטעלע, אבער צוליב זיין שוואכקייט, איז אים שווער געווען ערגעץ וואו זיין שטיקל ברויט צו געפינען.

ר' מיכלע האט צו אונז געשיקט עטלעכע מאל זיין משמש און אונז געווארנט, אז מיר זאלן אים צוריק צונעמען צו אונז פאר א שרייבער, אבער מיר האבן זיך אויסגעלאכט פון ר' מיכלעס רייד. ביז דער שרייבער איז שטארק קראנק געווארן פאר הונגער און פאר יסורים און איז באלד געשטארבן.

ווען מ'האט אים געבראכט מקבר זיין אין שטעטל, איז ר' מיכלע נאכגעגאנגען נאך דער לויה און אים מספיד געווען און זיך אויסגעדריקט אז מיר האבן אים שופך דמים געווען. האט דאס אונז זייער שטארק פאר-דראסן און מיר זיינען געפארן צום פריץ, וואס זלאטשעוו און אונזער דארף געהער צו אים און מיר האבן מלשין געווען אויף ר' מיכלען, אז ער רעדט אן אלע ארענדארן, זיי זאלן צאלן ווינציקער ארענדע געלט. מיר האבן אזויפיל אנגערעדט דעם פריץ, ביז מיר האבן פועל געווען, אז ער זאל ר' מיכלען נעמען תפוס.

אט פארן מיר איצט פונם פריץ, מארגן דארף מען אים נעמען תפוס, נאר אזוי ווי מיר האבן באקומען א מרה שחורה און מורא באקומען, מיר זאלן ניט נענש ווערן, האבן מיר צווישן אונז אפגעשמועסט צו פארן צו אייך, געבן א פדיון, וואס זאל אונז אפהיטן פון אן ענוש. האט איר, הייליקער רבי, דערקענט אויף אונז אונזער גרויסן חטא. און דאס זאגנדיק, האבן זיי זיך שטארק צעוויינט.

דער גאנצער בייוועזנדער עולם איז שטארק נתפעל געווארן פון דער געשיכטע און פון דער זינד, אויף וועלכער זיי אליין, די פושעים, האבן זיך מתודה געווען און דער רבי ר' אלימלך ז"ל האט זיך אנגערופן:

— נו, היינט איז דאך ראש חודש, „ראשי חדשים לעמך נתת, זמן

כפרה לכל תולדותם". לאמיר עגדיקן די סעודה, וועלן מיר זען וואס מיר האבן צו טאן.

נאכדעם ווי מ'האט אפגעגעסן און אפגעבענטשט, האט ר' אלימלך ז"ל גענומען צו זיך צוויי זקנים פון זיינע מקורבים. זיי האבן זיך אלע דריי מתבודד געווען אין זיין התבודדות־צימער אויף צוויי שעה צייט. דערנאך זיינען זיי ארויסגעקומען און ר' אלימלך האט זיך אנגערופן צו די צוויי פושעים:

— מיר, דער בית דין של מטה, בצרוף דעם בית דין של מעלה, האבן מיר מסכים געווען ארויסצוגעבן די תשובה און אויב איר וועט זי אויספאלגן און מקיים זיין, וואס מיר וועלן אייך הייסן, וועלן אייערע זינד פארגעבן ווערן און מכלל הן אתה שומע לאו. גייט אהיים, פארקויפט אלע אייערע נכסים און דאס געלט זאלט איר געבן ר' מיכלע זלאטשעווער אין די הענט, ער זאל עס צעטיילן צו עניים הגונים לומדי תורה. און איר זאלט באלד פארן צום פריץ און זיך מודה זיין, אז וואס איר האט דער־ציילט אויף ר' מיכלען, איז א שקר מוחלט, א בלבול. דערנאך זאלט איר זיין נע ונד א יאר נאכאנאנד, גיין מעיר לעיר ומכפר לכפר און אין יעדער שטאט, וואס איר וועט קומען, זאלט איר אין בית המדרש, בפני עם ועדה, אויסדערציילן די געשיכטע, כדי אידן זאלן הערן און זיך אראפנעמען א מוסר השכל. למען ישמעו וייראו ולא יזידון עוד, כדי זיי זאלן הערן און מורא האבן און מער ניט זינדיקן.

און קודם כל זאלט איר בעטן מחילה ביי ר' מיכלען און אים בעטן די הסכמה אויף אונזער תשובה, אויב ער וועט מסכים זיין און איר וועט אויספאלגן, וועט זיין וסר עונכם וחטאתכם תכופר.

די צוויי אידן האבן אויסגעפאלגט אלץ וואס ר' אלימלך האט זיי גע־הייסן. ר' מיכלע האט געגעבן זיין הסכמה און זיי זיינען א גאנץ יאר געווען נע ונד, און אין יעדן ארט, וואו זיי זיינען געקומען, האבן זיי אין שיל, בפני עם ועדה, אויסדערציילט זייער גאנצן חטא און אידן האבן אויסגעהערט, זיך אראפגענומען א מוסר השכל און מקיים געווען וחי אחיך עמך. ניט מקפח געווען דעם שכר פון זייערע מענטשן וואס האבן געארבעט ביי זיי און זיי ניט מדחה געווען פון זייער פרנסה, כל ימי חיי ר' אלימלך און ר' מיכלע. זייער זכות זאל מגין זיין אויף אונז און אויף כל ישראל, אמן.

# דער ב"ה ר' יואל סירקיש און דער ט"ז ר' דוד ברי' שמואל הלוי ז"ל

בידוע, זיינען אויך די זיווגים פון די ל"ו צדיקים-נסתרים צדיקית נסתרות.

און נאך פון די ארבעים יום קודם היצירה באקענען זיי זיך און זיי לערנען אויס די גאנצע סתרי תורה, וואס כ'ווערט געלערנט אין דער מתיבתא דרקיע און די תורה געדענקען זיי לעולמי עד.

און ווען ס'קומט די צייט פון זייער חתונה, דערקענען זיי זיך און נאך דער חתונה חזרן זיי צוזאמען איבער די גאנצע סתרי תורה, וועלכע זיי געדענקען נאך פון פאר דער יצירה.

און אויב על פי טעות, אדער דורך עפעס אן הגרמה חטא פון די עלטערן, ווערט אויסגערופן אלס זיווג פונם צדיק נסתר א פראסטע, ניט קיין צדיקת נסתרת, דאן ליידן זיי ביידע דערנאך פיל צער, זי — ווייל זי רעכנט אים אלס אן עם הארץ און ער, וואס ער קאן ניט אויספירן צו זיין א נסתר א לענגערע צייט. דאן ווערט נגזר מן השמים: אדער זיי ווערן צו־שיידט דורך א גט פטורין און ער טוט א צווייטן שידוך, וואס איז בידוע על פי מעשיו, און ער האט חתונה פאר א צדיקת נסתרת, אדער די שכינה מוז זיך פון אים אפטאן און ער ווערט אוים צדיק נסתר. און דעמאלט ווערט פארגעסן פון אים די גאנצע סתרי תורה, וואס ער האט אמאל גע־לערנט אין דער מתבתא דרקיע. די תורה אין נגלה אבער בלייבט ביי אים. נאר צער ליידן זיי ביידע, ביז השי"ת העלפט זיי און איז ממרק זייערע יסורים.

איינער פון יענע ל"ו צדיקים נסתרים, וואס אלס זיווג איז אויסגערופן געווארן ארבעים יום קודם היצירה א פראסטע נשמה, ניט קיין צדיקת נסתרות, איז געווען ר' דוד, דער מחבר פונם „טורי זהב". און מעשה שהיה כך היה:

דער זיידע פום ב"ח (בית חדש) און דער זיידע פונם ט"ז (טורי זהב) זיינען געווען דיינים, ביידע אין איין שטאָט. האָט זיך אַמאָל געמאַכט א שאלה אויף א געקוילעטער בהמה, א שאלת הריאה און עס איז געווען א הפסד מרובה ביי טריף מאַכן זי, ווייל דער קצב איז געווען א גרויסער אביון ר"ל און זיין האנדל איז געווען רק מיט פרעמד געלט, וואָס ער האָט אנטליען בתורת הלואה, ביז נאָכן פלייש פאַרקויפן. און ס'איז געווען דערמאָלט די צייט, ווען די ערלים עסן ניט קיין פלייש; און ווען די בהמה זאָל טריף ווערן, דאַרף ער דאָס גאַנצע פלייש אַרויסוואַרפן פאַר די כלבים.

איז ער געגאַנגען מיט דער שאלה צו די דיינים. ווען זיי האָבן גענומען קלערן וועגן דער שאלה, האָט דער קצב אין גרוים עגמת נפש אויסגערופן: רבנים, געדענקט ביים דין אויך זוכן אַ כּ־סל רחמים. ס'איז ביי מיר א הפסד מרובה, איך האָב א ווייב מיט קינדער און ווען חס ושלום ס'וועט טריף, קומט מיר אוים צו הונגערן מיט מיין ווייב און קינדער, ווערן אוים קצב און נאָך דערצו: א לוה רשע ולא ישלם. ווייל איך וועל ניט האָבן פון וואַנען צו דעקן מיין חוב.

זיינען די צוויי דיינים געוואָרן אין דער הקפדה, וואָס דער קצב וויל זיי משחד זיין מיטן אויסדערציילן פאַר זיי זיין שלעכטן מצב און מעורר רחמים זיין. האָבן זיי אויף אים זיך אויסגעבייזערט און א געשריי געטאָן: שותפו של עמלק! אין רחמים בדין!

איז ער זייער מבויש געוואָרן און געמורמלט: די תורה האָט אויך רחמנות על ממונם של ישראל.

און זיי, כאָטש זיי האָבן געקאָנט אויסגעפינען א צד היתר, האָבן זיי די בהמה טריף געמאַכט און דער קצב איז געבראָכן געוואָרן פון זיין מעמד פרנסה, האָט ער זייער געוויינט און געזאָגט: רבונו של עולם, מיר זאָלסטו העלפן ממקום אחר, און די דיינים זאָלסטו באַצאָלן פאַר מיין ביוש. באותה שעה איז נגזר געוואָרן, אַז די יוצאי ירך פון ביידע דיינים זאָלן מכפּר זיין און ממרק זיין די עונות פון זייערע עלטערן דורך יסורים. וכך הוה:

ר' דוד איז געבוירן געוואָרן אַלס א צדיק נסתר, איינער פון די ל"ו צדיקים נסתרים. האָט דער חטא פון זיינע אבות גורם געווען, אז קודם היצירה ארבעים יום. האָט מען אים מכריז געווען אַלס זיין זיוג א פּראָסטע

נשמה, ניט קיין צדיקת נסתרת. א טאכטער פונם ב"ח, וועלכער האט געדארפט ממרק זיין דעם עון פון זיינע אבות.

ווען ר' דוד האט זיך דערוואוסט פון זיין גורל, אז זיין זיווג איז אן אשה פשוטה, האט ער ניט געהאט קיין חשק התונה צו האבן און זיך באנוצט מיט בן עזים מיטל פון נפשי חשקה בתורה און האט מדחה געווען זיין זמן פון חתון.

זיין פרנסה איז געווען א מוכר בשר, א קצב.

בנגלה האט ער זיך באוויזן אלס אן עם הארץ גמור. א פארגרעבטער יונג. בנסתר אבער האט ער געלערנט די סתרי תורה, וועלכע ער האט געלערנט אין דער מתיבתא דרקיע. נאך פאר דער יצירה און ער האט שופך דמעות געווען כמים און מתפלל געווען צו השי"ת, אז ער זאל ניט מאכן פארגעסן פון אים די סתרי תורה.

דער ב"ח, ר' יואל סירקיש ז"ל, איז געווען רב אין דער זעלבער שטאט אין וועלכער ר' דוד ז"ל איז געווען א קצב, און ער, ר' דוד, פלעגט אלע טאג ברענגען פלייש צו ר' יואלן אויף מיטיק.

אזוי ווי ר' יואל האט געדאוונט מיטן צוויטן מנין און ער האט נאך באדארפט אין די רבינו ת"ם תפילין לערנען זיינע שעורים, איז ער יעדן טאג אהיימגעקומען פונם דאווענען זייער שפעט. פלעגט דערפאר דער קצב ברענגען אהינצו דאס פלייש אויך זייער שפעט.

גאר פרי, פארן דאווענען, פלעגן קומען די בחורים, לומדי תורה, וואס לערנען אין זיין בית המדרש, אים פרעגן פשט אין דעם למוד, א שטיקל גמרא, א תוספות צו א מהרשא וכדומה. דער ב"ח האט געהאט א טאכטער, שוין א בוגרות. זוכט ער, דער ב"ח, א שידוך פאר איר און ס'איז אים שווער צו באקומען אזעלכן ווי ער וויל און ווי אים שטייט אן.

די שדכנים שלאגן אים פאר טאג-טעגלעך שידוכים און ר' יואלן געפעלן זיי ניט. אדער דער יחוס איז נפגם, אדער דער בחור החתן ווערט געשטרויכלט אין לערנען בשעת ער איז אים מבחין.

און ער, ר' יואל ז"ל, וויל דוקא א למדן מופלג בתורה און א בר אבהן, א יחוס, ער זאל האבן מיט וועמען זיך צונויפקומען — לאחר מאה שנה — אויף יענעם עולם. ווערט זיין בוגרות עלטער און עלטער און די רביצין זיינע, ר' יואלס פלונית, הויבט אים אן אלע מאל מזכיר זיין:

— דו ווייסט, אונזער טאָכטער איז שוין קיין עין הרע א בת שש עשרה, א בת שבע עשרה.

און ער ז"ל ענטפערט:

— גאָט ברוך הוא וועט איר צושיקן איר רעכטן זיוג, ווען די צייט וועט קומען. מען קאָן ניט דוחק זיין די צייט.

און אזוי איז אוועקגעגאנגען א טאָג נאָך א טאָג, א יאָר נאָך א יאָר, די שדכנים ווערן ניט מיד און הערן ניט אויף צו רעדן קיין שידוכים און אלץ ניט דאָס וואָס ער מיינט און וויל.

דערמאָנט אים זיין פלונית א גמרא: „נחות דרגא וסיב אתתא", לאָז זיך אראָפּ א טרעפּ נידעריקער און נעם א ווייב.

ענטפערט ער ז"ל: במה דברים אמורים? ווען זיינען די רייד גע-זאָגט געוואָרן? ביי אן איש, אָבער ניט ביי דער אשה.

דערמאָנט זי אים נאָך א גמרא: „בתך בגרה שחרר עבדך ותן לה". איז דיין טאָכטער געוואָרן דערוואקסן, באפריי דיין קנעכט און גיב אים איר פאַר א מאַן. האָט ער ז"ל געענטפערט:

— מיין פרוש איז בית חדש — א נייע שטוב, ווייל איך אין דעם „בית חדש" אריינגעמען פאַר מיין טאָכטער א מאַן, ער זאָל באַשיינען דעם בית חדש מיט „טורי זהב", שורות גאָלד, ווי אין פסוק שטייט: „טורי זהב נעשה לך".

מילא, האָט זי געהאַט גרויס אמונה אין איר הייליקן מאַנס דבורים און האָט געוואַרט אויף דער הילף פון גאָט ברוך הוא, ער זאָל באַשערן איר טאָכטער א חתן, וואָס זאָל זי באַשיינען מיט „ציילן גאָלד".

ווען איר טאָכטער איז שוין געוואָרן א בת עשרים, גייט זי אריין צו איר מאַן אין זיין התבודדות צימער און זאָגט אים: „הער, אונזער טאָכטער איז שוין קיין עין הרע למעלה מעשרים. מער וויל איך ניט וואַרטן. איך וויל אז מאָרגנדיקן טאָג זאָל זי ווערן א כלה! באם לאו, וועל איך דיך ניט לאָזן לערנען און ניט דאַווענען!

האָט ער ווידער געפּרוּווט זי מדחה זיין, אָבער, זי איז געווען באחת: זי האָט געפאָדערט פון אים זיין וואָרט, ער זאָל איר צוזאָגן בהן שלו, אז מאָרגנדיקן טאָג ווערט זי פארקנסט בשעה טובה ומוצלחת. אלא ניט, וועט זי אים ניט לאָזן דאַווענען און ניט לערנען.

ער האָט געפּרואווט נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל מיט איר טענהן, אָבער אומזיסט.

זעענדיק, אַז די צייט גייט אַוועק לבטלה, און דערווייל קאָן ער ניט לערנען און אָט באַלד איז שוין זמן מנחה, האָט ער זיך אָנגערופן:

— נו, מיין ווייב, איך זע דאָך, אַז השי"ת הייסט אַזוי. זאָג איך דיר בהן שלי, אַז מאָרגן גאַנץ פרי, וועט דער ערשטער „רוק" (וואָס האָט ניט קיין פרוי), וואָס וועט אַריינגיין אין אונזער הויז, ווערן אונזער טאָכטערס חתן. וויפל נדן און קעסט ער וועט וועלן אפילו מגלימא דעל כתפאי, דאָס קלייד וואָס אויף מיין אַקסל, וועל איך אים געבן.

ער ז"ל איז געווען זיכער, אַז ווי תמיד, וועט דער ערשטער אַריינגייער זיין איינער פון די בחורים, לומדי תורה, פון זיין בית המדרש, וואָס קומען אינדערפרי פאַרן דאַווענען, פרעגן אַ שטיקל גמרא, תוספות, מהר"שא. דאָך זעלבע איז אויך געווען זיין פלונית זיכער און ווען זי האָט איבערגעגעבן איר מאַנס באַשלוס צו איר טאָכטער, האָט זי צנועתדיק געענטפערט:

— די ווערטער פון טאַטע און מאַמע זיינען ביי מיר הייליק ווי תורת משה און איך וועל קיינמאָל ניט זיין קעגן זייערע רייד.

און צופרידענע, מיט אַ תפילה צום בורא עולם, ער זאָל אַריינשיקן גאַנץ פרי צום ערשטן דעם ריכטיקן זיוג, זיינען זיי געגאַנגען שלאָפן.

גאַנץ פרי האָבן די גאַנצע בני בית זיך געפעדערט בהשכמה און אָנגעשטרענגט מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ, האָבן זיי געהאַלטן זייערע אויגן אָנגעשטרענגט צו דער טיר.

און... די טיר האָט זיך אויפגעעפנט און ס'האָט זיך באַוויזן אין שטוב דוד קצב. ער האָט זיך היינט געפעדערט צו ברענגען דאָס פלייש.

די רביצין איז געוואָרן בלייך ווי קאַלך. די טאָכטער איז געפאַלן אין חלשות און, ער, ר' יואל, איז דערציטערט געוואָרן.

— זע נאָר ווי זיי האָבן זיך עם דערשראָקן! — האָט דער קצב אויסגערופן מיט אַ גראָב קול פון אַן עם הארץ. איר האָט מיך ניט דער־קענט? איך בין דוד קצב. איך וויל היינט פאַרן אין אַ צווייטן דאָרף קויפן אַ בהמה, צעטייל איך היינט פאַרפרי דאָס פלייש.

ווען ער האָט אַ קוק געטאָן דער פאַרחלשטער אין פנים אַריין, האָט

זי זיך באַלד אויפגעכאַפּט. ער האָט זיך אויסגעקערעוועט אַוועקצוגיין.
רופט ער, ר׳ יואל ז״ל, אים צוריק און זאָגט אים:

— אייל דיך ניט אַוועקצוגיין, דוד, איך האָב מיט דיר צו רעדן עפּעס נויטיקס.

— איך האָב קיין צייט ניט, זאָגט מיר גיך וואָס איר דאַרפט מיר זאָגן — האָט דער קצב געענטפערט.

— זיץ מיין קינד — האָט ר׳ יואל אים ווייך געבעטן — איך דאַרף מיט דיר זייער נויטיק רעדן וועגן אַ וויכטיקן ענין.

— נו, — האָט ער נאָכגעגעבן — אַז דער רב הייסט, וועל איך זיצן.

— הער, — האָט ר׳ יואל אָנגעהויבן — איך וויל אַז דו זאָלסט ווערן מיין חתן, זאָלסט נעמען מיין טאָכטער פאַר אַ כלה.

— איך, אַזאַ עם הארץ, זאָל ווערן דעם רבס איידעם — האָט ער געלאַכט — איר מאַכט חוזק פון מיר.

— ניין, — האָט ר׳ יואל געזאָגט — איך מאַך ניט חוזק. נאָר איך ווייס, אַז דו ביסט מיין טאָכטערס זיווג.

— נו, אויב איך בין אייער טאָכטערס זיווג — האָט דער קצב געענטפערט, וויל איך דריי הונדערט רענדלעך גדן און דריי יאָר קעסט, נאָר באופן מיר געבן עסן פליייש אינדערפרי און אָוונט. איך בין פאַרשטייט איר מיך, אַ קצב און בין געוואוינט צו עסן צוויי מאָל אין טאָג פלייש.

אַ ברירה האָט ער געהאַט, ער האָט דאָך געזען אַז אַלץ איז מן השמים, האָט ער נאָכגעגעבן און בייטאָג נאָכן דאַווענען, זיינען געווען פאַרזאַמלט ביים ב״ה אין שטוב אַלע בחורים, לומדי תורה און די פּני העיר און צו אַלעמענס גרויס באַוואונדערונג האָט מען געשריבן תנאים צווישן רבס טאָכטער מיטן קצב דוד. ווען מען האָט געהאַלטן אין מיטן תנאים שרייבן, האָט דער חתן זיך געוועגדעט מיט זיין גראָבן קול: למען השם, זאָל מען אָנשרייבן: פליייש! אָנבייסן און וועטשערע, מיר געבן פליייש!

דער מחותן, די מחותנסטע און די כלה זיינען זייער פאַרשעמט געוואָרן פון זיין עמי הרצישער פאָדערונג. דער עולם האָט זיך קוים איינגעהאַלטן ניט צו לאַכן. איין בחור, וואָס האָט געוואָלט זי נעמען פאַר אַ כלה און דער ב״ה האָט אים ניט געוואָלט, ווייל ער איז נכשל געוואָרן אין אַ דין פון ספק ספיקא, האָט מיט אַ ביון אַ זאָג געגעבן צו זיינעם אַ חבר:

— ווי מעג ער עסן פלייש? ס'איז דאך א בפרושע גמרא: „עם הארץ אסור לאכל בשר". ער איז ניט קיין עם הארץ — האט אן אנדערער זיך גע הכמהט — ער איז א לייב, און אונזער רב האט זיין טאכטער געבונדן פארן לייב.

און נאר דער גרויסער כח פון דער אמונה אין גאט האט געשטארקט ר' יואלן, זיין ווייב און זייער טאכטער איבערצוטראגן די יסורים מיט דער בושה פונם חתן. נאך דער חתונה האט ער, דוד קצב, ניט געוואלט מותר זיין אויף קיין איין מאלצייט, אז ס'זאל ניט זיין קיין פלייש. און ער פלעגט ניט איין מאלצייט פארשטערן מיט עם הארצישע ווערטער, מיט קולות, אז דאס פלייש איז שלעכט, ס'איז צו ווינציק.

איינמאל האט מען אפגעקאכט צו מיטיק פייגעלעך. האט ער גענעבן א וואָרף דעם טעלער מיטן פלייש און אויסגעשריען: איך האב בפרוש פריער אויסגערעדט מיט אייך „פלייש" און אין חומש שטייט: והצפור, און דער פויגל, לא בתר, איז ניט פלייש (בתר הייסט צושניידן און בשר הייסט פלייש). האט זיך ר' יואל צעלאכט פון זיין טייטש און האט אים געוואלט געבן צו פארשטיין דעם אונטערשיד פון בתר, ביז בשר. אבער ער האט זיך ניט געלאזט רעדן און איז ברוגז געווארן, איבערגעלאזט דאס ווייב און ער איז אוועק.

קיינער האט ניט געוואוסט וואו ער איז אהינגעקומען. ער איז דריי יאר געזעסן אין א ישיבה ערגעץ און געלערנט און בייגאכט, ווען אלע זיינען געשלאפן האט ער געשריבן דעם פרוש „טורי זהב".

נאך דריי יאר איז ער אהיימגעקומען צו זיין ווייב און זיך אנגע־רופן: איך האט דיר געבראכט א מתנה, „טורי זהב", ציילן גאלד. און ער האט איר איבערגעגעבן די געשריבענע פאפירן.

ווען דער ב"ח האט אריינגעקוקט אין זיי און זיך צערעדט מיט אים און געזען זיין גרויס לומדות, האט ער שוין פארשטאנען, אז גאט האט זיי געשטעלט אין נסיון. און ער האט ערשט דערמאנט זיין ווייב די הבטחה, אז זייער טאכטערס חתן וועט אריינברענגען „טורי זהב" אין זיין „בית חדש".

האָבן זיי זיך אַלע משמח געווען און געדאַנקט און געלויבט גאָט, פאַרן גרויסן חסד וואָס ער האָט געטאָן מיט זיי.

די סתרי תורה איז פון ר׳ דודן נשתכח געוואָרן. אין נגלה אָבער איז ער געווען זייער גרויס און ער און זיין קינד און קינדסקינד, ביזן פערטן דור, זיינען זיי געזעסן על כסא הרבנות און האָבן מרביץ תורה געווען בישראל. זייער זכות זאָל מגין זיין אויף אונז און אויף כל ישראל.

# ר׳ מאירל פּרעמישלאַנער ז״ל

ביי ר׳ מאיר פּרעמישליאַנער ז״ל איז געווען אַ מקורב, וואָס האָט געוואוינט אין אַ דאָרף ווייטער מיט צוויי מייל פון פּרעמישליאַן. יאָסל מינצים האָט ער געהייסן, אויפן ווייבס נאָמען. זי, זיין ווייב מינצי, האָט געהאַלטן אַ קלייטל אין דאָרף און דערפון געשפּייזט בדוחק איר בני בית.

און ער, יאָסל, איז געזעסן אַ גאַנצע וואָך ביי ר׳ מאירל פּרעמישליאַנער און געלערנט און אַלע פרייטיק האָט ר׳ מאירל אים אהיימגעשיקט צו זיין בני בית. איז ער אָפּגעווען אין דער היים ביז נאָך הבדלה און האָט זיך בייגאַכט, פאַר מלוה מלכה, אומגעקערט צו ר׳ מאירלען, און צוזאַמען מיטן רבין און די מקורבים געפּראַוועט מלוה מלכה.

אזוי האָט ער זיך געפירט אַ צייט מיט יאָרן, פרייטיק איז ער געקומען אהיים און שבת צי נאַכטס זיך צוריקגעקערט צום רבין קיין פּרעמישליאַן.

און זי, זיין ווייב מינצי. האָט געטראָגן אויף זיך דעם גאַנצן יאָך פון דער שטוב און זיך קיינמאָל ניט באַקלאָגט דערויף; קיינמאָל ניט מתרעם געווען אויף איר מאַן. אדרבה. זי איז נאָך גאָר צופרידן געווען, וואָס איר מאַן זיצט על התורה ועל העבודה און איז נהנה פון דער לויטערקייט פונם צדיק און זי האָט געהאָפט איבער הונדערט יאָר צו זיין זיין פוס־בענקעלע, וואָס דאָס וועגט איבער דאָס גאַנצע לעבן פון דעם עולם הזה, דעם עולם עובר.

דאָס דאָזיקע לעבן האָט זיך געפירט אַ יאָר נאָך אַ יאָר, ביז די עלטערע צוויי מיידלעך זיינען געוואָרן בוגרות. ס׳איז געקומען די צייט מיט זיי אַ שידוך צו טאָן און זי האָט ניט פאַרמאָגט ניט קיין נדן, ניט קיין הלבשה פאַר זיי.

האָט זי איינמאָל אין אַ שבת פאַרזאָגט איר מאַן, ער זאָל דערלאַנגען אַ קוויטל צו ר׳ מאירלען און אים מזכיר זיין, אז ער דאַרף אַ שידוך טאָן

און דארף נדן מיט הלבשה און אז ר׳ מאירל וועט נאר מבטיח זיין, וועט שוין גאט ברוך הוא העלפן.

זאגט ער צו, אז ער וועט דאס געוויס טאן.

אבער ווי נאר ער איז געקומען צו ר׳ מאירלען, אזוי איז ער שוין גע־ וועזן פארנומען מיט אנדערע זאכן, מיט הויכע הימלישע רעיונות, מיט טיפע סוגיות, מיט דער פראבלעם פון שכינתא בגלותא און האט גאר פארגעסן אין זיין היים. ניט אויפגעקומען אפילו על דעתו זיין ווייב מינצי מיט זיינע טעכטער די בוגרותן, און אויך פרייטיק, ווען ר׳ מאיר ז״ל האט אים דערמאנט, אז ער דארף פארן אהיים אויף שבת, האט ער נאר גע־ דענקט, אז ער דארף אויספאלגן ר׳ מאירס פקודה, און די איבעריקע ענינים פון זיין היים זיינען אים אויפן געדאנק אפילו נישט ארויפגעקומען.

ווען ער איז געקומען אהיים אויף שבת, איז ער געווען פארנומען מיט די הכנות לשבת. ס׳איז פאראן גענוג וואס צו טאן: גיין טבילה האבן אין דארטיקן טייך, דערנאך שנים מקרא ואחד תרגום, אפזאגן שיר השירים דערנאך קבלת שבת און א. וו.

א קלייניקייט, שבת קודש! און ווי קאן מען אפילו אויפן רעיון נע־ מען אזעלכע קלייניקייטן ווי טעכטער בוגרותן, נדן און הלבשה?

שבת צו נאכטס, נאך הבדלה ווען ער האט גענומען זיין שטעקן אין האנט אוועקצוגיין און זי, מינצי, האט אים צוגעטראגן דאס קלימעקל מיטן טלית און תפילין, האט זי אים א פרעג געטאן:

— נו, האסט דערלאנגט דעם רבין א קוויטל?

— וואס פאר א קוויטל? — האט יאסל זיך געוואונדערט.

— אז אונזערע טעכטער זיינען שוין קיין עין הרע בוגרותן און מיר דארפן פאר זייערטוועגן נדן און אויף הלבשה — האט אים מינצי דער־ מאנט.

ער האט זיך עפעס אנגעהויבן צו דערמאנען ווי א זוכר נשכחות און האט זיך פארענטפערט, אז ער האט גאר פארגעסן און צוגע־ זאגט, אז איה״ש אין דער וואך, וועט ער געפינען א שעתא דרעוא און דערלאנגען א קוויטל צום רבין און בעיזר ד׳ וועט ער אלעס פועל זיין.

אבער ווי נאר ער איז געקומען קיין פרעמישליאן צום רבין און האט אנגעהויבן זיך פארטיפן אין גדולת הבורא און האט אנגעהויבן זיך פאר־ טראכטן פונם ביטערן גלות, ווי די סטרא אחרא ר״ל איז מסטין אויף דער

כנסת ישראל און ווי כביכול איז ר"ל א שרוי, בצער, שכינתא בגלותא, און כדומה פראבלעמען וואס העומדים ברומו של העולם, האט ער פאר־גערטן אין דער גאנצער עולם הזה און בתוכם זיין ווייב מיט זיינע בוגרותן.

און אויפן צווייטן שבת, ווען ער איז געקומען אהיים, האט מינצי, אלס א אישה כשורה געווארט א גאנצן שבת, ביז נאך הבדלה, און ווען ער האט גענומען זיין שטאק אין האנט און זי האט אים צוגעטראגן זיין קלי־מעקל מיטן טלית און תפילין, האט זי מיט בניחותא אים א פרעג גע־געבן:

— נו, האסטו דערלאנגט דעם רבין א קוויטל?

האט ער ווידער בתמימות א פרעג געגעבן:

— וואס פאר א קוויטל?

און זי האט אים ווידער דערמאנט די טעכטער די בוגרותן. האט ער צוגעזאגט, אז בעיזר ד' וועט ער עס שוין אין זינען האבן. אבער ווי נאר ער איז געקומען צוריק צום רבין האט ער פארגעסן די גאנצע הבלי העולם הזה.

אזוי האט זיך די געשיכטע איבערגעחזרט עטלעכע מאל, ביז מינצי האט געזען, אז זי האט זיך ניט אויף אים וואס סומך צו זיין. זי האט איינגעזען, אז איר מאן איז צו הויך, אינזינען צו האבן ענינים פון עולם הזה. האט זי שוין גאר חרטה געקריגן, וואס זי האט אים פיל מאל מטריח געווען מיט אזעלכע רייד און אים מטריח געווען זיינע הייליקע רעיונות מיט עולם הזה ענינים, און זיך מישב געווען, אז זי אליין וועט זיך דורכ־פארן קיין פרעמישליאן און אליין דערלאנגען א קוויטל ר' מאירן. האט זי מער ניט מזכיר געווען איר מאן דערפון און איז איינמאל אין א טאג אוועקגעגאנגען קיין פרעמישליאן. דער גבאי האט איר אפגעשריבן א קוויטל און זי האט דאס דערלאנגט ר' מאירן.

ווי נאר ר' מאיר ז"ל האט איבערגעלייענט דאס קוויטל און זי האט אים דערציילט אז זי איז יאסלס ווייב, האט ער צוגערופן יאסלען, און אים געזאגט:

— יאסל, דיין פלונות איז געקומען צו מיר מיט א בקשה, איך זאל מתפלל זיין, אז גאט ברוך הוא זאל באשערן פאר דיינע טעכטער זייערע ריכטיקע זווגים, און צו דעם אויך אויף נדן און הלבשה. יאסל, פארטיף זיך אויך אין דעם ענין, ווייל דאס איז אויך זייער א הויכער ענין. ווייסט

דאָך, וואָס די הייליקע גמרא זאָגט: „בתך בגרה, שחרר עבדך ותן לה" — דיין טאָכטער איז געוואָרן אַ דערוואַקסענע, באַפריי דיין קנעכט און גיב אים איר פאַר אַ חתן. דאָס איז אויך מרומז אויף די כנסת ישראל מיטן גלות און מיט משיח צדקנו. בתך בגרה, אַז די כנסת ישראל איז שוין דערוואַקסן אין גלות און ווערט שוין צופיל צוגעוואוינט און וויש לחוש, אַז זיי וועלן ח"וש משתקע זיין אין די נון שערי טומאה, שחרר עבדך ותן לה. באַפריי, רבונו של עולם, דיין קנעכט, משיח בן דוד פון זיינע קייטן און שיק אים אויסצולייזן די אידן פונם ביטערן גלות. נו, יאָסל, היינט וועסטו גיין אַהיים אויף שבת, דאַנערשטיק וועסטו באַגלייטן דיין פלונית אַהיים, איך וועל דיר געבן אַ רענדל און אין מיטן וועג אַהיים, וואָס ס'וועט זיך דיר עפּעס טרעפן צו קויפן, זאָלסטו באַלד קויפן פאַרן רענדל און פון דער קניה, בין איך דיר מבטיח, אַז די וועסט האָבן די והותר אויף נדן און אויף הלבשה כדרך הנגידים. און אויב נאָך דער קניה וועט זיך טרעפן, אַז דער מוכר וועט חרטה האָבן, זאָלסטו אָן מיר נים צוריק־קערן די סחורה. זע ,געדענק, וואָס איך זאָג דיר אָן. און אַזוי ווי דו האָסט איצט מיט זיך געלט, אַ גאַנץ רענדל, זאָלסטו למ"הש נזהר זיין נים גיין ביינאַכט אין וועג, ווייל חמירה סכנתא.

דאָנערשטיק ביי טאָג האָט ר' מאירל ז"ל געהייסן יאָסלען אָפּדאַוונען מנחה גדולה און זאָגן מיט גרוים כונה די תפילה אויף פרנסה און אים מיטגעבנדיק זיין ברכה האָט ער אים געהייסן צוזאַמען מיט זיין פלונית גיין אַהיים אויף שבת.

דורכגייענדיק דורכן דאָרף, וואו ס'וואוינט שמואל ליבערמאַן, אַ גרויסער עושר, אַן אייגנטימער פון וועלדער, איז פלוצים דער הימל געוואָרן פאַרוואָלקנט און די זון איז פאַרגאַנגען שלא בעונתה.

ס'איז פינצטער געוואָרן און דערצו האָט אָנגעהויבן גיסן אַ רעגן, האָבן זיי געמוזט אַריינגיין צו שמואלן אין שטוב אַריין אויף איבערנעכטיקן. אַזוי ווי שמואל ליבערמאַן איז געווען אַ גרויסער עושר און איז תמיד געקומען אין מגע ומשא מיט פריצים, איז אויך געווען אַ גוטער ברודער מיט די שרי המדינה, מיטן פריסטאַוו, מיטן איספּראַווניק, האָט ער שוין אָנגעהויבן אביסל מזלזל צו זיין אין מצוות.

דערזעענדיק יאָסל מיטן מיט זיין ווייב, זייער פרומען גאַנג, און

דערנאָך דעם מעריב דאַוועגען זייגעם, האָט ער אָנגעהויבן מאַכן לצנות און חוזק פון אים, און גיט אים אַזוי אַ פרעג, כלאחר יד:

— וואָס וועט איר האָבן פון אייער לערנען און דאַווענען?

— וואָס הייסט וואָס? — האָט אים יאָסל געענטפערט — איך וועל האָבן עולם הבא.

— עולם הבא — האָט זיך שמואל ליבערמאַן געקאַטשעט פון גע־לעכטער — אַזוי פיל האָרעווען אויף עולם הבא! פאַר איין רענדל, קאָן איך אייך פאַרקויפן מיין גאַנצע עולם הבא, איר דאַרפט גאָר ניט אַזוי פיל האָרעווען דערויף.

— גוט, — האָט יאָסל געענטפערט — איך וועל ביי אייך קויפן אייער עולם הבא אויך. נאָט אייך אייער פאַרלאַנגט רענדל. — און זאָגנ־דיק דאָס, האָט ער אַרויסגענומען דאָס רענדל, וואָס ר׳ מאיר האָט אים געגעבן, און עס דערלאַנגט צו שמואל ליבערמאַן, וועלכער האָט דאָס צו־גענומען, אַריינגעלייגט אין קעשענע, און לאַכנדיק געזאָגט:

— דערפאַר גיב איך אייך אַוועק מיין גאַנצע עולם הבא. איר וועט אייך שפייזן מיט דער עולם הבא און איך מיטן רענדל.

— לאָמיר־זשע מקבל קנין זיין, ווי דער דין איז — האָט יאָסל גע־פאָדערט — און ער האָט אַרויסגענומען זיין פאַטשיילע און דערלאַנגט דעם גביר ליבערמאַנען, וועלכער האָט אויף חוזק אָנגענומען דעם עק פון דער פאַטשיילע און האָט מקבל קנין געווען.

ווי נאָר זיי האָבן מקבל קנין געווען, איז יאָסל געוואָרן שטאַרק פריילעך, ער איז געוואָרן בבחינת כל עצמותי תאמרנה און שמואל לי־בערמאַן איז געוואָרן זייער טרויעריק. ס׳האָט אים באַפאַלן אַ מרה שחורה, ס׳האָט אים אָנגעהויבן צו נודיען ביים הארצן און ער האָט זיך באַדענקט. אַז ער האָט געטאָן אַ גרויסן פעלער, וואָס ער האָט פאַרקויפט זיין עולם הבא, קיין תורה און תפילה פאַרמאָגט ער טאַקע נים, אָבער דערפאַר איז ער געווען אַ בעל צדקה און אַ מכניס אורח און ער האָט זיך געווים אָנגע־זאַמלט פון דעם עולם הבא און איצט האָט ער גענומען און אין איין רגע פאַרקויפט אָט דעם שכר פון אַלע זיינע צדקות פאַר איין רענדל. ער איז באַלד אַוועק פונם טיש און האָט זיך געלייגט שלאָפן, אָבער ער האָט נים

געקאָנט איינשלאָפן פאַר גרויסע שמערצן און חרטה. און דערצו האָט ער אָנגעהויבן צו באַרעכענען זיך זיין גאַנצע הנהגה, זיין זלזול במצוות, זיין בטול און חוזק פון אַלע אונזערע מצוות און מנהגים און אַ קוואַל פון טרערן האָט זיך ביי אים געעפנט און ער האָט זיך צעוויינט און וויינענדיק איז ער אַראָפּגעלאָפן פונם געלעגער און איז צוגעגאַנגען צו יאָסלען, וועלכער איז נאָך געזעסן און געלערנט מיט שמחה און חדוה, און האָט אים געזאָגט:

— ר׳ יאָסל, איך האָב חרטה אויף דער מכירה. נאָט אייך אָפּ צוריק אייער רענדל און קערט מיר אום מיין עולם הבא.

יאָסל האָט אים שאַרף אָנגעקוקט און זיך אָנגערופן:

— הערט שמואל, די קניה האָט איר אַליין דאָך מיר אָנגעבאָטן, ניט איך האָב אפילו געדענקט צו האַנדלען ביי אייך עפּעס. נאָר איצט איז דאָך ניט שייך קיין חרטה, איר זענט דאָך אַ כוחר ב״ה. און חרטה איז דאָך ניט מעשה סוחר.

האָט זיך ר׳ שמואל ליבערמאַן צעכליפּעט:

— ר׳ יאָסל, נאָט אייך וויפל איר ווילט, אַבי גיט מיר אָפּ צוריק מיין עולם הבא. מיין האַרץ נאָגט מיר שטאַרק, איך קאָן ניט זיין באַרואיקט, ביז איך וועל ניט פאַריכטן מיין נאַרישן מסחר, וואָס איך האָב אָקאָרשט געטאָן מיט אַזא קלות הדעת. דאָ האָט זיך שוין אַריינגעמישט יאָסלס ווייב, מינצי, וועלכע איז געשטאַנען די גאַנצע צייט מן הצד, און האָט זיך דערמאָנט, וואָס ר׳ מאירל האָט זיי אָנגעזאָגט:

— לאָמיר זיך פאַרלאָזן אויפן רבין ר׳ מאירל פּרעמישליאַנער. מיר וועלן צופאָרן קיין פּרעמישליאַן, אויסדערציילן פאַר אים די טענות און ער וועט פּסקענען.

זיי זיינען אַלע דערויף באַשטאַנען און עס איז געבליבן ביי זיי, אַז שבת צו נאַכטס, צוריקקערנדיק זיך קיין פּרעמישליאַן, וועט יאָסל זיך אָפּשטעלן ביי שמואל ליבערמאַן, וועלכער וועט שוין זיין גרייט צו פאָרן. און זיי וועלן ביידע קומען מיט זייערע טענות פאַר ר׳ מאירן, וועלכער ווייסט שוין במילא אַלעס, וואָס דאָ האָט פּאַסירט, דורך זיין רוח הקודש.

שבת צו נאכטס ווען זיי זיינען ביידע אנגעקומען קיין פרעמישליאן, האט ר' מאיר ז"ל געהייסן זיי תיכף צולאזן צו זיך און זיך אנגערופן:

— שמואל, דו האסט חרטה אויף דער מכירה?

— יא, רבי — האט שמואל זיך צעוויינט, — ניט אויף דער מכירה האב איך חרטה, נאר איך האב חרטה אויף אלע מיינע שלעכטע מעשים, וואס איך האב געטאן ביז איצט, וואס איך האב מזלזל געווען כל דבר שבקדושה. און טאמער האב איך מיר עפעס פארדינט דורך צדקה און הכנסת אורחים, האב איך עס מיט אזא קלות הדעת פארקויפט.

דער רבי ר' מאיר ז"ל, האט זיך אויף א ווייל פארקלערט און זיך אנגערופן:

— הער, שמואל, אזא סחורה ווי דו האסט אים, יאסלען, פארקויפט, קאן ער קיינמאל זיך ערגעץ אנדערש נישט קויפן, ווייל ער פארמאגט נים צו געבן קיין צדקה און ניט מכניס אורח זיין. ער איז א איד א קבצן. אקעגן אבער, קאנסטו דיר די זעלבע סחורה נאך אמאל איינקויפן. ביסט דאך אן עושר.

אט קאנסטו טאקע קויפן די עולם הבא פון צדקה דורך אים אליין, דורך יאסלען. ער האט צוויי בוגרותן, גיב אים פאר זייערט-וועגן אויף נדן, גיב אויף הלבשה, גיב אויף הוצאות החתונה, נו, האסטו שוין צוריק עולם הבא, צדקה עולם הבא.

און איצט קער זיך אום פון דיין שלעכטן וועג, הער אויף מזלזל בקודש צו זיין, הויב אן מקיים צו זיין די מצוות המעשיות, וועסטו שטיין אויף דער מדרגה פון די בעלי תשובה, דארטן וואו די צדיקים גמורים אפילו קאנען ניט שטיין. און אים, יאסלען, דארפסטו געבן א תשואות חן, וואס דורך אים ביסטו דערוועקט געווארן צו תשובה, און דורך אים וועסטו ווידער געווינען די עולם הבא, וואס דו האסט געקויפט.

ביידע צדדים זיינען צופרידן געווען מיטן פסק דין, וואס ר' מאיר ז"ל האט ארויסגעגעבן.

שמואל זילבערמאן האט געגעבן יאסל מינצים אויף נדן, אויף הלבשה און כל הצטרכות החתונה פאר זיינע צוויי ביגרותן און דער שדכן האט אויף דעם סמך טאקע באלד געפונען פאר זייערטוועגן חתנים לומדי תורה.

און פון דעמאלט אן איז שמואל ליבערמאן געווארן א בעל תשובה גמור, און איז געווארן א גרויסער מקורב ביי ר' מאיר פרעמישליאנער

ז"ל, ער פלעגט יעדע וואָך באזוכן ר' מאירן און ער האָט געשטיצט מיט פרנסה יאָסל מינצים משפחה, און ר' מאיר ז"ל פלעגט זיי ביידע, שמואלן מיט יאָסלען, אָנרופן: די עולם הבא אידן.

מינצי, יאָסלס ווייב, האָט כל ימיה געוויינט און געקלאָגט:

— סטייטש, וואו איז געווען מיין שכל — האָט זי תמיד געטענהט — עטלעכע מאָל מיין יאָסלען מטריח געווען זיינע הייליקע רעיונות. מיט די הבלי עולם הזה! אזא נארישקייט געטאָן, מי יודע, צי וועל איך קאָנען באקומען א תשובה דערויף? מי יודע?...

# ר׳ מאיר חריף

## .1

כידוע, האָט ר׳ מאיר חריף ז״ל פון אָסטראָג זייער געהאַסט די גבירים.

אַז ער האָט אַמאָל געהערט, אַז עמיצער פון רבנישן יחוס האָט זיך משדך געווען מיט אַ גביר, פלעגט ער טיף אָפּזיפצן און זאָגן:

— נעבעך, פאַרקויפט אַ קינד צום שטן.

ביי יעדער געלעגנהייט פלעגט ער געבן צו פאַרשטיין, אַז דאָס געלט איז רק אין רשות פון ס״מ ר״ל. און ביי יעדן עושר מוז דער הייליקער נציץ אוועקפליען און די גאַנצע נשמה ליגט ביים ס״מ אין די הענט. און אַ סימן — פלעגט ער צוגעבן — דאָס עזות פון גביר.

דער חלק אלה ממעל האָט ליב עניות; ביי משה רבינו, וואָס האָט דער־גרייכט די גרעסטע מדרגה פון קדישה, שרייבט זיך „והאיש משה עניו מאד״, און ביים רייכן שרייבט זיך להיפך: „והעיר יענה עזות״. — „אין מוקדם ומאוחר בתורה״, און די אותיות לייענען זיך „ישר והפוך״, ווייל דאָס גאַנצע רייכטום איז דאָך בלויז רויך, כעשן יחלוף, און רויך פליט רק אויבן אַרויף און דאָס איז דער סוד פון הדיוט קופץ בראש.

און אָט דער ר׳ מאיר חריף האָט שדוך געמאַן מיט זיין בת יחידה פאַר אַ רייכן, אויפגעקומענעם גביר; און מעשה שהיה, כך היה:

אין אַ נאָענט שטעטל לעבן אָסטראָג האָט געוואוינט אַ גביר, וועל־כער האָט זיין רייכטום ניט געירשנט פון זיינע עלטערן. אַן אויפגעקומענער גביר. פלוצים, דורך אַ צופאַל, איז ער באַגליקט געוואָרן און באַקומען אַ סך געלט.

די שטעטלדיקע גבירים, וועלכע דער יחוס־געלט איז ביי זיי בירושה פון זייערע עלטערן און זייער חוצפה איז שוין געווען למעלה מראש, האָבן

זיך געשעמט צונויפסקומען זיך מיט דעם נייגעבאַקענעם גביר און זיי האָבן געאיבט אין געגוג עזות און אין חוצפּה.

דער אויפגעקומענער גביר האָט פאַרמאָגט אַ בן יחיד, וואָס האָט גע־קאָנט גוט לערנען און ער האָט געגאַרט מיט אים אַ שדוך טאָן, אַ יחוס־שדוך.

געוויינלעך האָט דער יחוס געהייסן ביי אים, אַ גביר בן גביר.

האָבן יענע אָבער זיך ניט געוואָלט משדך זיין מיט אים, ווייל פאַר יענע האָט דאָס געהייסן אַ פּחיתת הכבוד, משדך זיין זיך מיט אַזעלכן, וועלכן מען געדענקט נאָך פאַר אַ קבצן און וועלכער איז נאָך ניט איינ־געאיבט אין געגוג עזות און אין חצפּה.

דער שטאָט־שדכן איז אומגעלאָפן גאַנצע טעג און נעכט, געזוכט אַ שדוך פאַר אים און וועמען ער האָט געוואָלט, האָט יענער ניט געוואָלט, און פאַרקערט, ווער ס'האָט מיט אים יאָ געוואָלט זיך משדך זיין, האָט ער ניט געוואָלט, ווייל ער האָט פאַרשטאַנען, אַז עפּעס איז דאָרטן דאָ אַ קוץ באליה.

איינמאָל, ווען דער שדכן איז שוין געווען געגוג אָנגעמאַטערט פון אַרומלויפן און זוכן און האָט שוין אָמענדע געפונען פאַר זיינעטוועגן אַ שדוך, לויט דעם שדכנס איינזען, אַזוינס ווי אַזעלכעס, האָט ער, דער אויפ־געקומענער גביר, ערשט פאַרקנייטשט מיט דער נאָז.

ווערט שוין דער שדכן אין דער הקפּדה און פרעגט מיט כעס: וואָסזשע אפשר דענקט איר גאָר זיך משדך זיין מיט ר' מאירל חריף פון אָסטראָג?

— פאַרוואָס ניט, — ענטפערט דער גביר עזותדיק — איך קאָן באַ־צאָלן אַ סך געלט.

— גוט, — ענטפערט דער שדכן מיט אַן ערמה — אָט, שרייב איך שוין אַ בריוו צו ר' מאירלען.

און ער זעצט זיך שוין אַוועק ביים גביר אין שטוב, שרייבט אָן אַ בריוו צו ר' מאירלען, לייגט אים פאָר דעם שדוך. לייענט איבער פאַרן גביר דעם בריוו, פאַרחתמעט אים, לייגט אים אַריין אין קעשענע, גייט אַוועק כלומר־שט אים איבערשיקן. אָבער אין דער היים ביי זיך פאַרברענט ער אים.

אין אַ וואָך צייט אַרום ברענגט ער דעם גביר אַ בריוו, ענטפער פון ר' מאירלען — וואָס עמיצער האָט אים אָנגעשריבן לויט זיין דיקטירן — וואו ר' מאירל שרייבט, אַז ער וועט זיך נאָכפרעגן, וואָס מד" יצא הדבר, יגמר בכי טוב.

דער גביר, הערנדיק אז ר' מאירל חריף דארף זיך נאָכפרעגן אויף אים, הויבט ער אָן צו ווערן א פּזרן, טיילט צדקות מיט דער פולער האנט, ווערט א גרויסער מכניס אורח און דעם שדכן פּארפעלט ער ניט צו געבן א קערבל אויף שבת.

ס'גייט אוועק נאָך א צען טעג, ברענגט דער שדכן נאָך א בריוו פון ר' מאירלען — וועלכן עמיצער האָט אים אָנגעשריבן לויטן דיקטירן פונם שדכן — וואו ער שרייבט, אז ער האָט זיך נאָכגעפרעגט און ס'געפעלט אים זייער, און אויב דער חתן איז א למדן און איז בקי אין ש"ס און אינם ערשטן חלק יורה דעה, און אז ער וועט אים געבן כך וכך אלפים נדן און כך וכך מתנות הכלה און כך וכך שנים מזונות, וועט ער זיך מיט אים משדך זיין.

דער גביר, איבערלייענענדיק דעם בריוו, ווערט צעשמאָלצן פאר פרייד, זיין ווייב און זייער בן יחיד זיינען געווען בארוישט פון פיל שמחה. א קלייניקייט משדך זיין זיך מיט ר' מאירל חריף!

ערשטנס טאַקע איז ר' מאירל חריף די העכסטע מדרגה פון יחוס, שאין למעלה ממנו.

והשנית, וועלן דאָך אָט די אַלע שמעטלדיקע גבירים, וואָס פארגינען אים ניט זיין רייכטום און קוקן אויף אים מגבה, צעפּיקעט ווערן פאר קנאה.

בקי אין ש"ס און אינם ערשטן חלק יורה דעה איז דער חתן המדובר געווען, עד צד היותר טוב.

און געלט, וועט ער ניט נאָר נאָכגעבן ר' מאירלס פאָדערונג, נאָר ער וועט נאָך בפלען שבעתים.

דער שדכן האָט זיך שוין אוועקגעזעצט ביי אים אין שטוב, אָנגעשריבן אַן ענטפער צו ר' מאירלען, אז אַלץ, וואָס ער פארלאנגט, וועט דערפילט ווערן. די סומע נדן גיט מען מיט אַן עודף, מזונות אייביקע.

און וואָס איז שייך צום חתן, איז ער א למדן מופלג, בקי אין גאַנץ ש"ס, פלאָר אין ערשטן חלק „אשלי רברבי" בע"פ, און ער בעט מען זאָל קומען פארהערן דעם חתן.

דער שדכן האָט צוגענומען דעם בריוו, אים מבער געווען, ווי דעם ערשטן, צוגעוואַרט נאָך א אכט טעג און געבראַכט דעם גביר נאָך א בריוו פון ר' מאירלען: היות, פאר אים איז א גרויסע טרחא איצט אָפּצופאָרן

פון דער היים, מחמת ער איז צופיל טרוד בצרכי צבור, בכן, בעט ער, אז מ'זאָל קומען קיין אָסטראָג, די גאַנצע פאַמיליע, מיטברענגען די מזומנים און ער וועט פאַרהערן דעם חתן אין לערנען. אויב ער איז אין לערנען ווי מ'האָט אים געשריבן, וועט מען שוין בעיזר ד' שרייבן די תנאים בשעה טובה ומוצלחת. ואם מד' יצא הדבר, בכי טוב.

איבערלייענענדיק דעם בריוו, ווערט ביים גביר אין שטוב א גרויסע שמחה און מען גרייט זיך צו פאָרן קיין אָסטראָג אויף תנאים, מען איז דאָס באַלד מפרסם ברבים, און אין דעם גאַנצן שטעטל הערט מען ניט אויף צו דערציילן מיט קנאה, אז דער און דער, ס"ה אַן אויפגעקומענער גביר, איז זיך משדך מיט ר' מאירל הריף!

דער גביר האָט געפּראַוועט א גרויסע סעודה פאַר אָרימעלייט, גע-טיילט צדקות, זיך פאַרפּאַקעוועט, מיטגענומען דעם שדכן און אוועקגע-פאָרן קיין אָסטראָג.

קומענדיק קיין אָסטראָג, זאָגט דער שדכן:

-- איר וואַרט דאָ און איך וועל צולויפן א פרעג טאָן ר' מאירלען אין וואָס פאַר אַן אכסניה איר זאָלט צופאָרן, כדי ס'זאָל זיין לכבודו.

דער שדכן איז צוגעלאָפן צו ר' מאירל חריף און זיך געווענדעט צו זיין פרוי — ר' מאירל האָט זיך גאָר ווייניק אָנגעקערט מיט שטוב-זאַכן, ער האָט זיך עוסק געווען אין לערנען און אין צרכי צבור — מיט א בקשה: אַזוי ווי ס'איז געקומען א סוחר פון יענעם און יענעם שטעטל קיין אָסטראָג, ער פירט מיט זיך צופיל געלט און האָט מורא איינצושטיין אין אַן אכסניה, בעט ער, מ'זאָל אים דערלויבן האָבן ביי איר סטאַנציע אויף א טאָג, און אַזוי ווי ער פאָרט ניט אַליין, ס'באַגלייטן אים זיין ווייב און זון, איז אפשר מעגלעך זיי געבן א באַזונדער צימער.

ר' מאירס פרוי האָט געהייסן דעם משרת אָנווייזן א צימער, וואו ס'זאָל זיי זיין באַקוועם איבערצושטיין א טאָג.

דער שדכן האָט זיך צוריקגעקערט צו דער וואַרטנדער פור און זיי גע-זאָגט, אז ר' מאירל האָט זייער געבעטן, מ'זאָל פאַרפאָרן צו אים אהיים.

צוקומענדיק צו ר' מאירלס שטוב, האָט זיי דער שדכן שוין אָנגעוויזן זייער צימער, זיי געהאָלפן אַלעס אריינטראָגן און האָט זיך ארויסגעדרייט און איז אוועק אין בית-המדרש, דאָרט זיך צעלייגט אויף א באַנק און גע-שמאַק איינגעשלאָפן.

2.

דער גביר מיט זיין פרוי און זון ווארטן אין צימער, ס'זאל עמיצער אריינקומען צו זיי, מ'זאל זיי אריינטראגן טיי, עסן, אבער מען זעט קיינעם ניט. מען זוכט ארום אין שטוב דעם שדכן. ער איז ניטא. זיי דרייען זיך דורך אין שטוב, קיינער קוקט זיך אויף זיי ניט אום.

ביי ר' מאירל חריף אין שטוב פלעגן זיך אימער דרייען מענטשן און דארטן איינגעשטאנען, אזוי, אז זיי האבן ניט געקאנט רופן אויף זיך די אויפמערקזאמקייט.

מילא, פארשטייען זיי שוין, אז דא האט זיי דער שדכן מיאוס אפגענארט.

גייט דער גביר אריין אין צימער צו ר' מאירלען, וואו ער זיצט פארטיפט איבער א ש"ס גמרא און זאגט אים:

— רבי, איך וויל מיט אייך עפעס רעדן.

ר' מאירל גיט אים שלום עליכם און איז מפסיק פון זיין למוד גרייט צו הערן.

— ראשית — זאגט אים דער גביר — בין איך א גרויסער עושר פון דעם און דעם שטעטל, והשנית, בעט איך אייך, זיך מטריח זיין איבערלייענען אט די עטלעכע בריוו, אויף וועלכע איר אליין שטייט געחתמעט.

און איבערגעבנדיק אים די בריוו, האט ער פארגעזעצט:

— רבי, אויפן סמך פון אט די בריוו בין איך מיט מיין ווייב און זון געקומען אהער.

ר' מאירל נעמט די בריוו, לייענט זיי איבער בכובד ראש, זיפצט שטארק אפ און ווענדעט זיך צום גביר, זאגנדיק:

— איך שטיי טאקע געחתמעט, נאר איך האב זיי ניט געשריבן, מ'האט אייך אפגענארט. איך וועל זיך מיט אייך ניט משדך זיין. איך וויל ניט ווערן קיין מחותן מיט א גביר. מיט די רייכע וויל איך זיך ניט באגעגענען, ניט בעולם הזה און ניט בעולם הבא. פארט אייך געזונטערהייט אהיים און זאל אייך השי"ת צושיקן אייער רעכטן זיווג.

ווי א דונער האבן די רייד געטראפן דעם גביר, און מיט א וויינענדיק קול האט ער געענטפערט:

— איר זאלט וויסן רבי, אז דאס גאנצע שטעטל ביי אונז ווייסט, אז מיר זיינען געפארן אהער, מיט אייך זיך משדך צו זיין. און איצט,

אז ס'וועט זיך ארויסווייזן, אז מ'האָט אונז אָפּגענאַרט, וועלן מיר עס ניט איבערטראָגן פאַר בושה. מיר אַלע דריי: איך, מיין ווייב און מיין זון, וועלן מיר גיין פון דער וועלט פאַר בושה; נעמט איר אויף זיך דריי נפשות, רבי?

— ווי באַלד ס'גייט אין נפשות — האָט ר' מאירל טרויעריק גע־ענטפערט — מוז איך טאָן ווי אין פסוק שטייט: „נקרא לנערה ונשאלה את פיה".

ר' מאירל האָט ארייינגערופן זיין בת יחידה און איר אויסדערציילט דעם גאַנצן ענין און אויסגעפרעגט: נו טאָכטער, זאָג דו, וואָס זאָלן מיר טאָן?

ענטפערט זיך באַלד:

— טאַטע, קיין נפשות וויל איך ניט נעמען אויף מיין געוויסן. די רייכע האָב איך פיינט, גלייך ווי דו, נאָר דאָ זעט מען דאָך באַשיינפּערלעך, אז ס'איז פון הש"ית. די קאָנדיציע פון געלט און מתנות ווארף איך אָפּ, זאָל מען עס צעטיילן אויף צדקה זאַכן. און אויב דער חתן איז אַ למדן, זאָל מען שרייבן תנאים צו מזל.

ר' מאירל האָט זיך צערעדט מיטן חתן אין לומדות און ער איז אים זייער געפעלן אַלס למדן. האָט מען זיך געגרייט אויף תנאים נאָך דעם זעלבן אָונט.

שמשים זיינען אומגעלאָפן איבער דער שטאָט איינלאַדן כמעט די גאַנצע שטאָט אויף תנאים צו ר' מאירל חריף.

אין אָוונט גייט דער שדכן ארויס אין גאַס, זעט ער ווי אידן גייען אָנגעטאָן בגדי שבת. פרעגט ער זיי: אידן, וואוהין?

— וואָס הייסט וואוהין? — ענטפערן זיי — צום רבין אויף תנאים. גייט דער שכדן אויך מיט מיט זיי.

דער מחותן, דער גביר, דערזעט אים, ווערט ער אין כעס, און שפּי־לערהייט הויבט ער אים אָן זידלען און דראָען: אז ער וועט זיך מיט אים אָפּרעכענען פאַר זיין חוזק מאַכן פון אים.

— שווייגט, — ענטפערט אים דער שדכן, — איר וועט מיר נאָך באַצאָלן אַ גוטן שדכנות.

און ווענדנדיק זיך אויף אַ קול צו ר' מאירלען, האָט ער אויסגערופן:

— רבי, איך בין דער שדכן, קומט מיר שדכנות, צי ניין?

— איר זענט דער שדכן, — האָט ר' מאירל אים באַטראַכט — נאָט־

זשע אייך, שלום עליכם, און אודאי קומט אייך שדכנות, איר זענט דאָך דער גאַנצער שדכן, דער שליח פון גאָט, ברוך הוא. לויט דער סומע געלט וואָס איז געווען אָנגעשריבן אין די אָפּגענאַרטע בריוו, אַזוי פיל שדכנות קומט אייך, פינף רובל פון דער מאה גרן.

מ'האָט דעם שדכן באַצאָלט זיין שדכנות און מ'האָט צו מזל תנאים געשריבן.

ר' מאירל פלעגט אָפּט זאָגן פאַר זיינע מקורבים:

— דאָס איז אַ שפּיצל פון רבי יהודה הנשיא און דאָס איז דער פשט פון „רבי מכבד עשירים", דער רבי גיט אָפּ כבוד די רייכע, און ער פועלט אוים ביי הש"ית פון זייערטוועגן שדוכים לויט זייער השגה.

# די סלאַוואוטער קדושים

באַטש ניקאָלאַי דער ערשטער האָט געגעבן אַ שטרענגן באַפעל, אַז מען זאָל שטערן די סלאַוואוטער צדיקים אָפּצוהיטן די אידישע מצוות און מנהגים אין טורמע, ווייל בידוע, איז ניקאָלאַי געווען אין דער טומאה ר"ל אין דער זעלבער מאָס, וואָס זיי, די סלאַוואוטער צדיקים, אין דער קדושה און ער האָט געזוכט זיי גובר צו זיין, און מיט יעדער מצווה, וועלכע איז געטאָן געוואָרן דורך די הייליקע צדיקים, האָט ער, ניקאָלאַי, געהאַט אַ ירידה און דערפאַר האָט ער געזוכט צו שטערן זיי אין טאָן מצוות, דאָך האָט גאָט ברוך הוא געהאָלפן די צדיקים. און זיי זיינען געווען ביכולת אין טורמע אָפּצוהיטן אַפילו דעם קלענסטן מנהג.

אַפילו דעם מנהג פון שליסלען די חלה שבת בראשית מיט אַ פּוסטן שליסל האָבן זיי געקאָנט מקיים זיין אין טורמע.

ניקאָלאַי האָט אַפילו גוט אינזינען געהאַט פאַר יעדן אידישן יום טוב צו שיקן אַ שטרענגן באַפעל צו די עלטסטע פון טורמע, אַז מען זאָל למען השם ניט צולאָזן מקיים זיין די מצווה פונם אידישן יום טוב, ווי פּסח — מצה, סוכות — אַ אתרוג און אַ לולב און מאַכן אַ סוכה א.א.וו. אָבער ווען די עלטסטע האָבן דערהאַלטן די בריוו, האָבן זיי געלייענט פּונקט דעם היפך.

ערב פּסח האָבן די טורמע-אויפזעער געלייענט אין די בריוו: היות ס'גייט דער אידישער פּסח, זאָל מען זען צולאָזן און העלפן, אַז די „ראַבּינערס" שפּירא זאָלן קאָנען מקיים זיין אַלע אידישע מנהגים און מצוות. און דאָסגלייכן פאַר סוכות, פאַר שבועות, פאַר פּורים און חנוכה.

די טורמע היטערס פלעגן פאַר פּסח ווייסן און רייניקן דעם חדר, וואו זיי זיינען געזעסן, ס'זאָל זיין ריין לכבוד פּסח, צוגרייטן טיש און בענק און אַריינלאָזן צו די סדרים אַ מנין חסידים, מקורבים, וועלכע פלעגן ספּעציעל פאַראַ‏ן די סדרים מיט די צדיקים. אינדערפרי, געלאָזט מאַכן אַ מנין, אַריינגעלאָזט אַ ספר תורה, כדי די צדיקים זאָלן קאָנען דאַווענען בצבור.

פאַר סוכות, — געהאָלפן מאַכן אַ סוכה און זיי געלאָזט וואוינען די גאַנצע וואָך אין סוכה.

ראש השנה און יום כפור — געלאָזט מאַכן אַ גרויסן מנין אין טורמע, צוגעגרייט ספּעציעל אַ גרוים, באַקוועם חדר דערויף. ווייל אַזוי האָבן זיי געלייענט אין די בריוון, וועלכע זיי האָבן פאַר יעדן יום טוב דערהאַלטן פון ניקאָלאַיען אַליין.

איינמאָל איז ניקאָלאַי, זייענדיק אין מאָסקווע, דורכגעפאָרן דורך דער טורמע, וואו די סלאַוואוטער זיינען געזעסן, ס'איז געווען פּינקטלעך ראש השנה. הערט ער ווי ס'רעשט אַזוי זיי פון אַ סך מענטשן און מען דאַוונט אין טורמע. ווערט ער אין כעס און מיט גרוים צאָרן רופט ער צו דעם אויפזעער פון טורמע און פרעגט אים:

— האָסט דערהאַלטן פון מיר מיין באַפעל פון דעם און דעם דאַטום?

— יאָ, — ענטפערט דער אויפזעער, ציטערנדיק ווי אַ בלאַט.

— אַ נו, ברענג מיר צו מיין באַפעל — דונערט אויף אים ניקאָלאַי.

דער אויפזעער לויפט גיך און ברענגט אים צו זיין באַפעל געחתמעט פון אים אַליין.

ניקאָלאַי לייענט אויפן קול און ציינט אָן מיטן פינגער:

„איך באַפעל מיט מיין גאַנצער שטרענגקייט, העלפן די „ראַבינערס" שפּירא, אַפּצוהיטן זייער יום טוב, מיט דאַוונען בצבור, מיט בלאָזן שופר, מיט אַלערליי מצוות און מנהגים, וואָס איז פאַרבונדן אין שייכות מיט זייער יום טוב".

— אַזוי האָב איך מקיים געווען — ענטפערט דער אויפזעער.

ניקאָלאַי איז געבליבן דערשראָקן, ער געדענקט זיכער, אַז ער האָט געשריבן דעם היפך, און דאָס איז דאָך פאָרט זיין כתב! האָט ער זיך געלאָזט צוגיין אין טורמע, רעדן מיט זיי אַליין און אפשר — האָט ער געטראַכט — וועט ער זיי מבטל זיין אין מיטן דאַוונען, מבלבל זיין זייערע הייליקע רעיונות און דורך דעם קאָנען מיט זיין טומאה פאָרט גובר זיין זייער קדושה. לאָזט ער זיך צוגיין צו דער טורמע, און ווי ער קומט פיר איילן נאָענט פון זיי, בלייבט ער שטיין און קאָן זיך ניט רירן.

בחרפה ובושה און מיט גרוים פאַרדראָס איז ניקאָלאַי אָפּגעפאָרן פון דאָרטן און ער האָט שוין מער קיין באַפעלן ניט געשריבן וועגן זיי.

פאַר פּסח האָט מען געבאַקן פאַר זייערט וועגן שמירה מצות אין סלאַוואוטע, און זיי געשיקט צו זיי.

די גרויסע ווייטקייט פון אָרט, פון סלאַוואוטע ביז מאָסקווע, האָט גורם געווען, אַז מען זאָל באַקן די שמירה מצות אום חמשה עשר בשבט און ווען די מצות זיינען אָנגעקומען צו זיי, זיינען זיי געווען צעבראָכן אויף שטיקלעך. האָט זיך געפונען אַ מקורב, וואָס ער האָט געוואָלט, אַז מען זאָל זיך מקדים זיין מיט אַ חודש פריער באַקן די שמירה מצות, וועט ער אַליין זיי אָפּפירן צו זיי און וועט פאָרן לאַנגזאַם, היטן זיך, בכדי ס'זאָל אָנקומען צו זיי גאַנצע מצות. האָבן זיי, די צדיקים ר' שמואל אבא מיט ר' פנחסן זצ"ל ניט געוואָלט. און זיי האָבן געשריבן קיין סלאַוואוטע, אַז למען השם באַקן די מצות אום חמשה עשר בשבט, ראש השנה לאילנות און זאָל אָנקומען צו זיי צובראָכנע שטיקלעך. ווייל, האָבן זיי איינמאָל געגעבן צו פאַרשטיין פאַר זייער'ע מקורבים — מיר זיינען בבחינות נשמות עולה־מצרים און אויך די עולה־מצרים האָבן — דורך זייער וואַנדערן ממקום למקום — געמוזט עסן צובראָכענע שטיקלעך מצות, דאָס איז אַ סימן, אַז די טומאה ווערט צעבראָכן, און די קדושה וועט האָבן די גאַנצע ממשלה אויף דער וועלט. און אַזוי ווי חמשה עשר בשבט איז ראש השנה לאילנות, און סיי דער צדיק, סיי די תורה זיינען געגליכן צו אַ בוים, ווי די הייליקע תורה שרייבט: „היש בה עץ", איז דאָרטן דאָ אַ צדיק, וואָס זאָל מגין זיין? און די תורה איז דאָך „עץ חיים למחזיקים בה". זאָל מען טאַקע באַקן די שמירה מצות רק חמשה עשר בשבט.

האָט מען אַזוי געטאָן און מ'האָט פאַרגעזעצט דאָס באַקן פון די שמירה מצות אום חמשה עשר בשבט.

פון אַרומיקע שטעטלעך זיינען זיך צונויפגעפאָרן קיין סלאַוואוטע חסידים און אנשי מעשה בייצוזיין דאָס באַקן, און זיי האָבן בשעת מעשה געזאָגט ספּעציעלע תפילות, וועלכע זיינען געווען אַ בקשה צו השי"ת, ער זאָל אויסלייזן די אידן פונם גלות און צוזאַמען מיט זיי אויך די צדיקים ר' שמואל אבאַן מיט ר' פנחסן און ער זאָל אויפבויען דעם בית המקדש און אונז ברענגען מיט געזאַנג קיין ירושלים.

ווייין אויף ארבע כוסות האָט זיי אָוועקגעפירט אַ גרויסער גביר פון בערדסאָן, וועלכער איז אַליין בייגעווען דאָס טרעטן די ווייטרויבן אין קעלטער און ער איז אַרויסגעפאָרן אַ צייט פריער פון דער היים און ער

האט זיך געלאזט קאסטן געלט, מען זאל אים לאזן פראווען די סדרים צוזאמען מיט די צדיקים אין טורמע. דעם ווײַן האבן זיי שוין גענוצט ביזן צווייטן פסח אויף קדוש און הבדלה.

דעם עושר פון כערסאן, וועלכער האט זיי געבראכט יין לקדוש ולהבדלה (אזוי האבן זיי גערופן דעם ווײַן: „יין לקדוש ולהבדלה" און דעם עושר האבן זיי ניט אנגערופן קיינמאל ביים נאמען, נאר „דער איד פונם יין לקדוש ולהבדלה"), האבן זיי מבטיח געווען, אז צוזאמען מיט זיי וועט ער זיצן לעתיד ביי איין טיש און טרינקען פונם יין המשומר.

ווען זיי זײַנען באפרײַט געווארן פון טורמע, נאכן טויט פון ניקאַ־לאיען, האט מען ביי זיי אין הויף, אין סלאוואוטע, יעדעם יאר, אום חמשה עשר בשבט, געמאכט א גרויסן יום טוב, אויף וועלכן ס'פלעגן זיך צונויפ־פארן חסידים פון נאענט און פון ווייט און מ'האט געקנעטן טייג און געבאקן מצות חמצדיקע און אנדערע מינים טייגעכץ, אלס אנדענק, וואס מען האט פריער געבאקן אין יענעם טאג שמירה מצות. און דער איד פונם „יין לקדוש ולהבדלה" האט געמוזט בײַזײַן דעם יום טוב און ר' שמואל אבא מיט ר' פנחסן האבן אים יעדעם יאר, פארן אפפארן אהיים, געבענטשט בקול רם:

„יהי רצון, אז לעתיד לבא זאלסטו זיצן מיט אונז ביי איין טיש, מיט אונז צוזאמען טרינקען פון דעם יין המשומר און נהנה זײַן מזיו השכינה" און אלע בײַוועזנדע האבן געענטפערט בקול רם:

„אמן ויהי חלקנו עמכם"!

און די צדיקים האבן דערויף געענטפערט אמן.

אין דער צייט פון זייער זיצן אין טורמע, האט ר' שמואל אבאס טאכטער חתונה געהאט פאר ר' יעקב יצחק מאקארעווער.

ווען זיי זײַנען צוריקגעפארן פון טורמע, האט ר' שמואל אבא זיך געײַשובט מיט ר' פנחסן, ווי אזוי ער זאל זיך נוהג זײַן: זאל ער אנרופן זײַן אײדעם סתם „יעקב יצחק", איז ער דאך שוין מפורסם פאר א גרויסן צדיק. זאל ער אים זאגן ר' יעקב יצחק, איז ער דאך זײַן אײדעם, און ס'איז זייער שווער אנצורופן אן אײדעם מיטן נאמען רבי.

האט ר' פנחס אים געענטפערט:

— ברודער, אז דו וועסט אים האלטן ביי דער האנט, ביים זאגן שלום עליכם, וועסטו אים א טאפ טאן ביים דופק, וועסטו שוין אליין

וויסן, וואָס דו האָסט צו טאָן און ווי אַזוי דו דאַרפסט זיך נוהג זיין.

ווען זיי האָבן זיך באַגעגנט און ר׳ יעקב יצחק האָט אים געזאָגט שלום עליכם שווער, האָט ער ז״ל, אים אַ טאַפּ געטאָן ביים דופּק, און זיך פאַרדבקהט אויף עטלעכע מינוט און זיך אָנגערופן:

— עליכם שלום רבי יעקב יצחק.

שפּעטער ווען זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט עסן אָנבייסן אין אַ דאָרף־בייאיקן דערפל, האָט ר׳ יעקב יצחק ז״ל געזאָגט:

— ווי נאָר מיין שווער איז געקומען, האָט ער מיך שוין גענומען פאַרהערן, ניט נאָר אין נגלה, נאָר אויך אין נסתר. נאָר ברוך השם, איך האָב אויסגעהאַלטן גוט דעם עקזאַמען.

אַהיימפאָרנדיק, האָט אַ גביר פון סלאַוואוטע געשיקט זיי אַקעגן זיינעם אַ קאַטש פאַר זייערטוועגן.

ר׳ מרדכי שעפּעטיווקער, זייער ברודער, וועלכער איז זיי אַקעגנגע־פאָרן, האָט געוואָלט אַרויפגיין און זיך זעצן מיט זיי אין קאַטש, פאָרן מיט זיי ביז קיין סלאַוואוטע, האָבן זיי אים ניט געהייסן פאָרן מיט זיי אין קאַטש, ווייל — האָבן זיי געזאָגט — זיי האָבן ניט גענומען קיין דער־לויבעניש ביים בעל־הבית פון קאַטש אים מיטצונעמען, איז ער על פּי דינא, טאָר מען ניט.

האָט ר׳ מרדכי ז״ל געענטפערט:

— על פּי דינא טאָר מען טאָקע ניט, נאָר אַזוי ווי איצט, ווען די סטרא אחרא „ניקאָלאַי" איז שוין געשטאָרבן, איז שוין בטל דינא. און ב׳איז שלום רחמים און על פּי רחמים מעג מען.

זיי האָבן פאַרשטאַנען די כונה פון די ווערטער און אַרויפגענומען זייער ברודער ר׳ מרדכין צו זיך אין קאַטש.

# פּאַני הזיר אין פּוילן

## (אַן אַסיפה צווישן צדיקים אין שטעטל קאַרניצע, וואָלינער גובערניע)

די געשיכטע איז פאָרגעקומען שוין גאָר לאַנג, נאָך דעמאָלט, ווען רוסלאַנד האָט מלחמה געהאַלטן מיט פּוילן.

האָבן די צדיקי הדור פון יענער צייט באַשלאָסן צוזאַמענקומען זיך, האָבן צווישן זיך א גרויסן ישוב־הדעת און מחליט זיין, ווער פון ביידע זאָל איינגעמען די מלחמה: דער רוס, צי דער פּאָליאַק.

אזא אסיפה האָט פאַרשטייט זיך געדאַרפט פאָרקומען בשתיקה, נים רופן די אויפמערקזאַמקייט פון דער וועלט און דער עיקר, פון דער גוי־אישער וועלט, זאָל קיינער נים ווייסן.

האָבן זיי באַשלאָסן צוזאַמענקומען זיך אינם קליינעם שטעטל קאַר־ניצע (זאסלאַווער אויעזד, וואָלינער גובערניע).

דאָס שטעטל ליגט העט ווייט פון א באַן, ווייט פון א גרויסער שטאָט נים באַמערקבאַר.

זיינען די צדיקים אהין, אין יענעם שטעטל קאַרניצע, זיך צונויפגעקו־מען אויף דער באַראַטונג.

צווישן די פאַרזאַמלטע צדיקים האָבן זיך געפונען ר' פּנחס קאָריצער, דער מעזריטשער מגיד ר' בער, דער תולדות, ר' יעקב יוסף, דער בערדי־דיטשעווער רב ר' לוי יצחק, די צוויי הייליקע ברידער ר' זוסילע אניפּאָלער און ר' אלימלך ליזענסקער וכדומה צדיקים יסודי עולם פון יענער צייט.

ווען די צדיקים זיינען געגאַנגען ערגעץ אין גאַס, איז דער בערדי־טשעווער רב, ר' לוי יצחק ז"ל, געגאַנגען פאָראויס. האָט דער מעזשערי־טשער מגיד ז"ל געזאָגט אויף אים:

— ער טוט דאָס נים חס ושלום מחמת גדלות, נאָר ער טוט דאָס

מחמת גרויס עניות, ער רעכנט זיך ווי דער פויקער צווישן די כלי־זמר, וועלכער איז דער קלענסטער אין דער מדרגה פון מוזיק און גייט שטענדיק פאראויס.

אכסניה האָבן זיי געהאַלטן אַלע ביי איינער אַן אלמנה שיינדל, וועלכע האָט געהאַט דאָס גרעסטע הויז אין קארניצע, מיט אַ סך באַזונדערע חדרים, און זיי זיינען זיך צונויפגעקומען אין דעם גרויסן זאַל און זיך מתוכח געווען. דאָס האָט געדויערט סך הכל עטלעכע טעג.

זיי האָבן אָנגעזאָגט אין שטוב שיינדלען, אַז אויב עמיצער וועט אריינקומען און עפּעס בעטן, זאָל מען למען השם ניט געבן גאָרנישט און גאָרנישט ענטפערן.

דער וכוח איז געווען זייער אַן התלהבותדיקער. אייניקע זיינען געווען פאַרן רום, און אייניקע — פאַרן פּאָליאַק.

דער עיקר קעגנער פונם רום איז געווען ר׳ פנחס קאָריצער, טענהנדיק, אַז דער רום איז „אדום" און ווען אדום וועט האָבן אַ מפּלה, וועט ישראל אויפשטיין לתחיה, ווי אין דער הייליקער תורה שרייבט זיך: „ולאום מלאום יאמץ", און דאָס האָט זיך מרמז געווען יעקב אבינו אין זיין תפילה: „הצילני נא", דאָס וואָרט „נא" איז בגמטריה אדום.

דער בערדיטשעווער רבֿ, איז געווען קעגן פּאָליאַק, טענהנדיק:

— דער פּאָליאַק קומט אַרויס מזריו של עמלק, און ס׳מוז מקוים ווערן „מחה תמחה את זכר עמלק". ווייל דער כסא הכבוד קאָן ניט זיין בשלמות און די גאולה אמיתית קאָן ניט קומען, כל זמן ס׳געפינט זיך נאָך אַ געדעכעניש פונם פּאָליאַק, וואָס ער איז מזרעו של עמלק.

און אין דער גאַנצער צייט פונם וכוח, איז געלעגן אונטערן טיש אַ חזיר און ר׳ פנחס קאָריצער ז"ל האָט אים געקלאַפּט מיט די פיס, זאָגנדיק: „פּאָני חזיר", „פּאָני חזיר". פון דעמאָלט אָן איז דער רום פאַרבליבן מיטן צונאָמען „פּאָני חזיר".

אויפן דריטן טאָג, ווען זיי האָבן געהאַלטן אינמיטן אַ הייסן וכוח, איז אַריינגעקומען — אומבאַמערקט פון זיי — אַ קאָזאַק און זיך ווענדנדיק צו שיינדלען, האָט ער געבעטן פייער צו פאַרויכערן זיין ליולקע ציבעק. פאַרשטייט זיך, אַז דאָס איז געווען דער שר פונם רום. שיינדל, די בעל־הביתטע, וועלכע איז שטאַרק דערשראָקן געוואָרן פונם שרעקלעכן אויסזען פונם קאָזאַק, האָט געכאַפּט אַ קויל־פייער און אים דערלאַנגט.

איז דער קאזאק תיכף נעלם געוואָרן און מיט אים איז נעלם גע־וואָרן דער חזיר פון אונטערן טיש.

איז ר׳ פנחס קאָריצער זייער דערציטערט געוואָרן און האָט אויסגע־רופן פאַרצווייפלט:

— ווײ, ווײ, פּאָני חזיר וועט איינגעמען די מלחמה און ער וועט זיך נוקם זיין אין מיינע קינדער און וועט זיי ברענען ווי מיט פייער.

אין פיל יאָרן אַרום שפּעטער, ווען מען האָט געשריבן „קאַסטראַי" און געשמיסן די סלאַוואַטער צדיקים, ר׳ שמואל אבאַן און ר׳ פּנחסן, ר׳ פּנחס קאָריצערס איינעקלעך, האָט מען זיך דערמאָנט דעם ווײ געשריי פון ר׳ פּנחס קאָריצער און מ׳האָט ערשט פאַרשטאַנען זיינע ווערטער ביי דער אסיפה.

די בעלת אכסניה שיינדל, האָט ניט געוואָלט נעמען קיין געלט ניט פאַר דער אכסניה און ניט פאַרן עסן און טרינקען. האָבן איר די צדיקים געהייסן חתונה האָבן און זי געבענטשט, אַז זי וועט האָבן אַ זון וואָס וועט באַלייכטן די וועלט.

שיינדל האָט חתונה געהאַט און האָט געבוירן אַ זון מאיר, וועלכער איז געוועזן דער צדיק ר׳ מאיר לעבֿיוועצער.

און אינעם שטעטל קאָרניצע, אין מיטן מאַרק שטייען אַ שורה קלייטן צוזאַמענגעבויט מיט אַ ראַטהויז, און אויפן ראַטהויז שטייט אַרויפגע־שטעלט אַ בראָנזענער קאַזאַק, רייטנדיק אויף אַ פערד, און דאָס איז צום אָנדענק פון יענעם קאַזאַק, פּאָניס שר, וואָס האָט געבעטן פייער אין מיטן וכוח פון די צדיקים און וואָס אַ דאַנק דעם באַקומען פייער צו זיין ליולקע ציבעק, האָט פּאָני חזיר געוואונען די מלחמה קעגן פּאָליאַק.

# דער מעזריטשער מגיד ז"ל און זיין צווייטע פרוי

בידוע, האָט דער מעזריטשער מגיד ז"ל, נאָכדעם ווי ער איז געוואָרן אַן אלמן, באַשטימט נישט מער חתונה צו האָבן.

ווייל ער איז געווען צופיל דערוויטערט פון עולם הזה, אום ער זאָל נאָך קאָנען אין זינען האָבן אַזעלכע ערדישע זאכן, בפרט נאָך זינט זיין זון ר' אברהמ'על מלאך איז געבוירן געוואָרן און ער האָט אין זיינע אויגן אַ בליק געטאָן, דעמאָלט האָט ער אָנגעוואוירן אַלע גשמיותן און די קדושה האָט זיך אויסגעשפרייט אויף אַלע זיינע רמ"ח אברים און שס"ה גידים, און באַלד האָט ער זיך פורש געווען פון דער הייליקער רביצין און איז געווען בפרישות ביז זי איז נפטר געוואָרן.

איז קיינעם אפילו אויפן געדאַנק נישט געקומען, אַז ער, דער הייליקער מגיד, וועט חתונה האָבן נאָכאַמאָל.

האָבן זיך דערנענטערט ימים נוראים און דעם מגיד איז אויפגעקומען אַ דאגה: וואָס וועט ער טאָן אום יום כפור מיטן „וכפר בעדו ובעד ביתו", ווייל בידוע, איז ער ז"ל דאָך געווען בבחינת „כהן כהן".

האָט ער ז"ל זיך געווענדעט צו זיינע מקורבים וועגן דעם ענין און זיי געבעטן, אַז זיי זאָלן אים זען אַ שידוך, נאָר בתנאי, ער זאָל זיך מיט איר גאָרנישט אָנגעהערן... זי זאָל רק אָנגערופן ווערן דעם מגידס ווייב, נישט מער, אום כדי יום כפור ביי דער עבודה זאָל ער קאָנען מקיים זיין דעם „וכפר בעדו ובעד ביתו".

האָט זיך געפינען אַזאַ מין פרוי, וואָס איז באַשטאַנען דערויף, אַז זי זאָל נאָר טראָגן דעם מגידס נאָמען, און ער האָט מיט איר חתונה געהאַט. האָבן זיי געוואוינט אָפגעזונדערט, זיך נישט אָנגעהערט און נישט באַגעגנט זיך איבער אַ יאָר צייט.

איינמאָל אין אַ בייטאָג האָט זיך די מגידבע אויסגעפּוצט אין בגדי שבת און איז אַריינגעגאַנגען אין מגידס צימער, וואו ער איז געזעסן פאַר־טיפט אין לערנען. דער מגיד האָט אויפגעהויבן זיינע אויגן און ווען ער האָט דערזען פאַר זיך אַן אשה, איז ער דערציטערט געוואָרן.

ער האָט זיך אויף גיך אויפגעהויבן און געוואָלט אַרויסלויפן פונם צימער, ער האָט זי נישט דערקאַנט, ווייל מער ווי איינמאָל, בשעתן קדושין, האָט ער זי דאָך נישט געזען. האָט זי זיך אָנגערופן:

— אַנטלויף נישט, הייליקער רבי, איך דאַרף מיט דיר עפּעס נויטיקס רעדן.

— ווער ביסטו? — האָט ער ז"ל געפרעגט פאַרוואונדערט.

— דיין צווייטע ווייב, וועלכע דו האָסט מקדש געווען כדת משה וישראל — האָט זי געענטפערט.

— און וואָס ווילסטו?

— איך וויל זאָלסט זיך מיט מיר אָנגעהערן נענטער.

דער מגיד ז"ל האָט זיך אָוועקגעזעצט אויף זיין אָרט און זיך אָנ־גערופן:

— מיר האָבן דאָך חתונה געהאַט לכתחילה, אַז מיר זאָלן זיך נישט אָנגעהערן נאָענט.

— וואָס קאָן דיך אַרן, אַז דו וועסט האָבן נאָך אַ מלאך? — האָט איר קול געוויינט תחנונימדיק.

דער מגיד ז"ל האָט אַ שמייכל געטאָן און זיך אָנגערופן:

— ווילכט אויך האָבן אַ מלאך? ערשטנס איז אויף דעם עולם און אויפן עולם העליון מער אַזעלכע מלאכים ווי מיין ר' אברהמעלע נישטאָ אין דעם דור און זיי וועלן אויך אין דעם דור נישט באַשאַפן ווערן. און צווייטנס, אויף צו געבוירן אַ מלאך, דאַרף מען האָבן גרויס מסירת נפש. איך וועל דיר דערציילן ווי אַרום מיין ערשט ווייב האָט זוכה געווען צו ברענגען אַ מלאך, אַזאַ הייליקן מלאך אויף דעם עולם: אַ גרויסע הייליקע נשמה איז געלעגן אין נשמה־אוצר. הונדערטער יאָרן איז זי דאָרטן גע־לעגן און איז געווען דאָס ילד שעשועים פון כביכול. אַלע מלאכים האָבן מיט קנאה געקוקט אויף דער נשמה, וואָס איז דער גרעסטער נציץ אלה און די העכסטע מדרגה, וואָס די שרפים ואופנים וחיות הקודש קאָנען זי נישט משיג זיין. דורך איר הויכער מדרגה איז שווער געווען זי אויפן

עולם השפל אראָפּצולאָזן און נאָך שווערער איז געווען צו געפינען א ילוד־אשה, דורך וועמען אראָפּצוקומען אויף דער זינדיקער וועלט.

איז די נשמה זיך געלעגן אין גשמה־אוצר, זיך מתעשע געווען מיט כביכול ברוך הוא.

האָט זי אָבער זייער געגאַרט אראָפּצונידערן אויף דעם עולם, כדי צו קאָנען דורך אייגענער עבודה נתעלה ווערן יותר ויותר.

ווייל א גרויסע נשמה גאַרט גראָדע יאָ אראָפּצונידערן אויף דער וועלט מקיים צו זיין די תורה, די תרי״ג מצוות וואָס דאָרטן, אויבן, אין הימל זיינען זיי נישט בנמצא. האָט מען געוואָרט אויף אַזאַ אשה, וועלכע זאָל זיך מוסר נפש זיין צוליב א מצוה, וועט די הייליקע נשמה קאָנען דורך איר אראָפּנידערן אויפן עולם השפל.

האָט „מיינע", עליה השלום, געדאַרפט אמאָל האָבן טבילה. איך האָב אפילו נישט געוואוסט דערפון.

געוואוינט האָב איך דאַן אין א דאָרף אלס מלמד און האָב פאַר־דינט צוויי גילדן א וואָך.

איין גילדן איז געווען אויף פרנסה איבער דער וואָך און איין גילדן — לצורך שבת.

האָט זי, עליה השלום, זיך אָנגעהויבן צו ישובן וואָס צו טאָן: אראָפּ־צונעמען אויף הוצאות הדרך פונם וואָכעדיקן גילדן איז נישט געווען מעגלעך, מחמת ס'איז כּוי ווי געווען בצמצום ובדוחק גדול.

ממעט זיין פון הוצאת שבת — אודאי און אודאי נישט. האָט זי זיך מישב געווען און איז געגאַנגען צופוס.

דער טאָג איז געווען זייער א קאַלטער. א שטאַרקער פראָסט האָט געברענט און א קאַלטער צפון־ווינט האָט געבלאָזן, אז ס'איז געווען מיט סכנת־נפשות צו גיין צופוס אין שטעטל אריין, א מהלך פון פופצן וויאָרסט.

אָבער דער גרויסער כח פון דער מצוה האָט איר געגעבן קראַפט און נאָך א פּאָר שעה גיין צופוס, איז זי ענדלעך, מיד און צובראָכן, אָנגעקומען אין דעם שטעטל און איז צוגעגאַנגען גלייך אין מרחץ. דער בעדער איז שוין געשלאָפן, האָט זי מעיז געווען, אָנגעקלאַפּט און געבעטן ער זאָל זי אריינלאָזן אין דער קאַלטער מקוה. זי האָט דערציילט אונטערן פענצטער, ווייגענדיק, פון איר גרויסער מי, וואָס זי האָט געהאַט, ביז זי איז מיט מסירת נפש אָנגעקומען אין שטעטל. זי האָט אים דערציילט פון איר

גרויס אָרימקייט, געמיינט מעורר רחמים זיין ביים בעדער. דער בעדער אָבער האָט זיך אויף איר גוט אויסגעבייזערט פאַר דער העזה, וואָס זי האָט אים אויפגעוועקט פון שלאָף און זי באין אופן נישט אַריינגעלאָזט.

צוריקצוגיין האָט זי זיך נישט געפילט אין כח, האָט זי זיך אוועק־געזעצט אינדרויסן ביי דער טיר פון מרחץ און זיך ביטערלעך צעוויינט.

פלוצים איז צוגעפאָרן א קאָטש געשפאַנט אין פיר פערד. פון קאָטש האָבן אויסגעשטיגן פיר ווייבער און זיי זיינען צוגעגאַנגען צו איר, זי גע־פרעגט וואָס זי וויינט.

ווען זיי האָבן געהערט דעם פאַרוואָס, האָבן זיי איר דערציילט, אַז אויך זיי זיינען געקומען טבילה האָבן און זיי זיינען זייער רייך, זיי וועלן גוט באַצאָלן דעם בעדער, ער וועט אויפשטיין פון שלאָף, אָנוואַרעמען ביטלעך און די מקוה פאַר זיי, וועלן זיי זי אויך אַריינעמען און באַצאָלן פאַר איר אויך.

כך הוה: זיי האָבן אויפגעוועקט דעם בעדער, ער האָט איינגעהייצט געמאַכט ביטלעך, אָנגעוואַרעמט די מקוה און זי, עליה השלום, האָט מקיים געווען די מצוה כדינא.

אַרויסגייענדיק זאָגן זיי איר:

— אַזוי ווי אונז קומט אוים סיי ווי דורכצופאָרן דורך אייער דאָרף, וועלן מיר אייך אָפפירן מיט אונזער קאָטש גלייך צו אייך אַהיים.

זיי האָבן זי אַרויפגענומען צו זיך אויפן קאָטש און זי אָפּגעבראַכט אַהיים.

צוקומענדיק צו דער שטוב פרעגט זי זיי:

— זאָגט מיר באַטש אייערע נעמען, איך זאָל וויסן וועמען צו בענטשן פאַר דער גרויסער טובה.

— שרה, רבקה, רחל און לאה — האָבן זיי געענטפערט און פאַר־שוואונדן געוואָרן מיט דעם קאָטש.

יענע נאַכט זיינען צו מיר געקומען בחלום די אבות, און זיי האָבן מיר אָנגעזאָגט די גרויסע בשורה, אַז אַ גרויסע נשמה, וועלכע איז די העכסטע מדרגה פון זינט די וועלט איז באַשאַפן געוואָרן, וועט איצט אַראָפּנידערן, דורך איר אויף דער וועלט.

זיי האָבן מיר מזהיר געווען, איך זאָל איר אָנזאָגן, נזהר צו זיין די גאַנצע צייט פונם הריון. ניט צו קוקן אויף קיין דבר טמא, האַלטן הייליק

די מחשבות און, בעיקר, ניט מסיח דעת זיין, אז זי טראָגט די הייליקסטע נשמה אין דער וועלט, ניט קיין געוויינלעכע מענטשן נשמה, נאָר א מלאך.

און זי, עליה השלום, האָט מיט גרויס שמחה און מיט א טיפער כונה פאַרנומען די גוטע בשורה און זי האָט די גאַנצע צייט געהייליקט אירע מחשבות, אזוי, אז זי אליין איז כמעט געוואָרן א מלאך, דורך אייגענער עבודה.

און ווי נאָר מיין זון, דער מלאך, איז נולד געוואָרן און מיר האָבן אויף אים א בליק געגעבן, זייען אונזערע גופים געלייטערט געוואָרן און דער יצר־הרע איז נסתלק געוואָרן פון אונז.

— רבי — האָט זי זיך אָנגערופן, וואָסזשע וועט זיין אויף יענער וועלט? די ערשטע רביצין וועט זיין אייער פוס-בענקעלע און וואוהין וועל איך מיך אהינטאָן?

דער מגיד ז"ל האָט זיך אויפגעשמעלט און געזאָגט:

— יענע האָט אליין א שטול אין גן־עדן, זי וועט ניט דאַרפן זיין קיין פוס־בענקעלע און אז דו וועסט זוכה זיין, וועסטו אונז דאַרטן משמש זיין און וועסט אויך הנאה האָבן מזיו השכנה.

א צופרידענע האָט זי פאַרלאָזט דעם מגידס צימער און אים מער ניט דערקוטשעט.

# עזרא הסופרס תורה און ר' צבים קדיש

דער אַפּטער רב ז"ל האָט געהאַט בירושה אַ ספר תורה פון עזרא הסופר.

יעדער תג אין דעם ספר איז געווען געשריבן בקדושה ובטהרה.

יעדן פרייטיק נאָך חצות היום האָט דער אַפּטער זיך געטובלט ז' טבלות און מעביר סדרה געווען אין דעם ספר תורה, אין עזראס ספר, ווי ער פלעגט עס אָנרופן. תרגום אונקלס האָט ער געזאָגט בעל־פּה.

שבת אינדערפרי האָט מען אין זיין קלויז געמאַכט די קריאה אין דעם ספר. מ'האָט אָבער פריער מכריז ומודיע געווען, אז דער וואָס האָט זיך ניט טובל געווען פריער קיין ז' טבלות און ניט מכון געווען אין דער מקוה די כונות האר"י ז"ל, זאָל זיך ניט דערנענטערן צום ספר.

איינמאָל אין אַ פרייטיק צו נאַכטס קומט עזרא הסופר אין חלום צום אַפּטער ז"ל און זאָגט אים, אז אין ספר איז דאָ אַ שגיאה, מען טאָר ניט מאַכן מאָרגן די קריאה אין אים.

דער אַפּטער ז"ל האָט פון גרויס צער זיך תיכף אויפגעכאַפּט און איז אַרויסגעגאַנגען פון דער שטוב, קומט אים אַנטקעגן דער אפיקורס פון שטאָט, מיט איין אויג.

דער אַפּטער האָט אַ קוק געגעבן אויף אים און זיך אָנגערופן: „עין תחת עין".

דער שטאָט אפיקורס האָט זיך באַלד מודה געווען און זיך צעוויינט:

— רבי, — האָט ער געכליפּעט — איך האָב אויסגעמעקט אַן „עין" און אָנגעשריבן אָנשטאָט דעם אַן „אלף", איז מיר תיכף אַרויסגעפאַלן דאָס רעכטע אויג.

— וואָס איז דער חידוש,—האָט אים דער אַפּטער געענטפערט—די תרי"ג מצוות זיינען דאָך קעגן די רמ"ח אברים און שס"ה גידין. אז

מ׳איז פוגם אין עפּעס א מצוה, ווערט נפגם דער עבר, וואָס איז קעגן יענער מצוה „עשה“ אָדער „שלא־תעשה“.

— רבי, גיט מיר א תשובה — האָט דער אפיקורס געקולעט.

— האָסט שוין א גענוג אָפּקומעניש — האָט אים דער אפּטער גענטפערט — בלי ענים חשוב כמת, ביסטו שוין א האַלבער מת, מיט איין אויג נאָר, זיי אַן ערלעך קינד און גאָט וועט דיר מוחל זיין.

דער אפיקורס איז געוואָרן אַן אמתער בעל־תשובה און איז דערנאָך געוואָרן איינער פונם אַפּטערס מקורבים.

פאַר קריאת התורה האָט דער אַפּטער מודיע געווען דעם שמש, אַז מען זאָל מוציא זיין אַן אַנדער ספר תורה. מ׳האָט געדאַרפט מתקן זיין די שגיאה אין עזראס ספר תורה, און דער אַפּטער ז״ל האָט זיך זייער מצער געווען וועגן דעם, וואָס אין עזראס ספר תורה וועט זיך געפינען אַן אות געשריבן פון אַן אַנדער סופר.

האָט זיך ווידער אַמאָל באַוויזן צו אים עזרא בחלום און אים מודיע געווען, אַז אין מעזביזש איז דאָ אַ סופר, ר׳ צבי הייסט ער, אַ גרויסער יראת שמים, וועלכנס נשמה איז דער יורש פון זיינער, פון עזראס און אַז ער, ר׳ צבי, וועט מתקן זיין דאָס אות, וועט זיין גלייך ווי ער, עזרא אַליין, האָט דאָס מתקן געווען.

האָט דער אַפּטער געשיקט ברענגען ר׳ צבי סופר פון מעזביזש און ער האָט מתקן געווען די „עין“.

ווען ר׳ צבי סופר האָט געהערט פונם אַפּטער, אַז זיין נשמה איז אַ שורש פון נשמת עזרא־הסופר, האָט ער אָנגעהויבן צוגרייטן אַ ספר תורה פאַר זיך אַליין.

ער האָט געקויפט לעבעדיקע הירשן, זיי געשאָכטן אויף כשר, דאָס פלייש האָט ער צעטיילט צו עניים תלמידי חכמים, די עורות געגעבן אויס־ארבייטען לשמה.

צוגרייטן טינט און פעדער מיט די געהעריקע כונות האָט אים גע־האָלפן זיין בן יחיד ר׳ שמעון, וועלכער איז געווען א תלמיד חכם און א גרויסער צדיק, אויף וועלכן די צדיקי־הדור פון יענער צייט פלעגן זאָגן, אַז ער איז „נשמת ר׳ שמעון בר יוחאי“.

און אַז ס׳פלעגט עמיצער פון זיי מסופק זיין אין דער הבנה פון א

„רעיא מהימנא", האָבן זיי געשיקט ר' שמעונען פרעגן און זיך דערביי אויסגעדריקט:

— נו, מ'דאַרף שיקן פרעגן דעם מחבר אַליין.

נאָכדעם ווי אַלעס איז געווען צוגעגרייט, האָט ר' צבי סופר מכוון געווען געוויסע כונות, מצרף געווען געוויסע צרופי שמות און זיך טובל געווען ש"י טבלות. ער האָט זיך פאַרמאַכט אין אַ חדר מיוחד, פון וואַנען ער איז ניט אַרויסגעטרעטן, סיידן לדבר הנחוץ, ביז ער האָט געענדיקט שרייבן דעם ספר התורה.

דאָרטן, אהין, אינם התבודדות חדר, האָט מען אים דערלאַנגט צוויי מאָל אין טאָג ברויט מיט זאַלץ מיט אַ קוואָרט וואַסער: דאָס איז געווען זיין שפּייז אין די וואָכעדיקע טעג. שבת און יום־טוב האָט ער געפּראַוועט צוזאַמען מיט זיינע בני בית און מתפּלל געווען אין קלויז בצבור.

מוצאי שבת און מוצאי יום טוב, נאָך הבדלה תיכף, האָט ער זיך פּורש געווען אין זיין התבודדות חדר, וואו ער האָט פאַרגעזעצט זיין מלאכת הקודש. פאַרן שרייבן אַ שם, איז ער געגאַנגען טבלה האָבן.

דריי יאָר נאָכאַנאַנד האָט ר' צבי סופר געהאַט התבודדות מיט די הייליקע יריעות, ביז ער האָט מסיים געווען דעם ספר.

ווען ער האָט פאַרענדיקט דעם ספר תורה און עס באַדאַרפט אריינ־פירן אין שיל אַריין, זיינען זיך צונויפגעפאָרן אַלע צדיקי הדור, די גאַנצע שטאָט און פון אַרום זיינען זיך צונויפגעפאָרן אויף דער שמחה פון סיום התורה.

מיט גרויס פּאַראַד און שמחה האָט מען אַריינגעפירט דעם ספר תורה אין שיל אַריין.

אריינשטעלן דעם ספר תורה אין היכל אריין האָט ר' צבי איבער־געגעבן זיין בן יחיד, ר' שמעונען.

און ווי נאָר ר' שמעון האָט גענומען דעם ספר תורה און אָנגעהויבן מכין זיין אַ שם, האָט אַראָפּגענידערט אַ האַנט פונם הימל און צוגענומען דעם ספר תורה און איז נעלם געוואָרן.

דער גאַנצער פאַרזאַמלטער עולם איז דערציטערט און איבעראַשט געוואָרן פון דעם.

און ר' צבי מיט זיין בן יחיד האָבן זיך וועגן דעם זייער מצער גע־ווען.

האָט מען זיי די נאָכט מגלה געווען בחלום, אַז דער ספר תורה איז געשריבן געוואָרן מיט צו אַ גרויסער קדושה, און די בני אדם פון יענעם דור זיינען ניט ראוי צו אַזאַ קדושה, האָט מען דעם ספר תורה אַרויפגענומען אין הימל.

האָט ר' צבי געטענהט:

— סטייטש, מיין זון, ר' שמעון, איז דאָ אין דעם דור און ווי אין די צייטן פון ר' שמעון בר יוחאי בשעתו ווערט ניט געזען קיין „קשת בענן", און דער אַפּטער רב איז אין דעם דור, וואָס איז דער כהן גדול בדורו און איז מכפר בעדו, בעד ביתו ובעד כלל ישראל!

מיטן כח פון אָט דער טענה, האָט מען אים געענטפערט:

— גיי און שרייב נאָך אַ ספר תורה מיט דער זעלבער קדושה ווי דעם ערשטן. אָבער זאָלסט גוט נזהר זיין, ניט האָבן קיין היסח-הדעת פון התדבקות עילאית פונם ערשטן אות, וואָס וועסט אָנהויבן שרייבן, ביז דער ספר תורה וועט אין היכל אַריינגעשטעלט ווערן. ווייל לויט דער גרויס פון דער קדושה, איז די גרויס פון קטרוג ר"ל. בפרט איז דער קטרוג פונם ס"מ ר"ל גרויס קעגן דיין זון ר' שמעון, דעם צדיק תמים, וועלכער שטערט די אַרבעט פון דער סטרא־אחרא.

נאָכדעם ווי ר' צבי סופר האָט זיך מישב געווען מיט זיין בן יחיד ר' שמעונען, האָט ער זיך גענומען צו דער עבודה.

ער האָט געדונגען מענטשן מ'זאָל כאַפּן לעבעדיקע הירשן, זיי געשאָכטן און צעטיילט דאָס פלייש צו אָרימע תלמידי חכמים, אויסגעאַרבעט די עורות לשמה, ר' שמעון האָט אים צוגעגרייט טינט און פעדער מיט די געהעריקע כוונות.

און ער האָט זיך געטובלט ש"י טבלות, זיך מתבודד געווען אין אַ באַזונדער צימער און ווי דעם ערשטן מאָל, האָט ער אין דריי יאָר צייט פאַרענדיקט שרייבן דעם ספר תורה בקדושה ובטהרה.

צום סיום התורה זיינען זיך צונויפגעפאָרן נאָכאַמאָל פון אַרום די שטעטלעך גדולי הדור, צווישן וועלכע ס'האָבן ניט געפעלט די צדיקי־הדור און בתוכם דער אַפּטער רב.

ווען מ'האָט אַריינגעפירט דעם ספר תורה אונטער דער חופה אין בית הכנסת, איז ר' צבי סופר אַריין אין גרויס התפעלות, טאַנצנדיק און שפּרינגענדיק — בבחינת דוד המלך, ווען ער האָט אַריבערגעפירט דעם

ארון הקודש אין עיר דוד. און... ער האָט אויף א רגע במימריה מסיח הדעת געווען פון דער קדושה, איבערגעריסן א רגע פון חבור עילאית און ער האָט גאָר ניט באַמערקט אז אין דער רגע איז — ווי געשטופט פון רוח ערה — נעלם געוואָרן זיין בן יחיד פון בית הכנסת.

פּלוצים גיט אים דער אָפּטער א זאָג:

— צבי סופר, די קייט איז איבערגעריסן געוואָרן!

ער האָט זיך באַלד א כאַפּ געטאָן און אויסגעשריגן:

— וואו איז מיין בן יחיד?

ער איז באַלד אַהיימגעלאָפן אין דער אפטער איז אים נאָכגעלאָפן. אריינקומענדיק אין שטוב, האָבן זיי געפונען ר' שמעונען טויט אויפן בעט.

און ווי ר' צבי סופר האָט געגעבן א פארברעך מיט די הענט, האָט אים דער אפּטער א כאַפּ געטאָן און אויסגערופן:

— צבי סופר, וואָס ווייניסטו? קארג פאר דיר איין קדיש? פארוואָס פארלאַנגסטו צוויי קדישים.

ר' צבי סופר האָט דאָס משיג געווען און זיך געטרייסט.

ווען ר' צבי סופר איז נפטר געוואָרן, איז צום אָפּענעם קבר געקומען די ספר תורה אין געשטאַלט פון א מענטשן און געזאָגט דעם ערשטן קדיש.

די ספר תורה האָט דער אפטער אָפּגעקויפט ביי ר' צבי סופרס אלמנה און כל ימיו מעביר געווען די סדרה אין אים א וואָך איבער א וואָך.

איין וואָך אין עזראס ספר תורה און די צווייטע וואָך אין ר' צבי סופרס קדיש — אזוי האָט ער די דאָזיקע ספר תורה גערופן.

# די געבורט פון שפּאָלער זיידן ר׳ לייב ז״ל

ס׳זיינען פאראן פארשידענע מדרגות פון הכנסת אורחים. פאראן אַ מכניס אורח, וואָס גיט יענעם אַן אָנבייסן, אַ וועטשערע, דערצו נאָך אַ נדבה הגונה, פשוט פאַר רחמנות, אויס ריינער פילאַנטראָפּיע. די יעניקע זיינען פון די מוחין קטנין, בבחינת פרנסי ככלב. ווייל אַפילו אַ חיה, אַ בהמה, האָט אויך אַמאָל אַ געפיל פון רחמנות צו אירע שוואַכערע און אָרימערע און אַמאָל אויך מיט אַ מענטשן. אַט האָט אַמאָל אַ כלב געפילט אַ רחמנות און אָנגעזויגן בורשן.

דער רחמנות געפיל קוועלט ניט פונם מחשבות קוואַל, ווייל אַ מענטש. אַ בעל מחשבה, איז ווייט פונם וואָרט רחמנות.

רחמנות — דאָס איז אַ מין באַציאונג פון אַ שטאַרקן צו אַ שוואַכערן, פון אַ הערשער צו אַ קנעכט. דורך דער הילף מיט רחמנות, אָדער פילאַנ־טראָפּיע איז ער כובש יענעם פאַר אַן עבד און ער ווערט נתעלה איבער דעם געהאָלפענעם אַלס זיין מושל. וואָס מער הילף דורך רחמנות און פי־לאַנטראָפּיע איינער באַקומט, אַלץ דערנידעריקטער, אַלץ אומאַקטיווער ווערט ער, אַלץ ראַנקבאַרער ווערט ער צו זיין העלפער און דאָס פאַר־וואַנדלט אים פאַר אַ שקלאַף צו יענעם. ער זינקט אַלץ נידעריקער ברוחניות ובגשמיות.

זיין גוף און נשמה ווערן אַן דעם צלם און רוח אלהים. ער ווערט פאַרקויפט צו זיין בעל רחמנות, און ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ שטענדיקן דאַנקבאַרן נפש צו זיינע העלפער.

דאַקעגן אָבער איז פאַראַנען אַ מכניס אורח פון אַן אמתער מדרגה, פון די מוחין דגדלות, בבחינת אברהם אבינו, וועלכער אָנערקענט רק דעם בורא עולם, דעם איינאונאייניציקן גאָט, וואָס האָט באַשאַפן די גאַנצע וועלט אין איר דערפילונג און האָט פאַרזאָגט: לא תעשוק, איינער טאָר ניט צונעמען ביים צווייטן, איינער טאָר ניט געניסן מיט אַ פולער מאָס

פארמאָגט ,דאַרף ער זיך טיילן מיטן צווייטן אין גלייכע חלקים.

דאָס הייסט, די אָנערקענונג פונם אהד, יחי דומיוחד, — איין גאָט, און דעם אַנדערן גאַרניט איבערלאָזן. „וחי אחיך עמך", ווייפל איינער איין וועלט. אַלע מענטשן זיינען ברידער. איין משפחה איבער דער גאַנ־צער וועלט, און דעריבער דאַרף דער גאַנצער וועלט־גענוס צעטיילט ווערן צווישן דער גאַנצער משפחה אין גלייכע חלקים. דאָס איז אַ בדרגה גבה.

דער געהאָלפענער ווערט ניט דערנידעריקט דערמיט, אדרבה, ער ווערט נתעלה. ער ווערט דאַדורך געוואוינט צו פאָדערן שטאָלץ, וואָס אים קומט. און דעם העלפער דערנעענטערט עס צו אהבת האדם, צו התאחדות, צו אהבה עד אין סוף. און דער, וואָס דערגרייכט צו דער גרויסער מדרגה, ווערט ער געבענטשט מיט בן צדיק, וואָס באַשיינט מיט זיין צדקות די גאַנצע וועלט.

אָט אַזא מכניס אורח איז געווען דעם שפּאָלער זיידנס פאָטער ר' ברוך ז"ל, וועלכער איז דערפאַר געבענטשט געוואָרן מיט אַזא צדיק ווי זיין זון ר' לייב, דער שפּאָלער זיידע זצ"ל.

און מעשה שהיה כך היה:

ר' ברוך איז געזעסן אין אַ דאָרף, לעבן אומאַן, קיעווער גובערניע, ער האָט דאָרטן געהאַלטן די פאַסעקיע ביים גראַף פּאָטאָצקי. זיין ווייב האָט געהייסן רחל. זיינען זיי געווען פון די מוחין דברכין און ווי אברהם אבינו בשעתו, האָבן זיי אָפּגעהיט די מצוה פון הכנסת אורחים.

יעדן, ווער ס'איז געקומען צו זיי אין שטוב, האָבן זיי אויסגעהאַלטן מיט עסן, טרינקען און שלאָפן כיד המלך. צו דעם צוועק, האָט ר' ברוך אויסגעבויט אַ סך צימערן, אריינגעשטעלט אַהין בעטן, מיט בעטגעוואַנט. אַ גאַנצע וואָך האָבן די אורחים געגעסן ביי זיך אין צימער, נאָר שבת און יום טוב האָבן די מענער געגעסן אַלע אין אַ גרויסן זאַל צוזאַמען מיט ר' ברוכן און די ווייבער אין אַ באַזונדערן זאַל צוזאַמען מיט זיין ווייב רחל.

דער טיש, אויף וועלכן זיי האָבן געגעסן, איז געווען קיילעכדיק, אום עס זאָל ניט זיין קיין אויבן און קיין אונטן, אַלע זיץ־ערטער זאָלן אויסזען גלייך. בשעתן עסן פלעגן זיי רעדן מיט די אורחים. אויספרעגן ביי זיי אויף זייער מעמד, געוואויר ווערן וואָס עס פעלט זיי און מיט וואָס מען קאָן זיי באַהילפיק זיין. און ווען אַן אורח האָט געזאָלט אָפּפאָרן פון דאָרטן,

האָבן זיי אים באַגלייט ביז אויסער דער שטאָט און דאָרטן זיי באַהילפיק געווען, צווישן פיר אויגן, כדי שלא לבייש. אמערסטן אָבער האָבן זיי גע-האָלפן בתורת הלואה, אוועקצושטעלן יענעם אויף אַ מעמד־פּרנסה, אַזוי, אַז ער זאָל ווערן זעלבסטשטענדיק און מיט דער צייט כשירחיב, אויך קאָנען אויסצאָלן צו ביסלעך דעם חוב.

איז ביי אַ בעל־עגלה למשל, אַמאָל צוגעשטאָנען אַ פערד, האָט ער שוין געוואוסט, אַז ער דאַרף זיך נאָר צושלעפּן צו ר׳ ברוכן, וועט ער אים פון זיינע פערד געבן איינס.

און ר׳ ברוך פלעגט דערביי צוגעבן:

— נעם, ברודער, איך האָב געניג, וואָס טויג מיר אַזויפיל? נעם צו ביי מיר אַ עסער און איך וועל דיר דערפאַר דאַנקען.

מאַכט זיך אַמאָל, אַז דער בעל שם טוב הקדוש זצ״ל שלעפּט זיך אינמיטן וועג ערגעץ מיט זיין ווייב, דער צדיקת — ס׳איז נאָך געווען אין דער צייט פון „התכסה״, ניט געטאָרט זיך נאָך אַנטפּלעקן — און ער פירט אַ וועגעלע ליים אין אַ שטעטל אריין, צום פאַרקויפן. דאָס פערדל, אויסגעמאַטערט און אויסגעהונגערט, קאָן מער ניט שלעפּן דאָס וועגעלע מיט דעם ליים און בלייבט שטיין. שטעלן זיי זיך אוועק אין מיטן וועג, דער בעל שם טוב מיט זיין ווייב, און טוען תפילה צו גאָט ברוך הוא. איז מען מרמז מן השמים דעם בעל שם טוב הקדוש, אַז ער זאָל צופאָרן צו דעם דאָרף, צו ר׳ ברוכן, און נעמען אַן אַנדער פערד.

נאָך אַ לאַנגער און שווערער נסיעה זיינען זיי אָנגעקומען אינם דאָרף, צו ר׳ ברוכן.

ר׳ ברוך, כדרכו, האָט זיי זייער שיין צוגענומען מיט אכילה, שתיה און לינה, געגעבן אים אַ פערד און געבעטן, אַז זיי זאָלן ביי אים שבת האַלטן. אַ גאַנץ שבת האָט זיך דער בעל שם טוב באַוויזן אַלס אַן עם הארץ, וואָס פאַרשטייט קוים אַ וואָרט עברי. שבת צו נאַכטס האָט ר׳ ברוך ניט געקאָנט איינשלאָפן, וויל ער האָט זיך שבת בייטאָג גוט אויס-געשלאָפן. דערזעט ער פלוצים דורכן פענצטער זייער אַ גרויסע שיין, ניט ווי פון אַ ליכט, נאָר ווי פון אַ זון.

האָט ער זיך אָנגעטאָן, אַרויסגעגאַנגען און דערזעט ווי די שיין קומט פונם חדר, וואו דער בעל שם טוב איז געווען. ווערט ער שטאַרק

פארוואונדערט און לויפט צו צום צימער, קוקט אריין דורך א שפאלט פון טיר און ווערט שטארק איבעראשט.

דער ארימאן וועמען ער האט געשענקט דאס פערד, וועלכער ציינט זיך צו זיין א גרויסער עם הארץ, זיצט אויף דער ערד און רעכט אפ תקון חצות מיט א גרויסער התלהבות, האלט די הענט ארויף און דאס פנים שיינט ביי אים ווי די זון. א גרויסע ליכטיקייט רינגלט אים ארום און לעבן אים, שטייט א הויכער מאן מיט א ווייסער באָרד, ארומגעגארטלט אין א ווייסן גארטל.

איז ר׳ ברוך פאר גרויס פחד געפאלן אין חלשות. איז דער בעל שם טוב ארוים און אים אויפגעמונטערט. האט ר׳ ברוך ראשית כל אים אנ־געהויבן בעטן מוחל צו זיין, פארוואס ער האט אים געהאלטן פאר א איש פשוט און אפשר דערמיט חס ושלום מזלזל בכבודו געוועזן. והשנית, האט ער אנגעהויבן פרעגן דערקלערונגען פון דעם, וואס ער האט געזען.

האט דער בעל שם טוב אים באלד געהייסן שווייגן און אים פארזאגט זהיר וזהיר, אז וואס ער האט געזען, זאל ער ניט מגלה זיין פאר קיין בן־אדם און דערפאר וואס ער איז מקיים הכנסת אורחים אויף אזא אופן, וועט ער זוכה זיין צו האבן א זון, וועלכער וועט זיין א צדיק יסוד עולם, און אים אנגעזאגט, אז דאס קינד, וואס וועט געבוירן ווערן, זאל זיין ווייב אליין זויגן, ניט אוועקגעבן צו קיין אם, ווי זי איז פארוואוינט צו טאן מיט די פריערע געבוירענע קינדער.

זאגט אים ר׳ ברוך:

— אז איך האב שוין יא זוכה געווען צו זען אויף אייך השארת השכינה און נאכמער, געבענטשט צו ווערן פון אייך מיט אזא ברכה, קאנט איר מיר אפשר מגלה זיין, ווער איז דער איש זקן, וואס איז גע־שטאנען לעבן אייך בעתן תקון חצות?

האט דער בעל שם טוב געענטפערט:

— אז השי״ת האט דיך אויך מזכה געווען צו זען דעם אספקלריא המאירה, דעם איש זקן, וועל איך דיר מגלה זיין ווער ער איז. דאס איז דער מהרי״ל מפראג. ס׳איז געקומען די צייט, אז זיין הייליקע נשמה זאל נאכאמאל נתגלה ווערן בזה העולם, מתקן צו זיין גרויסע תקונים. וועט די הייליקע נשמה מגולגל ווערן ביי דיר און דערפאר זאלסטו רופן דיין געבוירענעם זון נאכן נאמען פונם מהרי״ל — לייב.

ר׳ ברוך הערנדיק דאָס, האָט געוויינט פון פיל שמחה און האָט זיך געווענדעט צום בעל שם טוב:

— זאָגט זשע מיר, הייליקער רבי, ווער זענט איר? ווי אזוי הייסט איר?

— דאָס טאָר איך דיר ניט מגלה זיין. איך בין נאָך אין דער מדרגה פון „הסכנסיות״. איך האָב נאָך נישט גענוג כח צו גובר זיין דעם ס״מ ר״ל, וואָס לאָקערט אויף מיר אין דער עפנטלעכקייט. איך מוז נאָך מיט אים פירן אַ מלחמה פון אַן אורב בבחינת אנשי העי.

און דארום זאָג איך דיר טאַקע גוט אָן, אז למען השם זאָלסט ניט מגלה זיין פאַר קיינעם, וואָס דו האָסט געזען און געהערט, חוץ פאַר דיין ווייב, דער אשה צנועה. זאָלסט זיך מיט מיר נוהג זיין ווי מיט אַלע אָרימעלייט.

אויף מאָרגן איז דער בעל שם טוב מיט זיין ווייב אַפּגעפאָרן און די גאַנצע זעאונג און הערונג איז געבליבן בסוד כמוס ביי ר׳ ברוכן.

אין אַ פּאָר וואָכן ארום איז געקומען די צייט פון טבילה פאַר ר׳ ברוכס ווייב, ס׳איז געווען צום ערשטן חנוכה ליכטל.

איז זי צוגעפאָרן מיט ר׳ ברוכן קיין אומאַן. אין דרויסן איז געווען אַ שטאַרקע קעלט און דער ס״מ האָט זיך אָנגעשטרענגט מיט אַלע זיינע משרתים, די רויטע טייוולאָנים, מעכב צו זיין די לידה פון אזא גרויסער נשמה.

און ווי נאָר זי איז ארויסגעגאַנגען פון מקוה, איז איר אַנטקעגן געקומען אַ גרויסע שווארצע קאַץ.

האָט זי זיך געמוזט אומקערן צוריק.

ווען זי איז דאָס צווייטע מאָל ארויס פון מקוה, מיד און אָנגע־פרוירן, איז לעבן איר פלוצים ווי אויסגעוואַקסן אַ רויטער חזיר. זי איז דערציטערט געוואָרן און האָט זיך צוריקגעקערט און נאָכאמאָל זיך טובל געווען.

ארויסגייענדיק שוין דאָס דריטע מאָל אָנגעפרוירן און מיד, קומט איר אַנטקעגן אַ גרויסער רויטער הונט. איז זי פאַר גרוים חולשות און שרעק געפאַלן אין חלשות.

די טיקערן, וועלכע האָט זי באַגלייט, האָט איר אָנגעהויבן איינרעדן,

אז זי זאָל אהיימפאָרן און אָפּלייגן די טבילה אויף שפּעטער מיט א פּאָר טעג.

אָבער זי האָט געענטפערט:

— איך זע, אז דאָס איז א נסיון מן השמים, וויל איך ביישטיין דעם נסיון און מיט מסירות נפש וועל איך מקיים זיין די מצוה און זי האָט זיך צוריקגעקערט טובל זיין זיך צום פערטן מאָל.

ווי נאָר זי איז אריין אין מקוה, האָט זי דערפילט א מחיהדיקע וואַרימקייט און א ריח פון בשמים האָט איר פאַרשמעקט אזוי, אז זי האָט דערפילט ווי זי איז קרעפטיק געוואָרן און א פרישקייט האָט זי ארומגענומען, וועלכע האָט זי יונג געמאַכט און זי האָט באַלד פאַרשטאַנען, אז דאָס איז א נס מן השמים און די בשורה וועגן דער גרויסער נשמה פונם מהרי"ל מפּראג, וואָס דער אומבאַקאַנטער צדיק האָט זיי מבשר געווען, אז זי וועט ביי זיי געבוירן ווערן, הויבט שוין אָן מקוים צו ווערן.

זייענדיק זיכער, אז דער שטן וועט געוויס לאָקערן און זיך באַווייזן צו איר אין געשטאַלט פון א דבר טמא, האָט זי ארויסגייענדיק פון מרחץ, געבעטן דער טוקערן, זי זאָל גיין פאָרויס און זי האָט זיך אָנגעהאַלטן און איז איר נאָכגעגאַנגען מיט פאַרמאַכטע אויגן, ביז זי איז צוגעקומען צו דער אכסניה, וואו איר מאַן האָט זי דערוואַרטעט.

ווי נאָר זי איז אין שטוב אריינגעקומען, איז די גאַנצע שטוב פול געוואָרן מיט א זעלטענעם בשמים ריח.

— א ריח גן עדן איז נודף פון דיר — האָט דער מאַן זיך געווענדעט צו איר — צי האָסטו געקויפט בשמים צו באַשמעקן זיך?

— ניין — האָט זי אים געענטפערט. — אין א צייט, ווען א סך פון אונזערע ברידער זיינען מחוסרי לחם, וועל איך פאַרשווענדן געלט אויף מותרות? .

און זי האָט אים דערציילט די אַלע פּאַסירונגען, ווי אזוי צום פערטן מאָל טובלען זיך איז אָנגעקומען אין מקוה אריין א ריח גן עדן.

האָט ר' ברוך באַלד פאַרשטאַנען, אז די ברכה פונם אומבאַקאַנטן צדיק הויבט אָן מקוים צו ווערן און זיי האָבן ביידע געלויבט און געדאַנקט גאָט פאַר דעם גרויסן חסד.

און דער ריח גן עדן האָט זיך שוין ניט אָפּגעטאָן פון איר כל ימי חייה.

פונקט צום יאָר, זינט דער בעל שם טוב האָט זיי מבטיח געווען, האָט זי, רחל, געבוירן אַ זון און די שטוב איז פול געוואָרן מיט ליכטיקייט.

אַ גאַנצע וואָך ביזן ברית האָט ר' ברוך געשיקט וועגנס געשפּאַנט אין די בעסטע פערד אין אַלע אַרומיקע שטעט און דערפער, מען זאָל ברענגען אויפן ברית אַלע אָרימעלייט מיט זייערע משפחות. אַלע מאָל האָט אַ וואָגן געבראַכט משפחות־ווייז אָרימעלייט און זיך צוריק אומגעקערט ברענגען נאָך אַנדערע.

און ר' ברוך איז אַרומגעגאַנגען צווישן די אָרימעלייט און געזוכט יענעם, יענעם פאַרבאָרגענעם צדיק, וועמענס הבטחה און ברכה ווערט בחוש פּינקטלעך מקוים, אָבער אים נישט געפונען.

און פונקט אינעם טאָג פונעם ברית גיט אַ קוק ר' ברוך: ער גייט צו פוס, מיט אַ טאָרבע אויף די פּלייצעס און לעבן אים ביי דער זייט, זיין ווייב, די צדיקת.

לויפט אים ר' ברוך אַנטקעגן מיט אַ חדוה. גיט יענער אים אַ וואונק, ער זאָל שווייגן און זאָגט אים אָן זהיר וזהיר, ער זאָל זיי ניט אַרויס־ווייזן קיין שמץ פון כבוד, ער זאָל אים באַהאַנדלען ניט בעסער ווי אַלע אָרימעלייט.

נו, אַ ברירה האָט ער געהאַט.

האָט ער כובש געווען אין זיך און געשוויגן.

נאָכן מל זיין דאָס קינד איז געווען אַ מנהג אין יענער צייט, אַז ווען דער קוואַטער האָט צוריקגעטראָגן דאָס קינד, האָט יעדער איינער אַרויס־געלייגט זיין רעכטע האַנט אויפן רך הנמול און געבענטשט עס מיט עפּעס אַ ברכה.

ווען דער קוואַטער האָט דורכגעטראָגן דאָס קינד דורכן בעל שם טוב, האָט ער ז"ל אַרויפגעלייגט זיין רעכטע האַנט אויף זיך אָנגערופן בקול רם:

— איך בין אַן עם הארץ און איך ווייס ניט צו געבן קיין ברכה אויף לשון־הקודש. איך געדענק בלויז איין פּסוק פונם חומש, וואָס מיין טאַטע האָט מיט מיר אַמאָל געלערנט:

„ואברהם זקן", אב הייסט אַ פאָטער, זקן, הייסט אַ זיידע. איז די טייטש פון „ואברהם זקן" — און אברהם איז אַ זיידע. אַזוי ווי אברהם

איז אונזער אלעמענס זיידע, זאל דאס קינד, לייבעלע, אויך זיין א זיידע צו אלע אידן.

צווישן גאנצן עולם איז געווארן א גרויס געלעכטער פון דער טייטש פון דער ברכה.

און אויף א געלעכטער האט מען דאס קינד אנגעהויבן רופן זיידע און אזוי איז זיין נאמען פארבליבן עד היום הזה:

דער שפאלער זיידע.

# א מעשה פון אַן איש חסיד בימי אָפּטער ז״ל

.1

אמאָל איז געווען אַ גרויסער תלמיד-חכם, אַ צדיק תמים. חוץ דעם לערנען די הייליקע תורה און די רייד פון די חכמים, איז ער געווען אין גאַנצן פרעמד פון אַלע הבלי בעולם הזה. טאַקע, אַן אמתער תמים.

היות ער איז געווען אַ גרויסער אביון ר״ל, האָט זיין ווייב געאַרבעט עבודת פרך, געגאַנגען וואַשן פרעמד וועש, העלפן באַקן, קאָכן, און דערפון האָט זי מפרנס געווען אירע בני־בית און אים האָט זי קיינמאָל ניט גע־שטערט דאָס לערנען.

דאָס האָט אַזוי געדויערט אַ צייט, ביז די עלטערע בתולה איז גע־וואָרן אַ בוגרת. דעמאָלט איז זי אַריינגעגאַנגען צו אים אין צימער, וואו ער איז געזעסן און געלערנט, און האָט אים געבעטן, ער זאָל איר מוחל זיין, וואָס זי שטערט אים און איז אים מבטל פון זיין לימוד, ווייל — האָט זי אים געזאָגט — ס׳איז אַ גרויסער ענין דערביי.

דערהערט אַזעלכע רייד, האָט ער אַ קוש געטאָן דעם דף פון דער גמרא, זי פאַרמאַכט און געזאָגט:

— מיין אשה כשרה, רעד, איך בין גרייט צו הערן.

האָט זי זיך אָנגערופן צו אים לאמר, אַזוי צו זאָגן:

— דו ווייסט וואויל, מיין מאַן, אַז איך האָב געטאָן תמיד אַלע שווערע אַרבעטן און געשפייזט אונזערע בני-בית, כדי דיך ניט מבטל זיין פון דער תורה. אָבער איצט איז אונזער טאָכטער שוין געוואָרן אַ בוגרת, מען מוז מיט איר אַ שידוך טאָן, און זי גייט קרועה ובלואה, קיין פרוטה אויף נדן איז אויך ניטאָ. על כן מוז מען עפּעס אָנהויבן צו טראַכטן וואָס צו טאָן.

**דערהערט די דאָזיקע רייד, האָט ער זיך אָנגערופן:**

— מיין אשה כשרה, דו ביסט דאָך אַ חכמה, און פאַרשטייסט אין מלה דעלמא בעסער פון מיר, זאָג זשע מיר דיין עצה, וואָס צו טאָן.

האָט זי געזאָגט:

— מיין עצה איז, אַז דו זאָלסט נעמען צו דיר נאָך איינעם, ער זאָל זיין דיין משמש, ווייל דו אַליין קאָנסט זיך ניט באַדינען, און זאָלסט אַרומפאָרן איבער שטעט און דערפער, זאָלסט יעדן געבן דיין ברכה און מען וועט דיר דערפאַר באַצאָלן. די ברכה, וואָס וועט אַרויסגיין פון דיין הייליק מויל, וועט געווים מקוים ווערן. וועלכע האָבן געטאָן טובות צו אידן און דו וועסט געהאָלפן ווערן מיט נדן, הלבשה און חתונה־הוצאות פאַר אונזער בוגרת.

האָט ער תחילת ניט געוואָלט:

— סטייטש — האָט ער געטענהט — מי אני ומה אני? ווער בין איך און וואָס בין איך, אַז איך זאָל ווערן אַ צדיק און בענטשן דאָס אידישע פאָלק, וואָס איז שוין פון לאַנג געבענטשט פון דעם מויל פון הקדוש ברוך הוא? ווי אין דער הייליקער תורה שטייט: „כי ברוך הוא“; און דערצו נעמען ביי זיי געלט. ס'שטייט בפרוש געשריבן: „מה אני בחנם, אף אתם בחנם“.

האָט זי מיט אירע קלוגע ווערטער אים מסביר געווען, אַז על פי דינא דאַרף ער דאָס טאָן, צוליב זייער טאָכטער, די בוגרת. האָט ער מסכים געווען צו אירע רייד.

איז זי געגאַנגען און אָפּגעזוכט אַ מענטשן, וועלכער זאָל זיך גוט אויסטויגן צו זיין אַ משמש און זיין אַ גוטער בעל יועץ צו איר מאַן, דעם איש תם. און זיי האָבן זיך אַוועקגעלאָזט אין וועג אַריין: ער, דער חסיד, אַלס רבי, און דער מענטש אַלס משמש. זיינען זיי אַרומגעפאָרן אין ווייטע שטעט און דערפער. אידן האָבן באַלד דערפילט, אַז דאָס איז טאַקע אַ צדיק תמים, און זיי האָבן געזען בחוש, אַז זיינע ברכות ווערן מקוים. האָט מען זיך אַ לאָז געטאָן צו אים און געגעבן פדיונות ביד רחבה און אין אַ קורצער צייט אַרום האָט ער שוין פאַרמאָגט גענוג געלט אויף נדן, הלבשה און אויף חתונה הוצאות ברחבה. דאָס געלט האָט דער משמש געהאַלטן ביי זיך. ווייל ער, דער חסיד, האָט ניט געוואוסט אפילו קיין צורת־מטבע. ווען זיי זיינען שוין אין משך פון אַ יאָר געווען אין

וועג, און געלט איז שוין געווען אָנגעזאַמלט די והותר, האָט ער אַמאָל אַ זאָג געטאָן צום משמש:

— אויב ס'איז שוין פאַראַן גענוג געלט צו ברענגען מיין טאָכטער צו אַ תכלית, מעגן מיר אונז שוין צוריקקערן אַהיים.

— אָ, יאָ, — האָט דער משמש געענטפערט — מיר קאָנען זיך שוין צוריקקערן אַהיים.

האָבן זיי זיך פאַרפאַקעוועט און זיך געלאָזט צוריק אַהיים. ווען זיי זיינען צוגעקומען נאָענט פון זייער שטעטל, עטלעכע מייל בלויז און ס'איז זיי אויסגעקומען איבערצונעכטיקן אין דער אכסניה, האָט דער משמש פאַרנומען דאָס גאַנצע געלט און איז אוועק.

דער חסיד וואַרט, דער משמש זאָל אַריינקומען, אָבער ער איז נישטאָ; ווען עס גייט אוועק אַ שעה, צוויי און און ער קומט ניט, ווערט ער שוין זייער אומרואיק. דערווייל קומט אַריין דער בעל אכסניה. ווען ער איז געוואויר געוואָרן פון אים, אַז דער מענטש זיינער האָט ביי אים צוגענומען געלט און איז אוועק, האָט ער זיך פאַראינטערעסירט אין אים, אויסגעפרעגט פון וואַנען ער איז, ווי איז זיין נאָמען א. א. וו. ווען ער האָט פון אים געהערט זיין נאָמען און דעם נאָמען פון שטעטל, איז דער בעל אכסניה באַרואיקט געוואָרן, ווייל אַזוי ווי ער האָט געוואוסט, איז אין יענעם שטעטל אויך געווען אַ גרויסער עושר מיטן זעלבן פאַמיליע-נאָמען, איז אים קיין ספק ניט געווען, אַז דאָס איז ער, דער עושר, אַ סימן, אַז ער דאַגהט זייער ווינציק וועגן צוגענומענעם געלט. אַ באַווייז, אַז ער איז גענוג רייך.

דערלאַנגט מען דערווייל עסן און טרינקען און דער בעל-אכסניה באַט אָן אַ הלוואה פון עטלעכע רובל, הוצאות ביז אַהיים, וועלכע ער איז בטוח, אַז ער וועט אים אָפּשיקן פון דער היים.

צירעדט ער זיך מיט אים, ווערט ער פאַרוואונדערט פון זיין לומדות און נאָכמער פון זיין תמימות, און אַזוי ווי ער האָט פאַרמאָגט אַ זון, וועלכער איז געווען אַ גרויסער למדן אויף אַ שדוך צו טאָן, און הערנדיק פונם אורח, אַז ער האָט אַ מיידל, אויף אַ שדוך צו טאָן, פאַלט אים איין אַ רעיון: אפשר, אליין זיך אָנבאָטן, אַז ער וואָלט אַ בעלן געווען זיך משדך צו זיין מיט אים?

רופט ער צו זיין זון און בעט דעם חסיד, דעם אורח, ער זאָל זיך מטריח זיין, און אים מבחין זיין אין לימוד. נאָכן הערן פון אים זיין מיי-

נוגג, אז ער קאָן לערנען, באַט ער אים אָן, אז אפשר וואָלט ער זיך משדך געווען מיט אים.

איז דאָס דעם חסיד זייער געפעלן געוואָרן און ער רופט זיך אָן:

— איך גלויב, אז דאָס איז השגחת־הבורא און איך בין מסכים. ווערט דער בעל אכסניה זייער פריילעך: א קליינקייט! משדך זיין זיך מיט אזא גביר! און דערצו נאָך אזא צדיק תמים, אזא למדן!

פרעגט ער אים:

— וויפל זענט איר זיך מתחייב נדן?

ענטפערט ער אים:

— איך ווייס? וויפל דארף איך זיך מתחיב זיין?

— צען טויזנט רובל — ענטפערט דער בעל אכסניה — אויסצאָלנדיק אין משך פונם יאָר אין פיר חלקים, אלע דריי חדשים צוויי טויזנט פינף הונדערט רובל. און איך וועל זיך אויך מתחיב זיין פינף טויזנט.

איז דער חסיד באשטאנען דערויף און דער בעל אכסניה האָט זיך מזרז געווען, געבראַכט דעם רב מיטן חזן און מ'האָט אָפּגעשריבן תנאים, געגלויבט אים אליין, דעם מחותן, אז די כלה איז א יפת־תואר, און וואָס איז שייך די איבעריקע מעלות, וואָס א אידישע טאָכטער דארף פארמאָגן, איז דאָך ניט שייך צו פרעגן: א טאָטנס א קינד!

דער בעל־אכסניה האָט דערווייל אויסגעליען אלע הוצאות. ער האָט דאָך געוואוסט, אז זיין מענטש האָט אים באגנבעט. אויף מאָרגן האָט מען אים געדונגען אַן עגלה און אים מיטגעגעבן כלה מתנות און ער איז אהיימגעפאָרן.

ווען ער איז געקומען אהיים און האָט איבערגעגעבן פון אלץ וואָס מיט אים האָט פאסירט, האָט זיך זיין ווייב געטרייסט:

— מילא, אבי, דאנקען גאָט, א שדוך געטאָן און נאָך דערצו א חתן א למדן. פארקויפט מען די מתנה, וואָס ער האָט געבראַכט דער כלה, און מען מאַכט איר דערווייל א ניי מלבוש, און וועגן די צען טויזנט רובל נדן, וואָס ס'איז אָנגעשריבן אין די תנאים, אַן התחיבות פון אים, זיינען זיי פול מיט תקוה און בטחון, אז הש"ית וועט זיי העלפן און זיי וועלן מקיים זיין זייער התחיבות. היד ד' תקצר! און זיי דאנקען און לויבן הש"ית, וואָס זיין נסיעה איז ניט געווען בחנם, גאָט ב"ה האָט זיי באשערט זייער טאָכטערס זיווג.

איז ער זיך אריינגעגאנגען אין זיין חדר מיוחד און האט זיך גע־זעצט לערנען. אזוי ווי ער האט אינם יאר פון זיין ארומוואנדערן ניט גע־קענט פארענדיקן זיינע מעגלעכע שעורים, האט ער איצט באדארפט אפ־לערנען און זיי פארענדיקן. האט ער זיך פארטיפט אים למוד, מער ווי תמיד, און ער האט כמעט ווי פארגעסן זיך אין דער גאנצער משפחה זיי־נער, פארגעסן אמאל עפעס א פרעג צו טאן זיין ווייב, זיין טאכטער די בוגרות, ווייסן וואס הערט זיך עפעס מכח דעם חתן, עפעס אינזינען האבן מכח החתונה. ער איז געזעסן יומם ולילה על תורה ועל העבודה, און ווען זיין ווייב, די אשה כשרה, זאל אים ניט געוועז אריינברענגען עסן און טרינקען און אים דערמאנען, אז ער דארף עפעס נעמען אין מויל אריין, וואלט ער געווען פארגעסן אפילו עפעס טועם צו זיין.

זי, זיין ווייב, זעענדיק, ווי ער איז אזוי פארטיפט שטארק אין לימוד, האט זי אים ניט געוואלט מבטל זיין פונם לימוד און אים מבלבל זיין זיינע הייליקע מחשבות; האט זי געארבעט עבודת פרך, מפרנס גע־ווען אירע בני בית און געהאט גרויס בטחון אין השי״ת, אז אין זכות פון איר מאנס צדקות, אינם זכות פון דער הייליקער תורה, וואס ווערט ניט אפגעטאן פון זיין מויל טאג און נאכט, וועט השי״ת העלפן און זיי וועלן פראווען א חתונה מיטן חתן, דעם למדן, כדרך הנגידים.

גייט אוועק א חודש, צוויי חדשים, דריי חדשים און פונם חתן ניט מען הערט און ניט מען זעט. באמערקט די מוטער יעדן פרימארגן דער כלהס אויגן פול מיט טרערן און דערקאנט דעם צער אויף איר יונגן קינדערשן פנים.

פארקלעמט איר ביים הארצן אויפן קינדס יסורים. פארט א מאמע!

גייט זי שוין אריין אין איר מאנס צימער בשעתן עסן און נאך דער המוציא, רופט זי זיך אן צו אים:

— זיי מיר מוחל, וואס איך בין דיר מבלבל דיינע רעיונות. איך קאן ניט צוזען דעם צער פון אונזער טאכטער, זי וויינט דורך די נעכט; שוין העכער דריי חדשים זינט זי איז א כלה געווארן, און עס איז ניטא פונם מחותן קיין שום ידיעה, אויך מיר שרייבן ניט אהינצו גארניט. אפשר וואלט מען באדארפט זיך ווענדן אהין מיט א בריוו, פשוט א ידידית בריוול, און מען דארף טאקע אנהויבן צו טראכטן וועגן הכנות צו דער חתונה.

אויסגעהערט די דבורים פונם ווייב, האט ער זיך אנגערופן:

— נארישקייטן, הבלים! אלעס איז פון אים, יתברך שמו, און ווען ס'זאל זיין באשערט פון אים צו האבן ידיעות פונם מחותן און פונם חתן, וואלטן מיר געהאט. ווילסט איך זאל שרייבן א בריוו צום מחותן, איז דאס מסתמא דער רצון פון השי"ת דערביי. גוט, גיב מיר אהער פאפיר, טינט און פעדער, וועל איך אנשרייבן.

האט זי אים באלד געבראכט און ער האט אנגעשריבן א בריוו, אז ער מיט זיינע בני בית זיינען ב"ה בחיים ובשלום, און ער איז מאמין באמונה שלימה אין השי"ת, אז די חתונה וועט זיין בשעה טובה ומוצלחת אינם יום־המוגבל און אזוי ווי די כלה האט יסורים פארוואס ס'איז די גאנצע צייט ניטא פון זיי קיין שום ידיעה, לכן, בעט ער זייער, אז זיי זאלן זיך מטריח זיין און שרייבן פון זייער ליבן געזונט. און נאכן לאזן גרוסן בשלום החתן ובשלום כב"ב און נאכן שרייבן א גרוס פון זיינע בני־בית און פון בתו הכלה שתחיה, האט ער זיך אונטערגעחתמעט און איבערגעגעבן דעם בריוו זיין ווייב, וועלכע איז ארויסגעגאנגען אויפן מארק, נאכגעזוכט א געלעגנהייט און אים אוועקגעשיקט צום מחותן.

איז ווידער אמאל איבערגעגאנגען א דריי חדשים און אין קול ואין עונה. ניטא קיין ענטפער. האט זי נאכאמאל, ווידער אמאל ביים עסן, דערמאנט איר מאן, דעם צדיק תמים, אז די כלה האט שמערצן פונם מחותנס שווייגן און אגב איז שוין טאקע צייט אנהויבן טראכטן פון הכנות צו דער חתונה.

האט ער זי געבעטן, זי זאל אים מער ניט מבלבל זיין זיינע רעיונות אין אפלאזן אלצדינג אויף השגחת הבורא. ס'איז זיין וועלט, ער איז דער מנהיג העולם, און מען דארף זיך סומך זיין רק אויף אים. און ער האט בטחון אין אים, יתברך שמו, אז ער וועט אים נאך העלפן מסלק צו זיין דעם נדן און מאכן א חתונה כדרך הנגידים אינם יום המוגבל. מילא, גלויבט זי אין די ווערטער פון איר מאן און פילט זיך אן מיט בטחון און ווארט.

.2

ווען ס'איז איבערגעגאנגען א פאר וואכן און דער אבי החתן האט ניט מקבל געווען פון דער אבי הכלה קיין שום ידיעה, איז אים געווען א

גרויסע פליאה: ניט ער שרייבט אים עפּעס, ניט ער שיקט עפּעס א מתנה דעם חתן און אפילו דעם מזומנעם חוב, וואָס ער האָט ביי אים געליען האָט ער אים נאָך ניט אָפּגעשיקט.

האָט ער זיך זייער געוואונדערט און איבערגעטראַכט: מי יודע, וואָס עס האָט עפּעס פּאַסירט מיטן מחותן. אפשר חו"ש קראַנק געוואָרן?

שרייבט ער אַן א בריוו, אז ער טראַכט זייער איבער און בעט תיכף ומיד תשובה. שרייבט אַן דעם אדרעס און שיקט אים אוועק דורך דער פּאָסט.

דער בריווטרעגער האָט אָפּגעגעבן דעם בריוו צום שטאָט-גביר, וועל־כער האָט געטראָגן דעם זעלבן נאָמען און פאַמיליע פון יענעם אָרימען אידן, וואָס זיצט יומם ולילה על התורה ועל העבודה, ווייל פון יענעם האָט מען אין פּאָסט גאָרניט געוואוסט. אויב מען האָט אין שטעטל יאָ געוואוסט פון אים, איז אָבער זיין פאַמיליע געווען אומבאַקאַנט, מ'האָט אים גערופן רק ביי זיין נאָמען.

ווען דער גביר האָט איבערגעלייענט דעם בריוו, איז ער געווען פאַרחידושט: ער ווייסט ניט פון קיין פּדרון און פון קיין חלום. ער האָט נאָך קיין בתולה ניט און ער איז אין יענעם שטעטל קיינמאָל ניט געווען; און ער איז דאָרטן קיינעם קיין געלט ניט שולדיק. רופט ער אריין זיין נאמן און וויַיזט אים דעם בריוו און הייסט אים באַלד ענטפערן, אז יענער האָט זיך געוויס טועה געווען און ער האָט דעם בריוו על פּי טעות גע־שיקט אויף א פרעמדן אדרעס. דער נאמן איז געווען א גרויסער שפּאַסער, א חוזק מאַכער, האָט ער זיך מישב געווען און אָנגעשריבן אַן ענטפער אַלס צו א מחותן: כפי ער איז געווען קראַנק האָט ער אים גאָרניט גע־קענט שרייבן, בעט ער, ער זאָל אים צוואַרטן נאָך א חודש צייט, וועט ער אים אַלעס אָפּשיקן.

אין א חודש ארום, איז אָנגעקומען נאָכאמאָל א בריוו:

— היות, ס'איז שוין קרוב צום זמן פון סלוקן דעם ערשטן חלק נדן און ביז איצט האָט ער נאָך גאָרניט מקבל געווען. בעט ער זייער, אז מען זאָל שרייבן די סבה פון דעם און אָפּשיקן דעם מזומנעם חוב מיט דעם חתנס מתנה אינאיינעם מיטן חלק נדן.

ווען דער גביר האָט איבערגעלייענט דעם בריוו, האָט ער אים ווי־דער איבערגעגעבן דעם נאמן, ער זאָל ענטפערן, אז זיי האָבן זיך טועה

געוועז און געשיקט דעם בריוו אויף א פרעמדן אדרעס.

האט דער נאמן געשריבן פונקט דעם היפך: היות, ס'איז איצט גע-ענגט די צייט, בעט ער אים מוחל זיין און צוואווארטן נאך א שטיקל צייט וועט ער שוין סלוקן מיט אמאל אויך דעם צווייטן חלק נדן.

אזוי האט דער נאמן געחוזקט און געענטפערט אויף די בריוו אינם נאמען פונם מחותן, וועלכן ער האט אליין ניט געקענט, און האט געווארט צו זען, וואס וועט זיין די ענדע.

ווען דער נאמן האט איבערגעלייענט א בריוו, אז מען דארף זיך שוין מכין זיין בקרוב צו דער חתונה, האט ער געענטפערט, אז ער איז שוין גרייט און מגביל געווען דעם יום החופה און מבטיח געווען, אז קודם החופה וועט ער אלעס סלוקן מיטאמאל.

ווען ס'איז געקומען דער יום המוגבל, קומט אן צום גביר א שליח מיוחד, און ער איז אים מודיע, אז דער מחותן, די מחותנתטע, דער חתן און די אלע מחותנים ווארטן שוין אונטער דער שטאט, אז מען זאל זיי ארויס-פארן אקעגן, ווי דער מנהג העולם איז, און זיי פארפירן אויף אן אכסניה וואס מען האט מכין געווען פאר זיי.

בלייבט דער גביר שטיין שטארק פארוואונדערט, וואס דער טעות פון יענעם טוט זיך ניט אפ ביז דער לעצטער מינוט, פארשטייט ער שוין, אז דאס איז אפגעטאן א חוזק פונם נאמן.

רופט ער צו דעם נאמן און האלט אים פאר, פארוואס ער האט אפ-געטאן אזא זאך; ברענגען אויף יענעם אזא שפיכת-דמים.

מילא, די זאך איז שוין א פארפאלענע. הייסט דער גביר דעם נאמן, ער זאל מתקן זיין אליין, וואס ער האט אפגעטאן. א ברירה האט ער?

פארט דער נאמן ארויס אקעגן און שטעלט זיך פאר אלס נאמן פון זייער מחותן. פארפירט זיי פריער אין אן אכסניה און דערציילט פאר זיי אויס דעם גאנצן אמת, אז ניט זיין בעל הבית האט אפילו א בתולה, ניט ער קאן אים און ניט ער ווייסט פון אים און געווים האט ער על פי טעות געשיקט אהער די בריוו.

אויסהערנדיק די רייד פונם נאמן, בלייבן זיי אלע אין חלשות. ווערט א געוויין, א יללה. ווערט די דאזיקע גאנצע געשיכטע מפורסם איבערן שטעטל. ביז די מעשה האט דערגרייכט צו דער אמתדיקער מחותנתטע און צו דער כלה.

לויפן זיי ארײַן צו אים, צום צדיק תמים אין זיין התבודדות חדר,

זיינען אים מבלבל פון זיין למוד און דערציילן אים אויס אלעס, וואס זיי האבן געהערט אז דער מחותן, די מחותנתטע, דער חתן און אלע פריינט זייערע זיינען געקומען צו דער חופה און דא, זיינען זיי אלע קרובה ובלואה, גארניט צוגעגרייט. וואס קאנען זיי טאן? דער חתנס צד, וועט בלי ספק וועלן אפצולאזן דעם שדוך דערפאר.

אויסגעהערט דעם גאנצן שמועס, רופט ער זיך אן:

— קיין דאגות דארף מען ניט האבן פון קיין שום זאך. אלץ איז פון אים, יתברך שמו, נאר, מען דארף גיין מקבל שלום זיין דעם מחותן און דעם חתן.

גייט ער זיך דורך אויף דער אכסניה וואו זיי זיינען פארפארן. דער־זעען זיי אים, לויפן זיי אים אנטקעגן און נאכן איבעררעדן און דער־קלערן זיך איינער דעם אנדערן דעם טעות, וואס דער אבי החתן האט דא געהאט, און די ראלע, וואס דער נאמן פונם שטאט גביר האט דא געפירט צוליב אפחוזקן אביכל פון א טעותדיקן בריוו, איז געבליבן בהסכם כולם:

אזוי ווי אפטע איז נאענט, סך הכל צוויי שעה רייזע, זאלן זיי אראפ־פארן און אויסדערציילן אלץ פארן אפטער רב, ר׳ יהושע העשל, און ווי אזוי ער וועט זיי הייסן טאן, וועלן זיי אויספאלגן זיינע הייליקע דבורים. זיינען זיי געפארן און אויסדערציילט אלץ פארן אפטער ז״ל. האט ער אויפגעעפנט א תהלימל, מעיין געווען דארטן און זיך אנגערופן:

— נו, פארט לחיים ולשלום צוריק. איילט זיך צו, כדי איר זאלט שטעלן די חופה בזמנו, און פאר דער חופה — האט ער זיך געווענדעט צו דעם אבי הכלה — זאלסטו סלוקן דעם נדן, די מתנות להחתן, דעם חוב, ווייל אזוי זע איך אין תהלימל.

גלויבן זיי אין די רייד פונם הייליקן אפטער און פארן צוריק. אינ־מיטן וועג גייען זיי אראפ פון יואגן וואשן די הענט און דאווענען מנחה. דערזעט ער, דער אבי הכלה, א בייטל, הייבט ער אים אויף און געפינט א גאנצן אוצר אין אים. נעמט ער ארויס דאס געלט, ציילט תיכף אויס אינמיטן וועג דעם נדן, די מתנות להחתן, דעם חוב. קומענדיק אין שטעטל האט מען געקויפט גרייטע מלבושים, אויף גיך צוגעגרייט אלעס וואס מען האט געקאנט לצורך החתונה און מען איז געגאנגען צו דער חופה, און זיך משמח געווען אויף דער חתונה.

אויף דער חתונה איז געקומען דער שטאט־גביר און דער נאמן זיך משמח זיין מיט זיי. האבן זיי אלע געלויבט און געדאנקט צו הש״ית פארן גרויסן חסד, וואס ער טוט צו די אלע, וואס גלויבן אין זיין ליבן נאמען און האבן במחון אין אים.

# פון די ארויסגעבער

מיט דער גרעסטער צופרידנהייט, כאָטש מיט א פאַרדריסלעכער פאַר־שפּעטיקונג, האָט דער קאָמיטעט, וועלכער האָט זיך געשאפן אויף ארויסגע־בן בן ציון פייגאַנס שריפטן, איצט דעם כבוד פאַרצולייגן דאָס דאָזיקע ווערק. דער מחבר פון די דאָזיקע חסידישע דערציילונגען איז געווען גוט באַ־קאַנט צווישן די אידיש־לייענער, אז ס'זאָל נויטיק זיין אים פאַרצושטעלן פאַר זיי, דאָך האַלטן מיר פאַר נויטיק צו ברענגען אייניקע קורצע ביאָגראַ־פישע דאַטן..

בן ציון פייגאַן איז געבוירן געוואָרן אין לעכצוויץ, וואָלינער גובערניע, אין יאָר 1880, אין א פאַמיליע פון לומדים און רבנים.

זיין פאָטער האָט זיך איבערגעצויגן אין ביעלאָגראָדקע (וואָלין), ווען בן ־ ציון איז געווען נאָך א קליין קינד און דאָרט איז ער דערצויגן געוואָרן דורכן פאָטער אַליין, וועלכער איז געווען רב, שוחט און חזן אינם שטעטל, על ברכי התורה והעבודה.

די סביבה, וואו בן־ציון פייגאַן איז געוואקסן, איז געווען א פרום־חסידישע און ער האָט דידאָזיקע אַטמאָספער איינגעזאפּט אין זיך פון דער פריער קינדהייט אָן, וואָס האָט דערנאָך צוגעגעבן אזוי פיל פּשטות, עכט־קייט, נאַטירלעכקייט און שלימות די חסידישע מעשיות און שילדערונגען פון רביישע הויפן, גוט־אידישן לעבן און חסידישע תורה, וואָס ער האָט, אין פיל צענדליקער, פאַרעפנטלעכט פאַר די עטלעכע און צוואַנציק יאָר, וואָס ער האָט געוואוינט אין ארגענטינע.

דער פאָטער, דער שוחט און רב, האָט אליין געלערנט מיט זיינע קינ־דער תורה, כדי מקיים זיין די מצוות עשה פון „ושננתם לבנך" און דערמיט דערקלערט זיך, וואָס בן ציון פייגאַן האָט נישט געלערנט אין קיין ישיבה, נאָר שפּעטער, א דערוואקסענער, געלערנט גפ"ת פאַר זיך אליין, אין דעם בית־מדרש פון שטעטל.

א גרויסער למדן און גוטער קענער פון חסידות, האָט פייגאַן פון דער־

פריער יוגנט אויך געלערנט העברעאיש און השכלה, פארנעמענדיק זיך מיט לערעריי — נאך אלס יונגערמאן — אין פארשידענע שטעטלעך פון וואָלינער גובערניע.

אין 1910 האָט ער אויסגעוואנדערט קיין ארגענטינע (פריער אליין און שפּעטער, נאָך דער וועלט־מלחמה ערשט, איז אריבערגעקומען אהער זיין פאמיליע), וואו ער איז געוואָרן העברעאישער לערער אין דער יק"א־שולע אין סאנטא טאמאס, דערנאך אין קארלאס קאסארעס; ביידע פון דער קאָלאָניע מאאוריציע. אין איניקע יאָרן ארום איז ער אריבערגעפירט געוואָרן קיין ענטרע ריאָס, וואו ער איז געווען העברעאישער לערער אין באסאווילבאסא, אין בּאראנעטשע, שפּעטער איז ער געווען לערער אין ראָזאריא און זייט די לעצטע אכט יאָר איז ער געווען לערער אין דער תלמוד תורה הראשונה און דר. הרצל, וואָס ביי דער שיל אויף פּאסאָ.

איינציייטיק מיט זיין טעטיקייט אלס לערער, האָט ער זיך אָנגעהויבן פארנעמען מיט שריפטשטעלער־טעטיקייט פון דער ערשטער צייט פון זיין אָנקומען קיין ארגענטינע.

מען קען זאָגן, אז עס איז נישט געווען אין ארגענטינע קיין איין אידישע אויסגאבע, פון נאציאָנאל־געזעלשאפטלעכן כאראקטער, וואָס איז אין משך פון דער צייט דערשינען, אין וועלכער בן־ציון פיינגאָן זאָל נישט געווען האָבן מיטגעארבעט, פארעפנטלעכנדיק דאָרט בילדער און סקיצן פון אידישע לעבן אין וואָלין, פון חסידישן לעבן, קינדער־מעשהלעך און סצענעס, חסידישע פאָלקס־מעשיות און אויך דערציילונגען פון דעם לעבן אין די היגע אידישע קאָלאָניעס.

זיינע ליטעראַרישע ארבעטן האָט ער אָנגעהויבן אין דעם „ארגענטינער וואָכנבלאט“, וואָס איז ארויסגעגעבן געוואָרן פון וואָלף צייטלינען; ער האָט דערנאך מיטגעארבעט אין דער ערשטער טעגלעכער צייטונג „דער טאָג“, אין „די אידישע האָפנונג“, אין דעם וואָכנבלאט „דער קאָלאָניסט“, וועלכעס איז דערשינען אין דאָמינגעז, אונטער דער רעדאקציע פון ז. ברכות, אין "די אידישע וועלט" א. אנד.

אין משך פון די לעצטע עטלעכע יאָרן האָט ער מיטגעארבעט אומאיבערגעריסן אין „די אידישע צייטונג“, פארנעמענדיק זיך אויסשליסלעך מיט שרייבן און פארעפנטלעכן דערציילונגען פון חסידישן לעבן.

די דאָזיקע דערציילונגען זיינע, וואָס זיינען געשריבן לייכט, פאָלקסטימלעך, טיף דורכגעדרונגען מיטן גייסט און מיט דער תורה פון חסידות,

זענען אַ גרויסער בייטראַג פאַר דער דאָזיקער ליטעראַטור.

פייגאַן האָט זיך אין די לעצטע חדשים פאַר זיין קראַנק ווערן ארומ־געטראָגן מיטן געדאַנק צו זאמלען די בעסטע פון די פיל־צענדליקער חסי־דישע דערציילונגען זיינע אין אַ גרויסן באַנד; די קראַנקייט אָבער, וואָס האָט זיך אויף אים אָנגערוקט, האָט נישט דערלויבט צו פאַרווירקלעכן זיין לעבנס־טרוים.

בן־ציון פייגאָן איז געשטאָרבן אין דער פריער עלטער פון 54 יאָר, ווען ער האָט נאָך געקאָנט און געדענקט צו זאמלען פיל אוצרות פון חסידישער תורה און פאָלקסטימלעכקייט און איבערגיסן זיי אינם געשטאַלט פון פשוטע, פאָפולערע און ברייט־געלייענטע קורצע סקיצעס און שילדערונגען, ווי זיינע שאַפונגען פון חסידישן לעבן זענען.

איז דאָס אַ גרויסער שאָדן, וועלכן מיר ווילן טיילווייז פאַרגרינגערן מיטן ארויסגעבן דעם פאָרליגנדיקן באַנד פון זיינע שריפטן.

אין דעם באַנד גייט אריין בלויז אַ טייל פון די ארבעטן, וועלכע דער מחבר האָט אָנגעשריבן און געדרוקט. פון די דאָזיקע אויסגעוויילטע דער־ציילונגען וועט מען זיך קאָנען שאַפן אַ באַגריף וועגן זיין טאַלאַנט, וועגן דער מענטשלעכער גוטסקייט, וואָס שטראַלט ארויס פון זיי און וועגן זיין פעאי־קייט זיך צו אידענטיפיקירן מיט דער נשמה פון זיינע באַשריבענע העלדן. אין דער אידישער ליטעראַטור פון ארגענטינע וועט דאָס דאָזיקע בוך פון בן ציון פייגאָן, וועלכעס ווערט ארויסגעגעבן דורך דער איניציאַטיווע פון זיינע פריינט, בכדי צו ערן זיין אָנדענק, בלי ספק זיין אַ זעלטענער ווערטפולער דאָקומענט. מיטן ארויסגעבן עס דערפילן מיר לפּחות אַ טייל פון פייגאָנס אינטימען וואונטש ארויסצוגעבן אַ זאמלונג פון די דערציילונגען, וועלכע ער האָט מיט אזויפיל ליבע געשריבן.

דער קאָמיטעט.